STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01836

IN VEG TSUM ALTN MAN

Nahman Rapp

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין וועג צום אַלטון כּואַן

נחמן ראַפּפּ

פארלאג "אייגנס" ירושלים

1/XX /✓ JUL 24 '78

נחמן ראַפּפּ / אין וועג צום אַלטן מאַן

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון יידישן שרייבער — פאַריין אין ישראל
און קרן לתרבות ואמנות תל־אביב

Rapp, Nachman.
"In veg tsum altn man.

נחמן ראַפפ

אין וועג צום אַלטן מאַן

נאָוועלן און סקיצן

פאַרלאַג "אייגנס" ירושלים
תשל"ו — 1976

נחמן ראפפ — אין וועג צום אַלטן מאַן

בדרך לאיש הזקן

NACHMAN RAPP — In Weg Zum Altn Man

THE WAY OF OLD MAN

©

Copyright by N. Rapp

פארלאג ״אייגנס״ ירושלים

נדפס בישראל תשל״ו

PRINTED IN ISRAEL 1976

דפוס ״חבצלת״ הרצליה

אינהאלט:

1. אין דונערבליץ . . . . 7 — 17
2. אַ סאָלאָוויי אין ברענענדיקן וואלד . . . . 18 — 35
3. מאָנאַ ליזאַ . . . . 36 — 47
4. פּאַולוס . . . . 48 — 67
5. די יונגפרוי . . . . 68 — 92

סקיצן

1. פייגל איבערן קרעמאַטאָריום . . . . 94 — 99
2. ל ב י ר ה . . . . 100 — 105
3. די בלאָנדע רות . . . . 106 — 109
4. דער חלום . . . . 110 — 112
5. ראָזשינקעס־וויין . . . . 113 — 118
6. פליגלפלאַטער . . . . 119 — 122
7. אַ געוויינטלעכע פּאַסירונג . . . . 123 — 127
8. אויף דער עלטער . . . . 128 — 139
9. דאָס טייבעלע . . . . 135 — 140
10. אין וועג צום אַלטן מאַן . . . . 140 — 148

אין דונערבליץ

די מלחמה האָט מײַנע אויגן אויפגעריסן און איך האָב דערפילט דעם שאַרפן ריח פון היימישן אָראַנזשן־גאָלד אין פלאַמען. דעמאָלט האָט זי צו מיר געזאָגט: נעם מיך, פרעמדער, אומבאַקאַנטער, אין סוד פון דײַן קומענדיקער גבורה, ווײַל איך וויל זײַן מיט דיר אין דער איצטיקער שעה.

עס איז שוין אַ היפשע ווײַל נאָכן קורצן שניידנדיקן יאָמער פון דער סירענע. גאָט האָט איבערגעריסן זײַן משפט און מיט אַ בליק פון צאָרן און רחמים מבטל געמאַכט דעם תוקף פון יום הדין: דער געמשפטער טראָגט שוין אויף זײַן נישט־אויסגעטאָגנעם טלית דעם גרינעם רוקזאַק און פעלד־פלאַש. נאָך אַ ווײַל וועט ער מיטנעמען דעם שלוכץ פון ווײַב און קינד און אַוועק צו די פײַערן. דער כותל מערבי טוט אַן אָטעם מיט בר־גיורא און שיקט זײַנע זין צום שווערד און שפּיז. וואָס טוט דאָ דער אויפלויכט פון העל־בלאָנדע מיידלשע האָר און שמאָלער גוף פון צײַטיקן ווייץ, ווען פאַר די אויגן גייט אויף דער רויך פון דעם פײַער וואָס קומט אָן?

ערשט נעכטן האָב איך זי באַקענט. צופוסנס פון די פאַרגליווערטע פליגל פון דער ווינט־מיל איז די גרופּע געפלויגן אין יוגנטלעכן דמיון אין דער הונדערט־יאָריקער קאַרעטע פון יידישן לאַנד. אַ גיטאַרע האָט געשפּילט פאַר אַ דערנעבן־שוועבנדיקן גאָט. די גרופּע האָט זיך געוויגט אין אַ ניגון, ריטמיש ווי דאָס ריזלען פון בלוט אין אָדערן. איך בין פאַרבײַגעגאַנגען און זי דערזען.

אירע אויגן האָבן געמוזט קוקן אויף מיר. ווייל איך האָב זיי געפילט ווען איך האָב געטרונקען דעם ווונדער פון דער זון אויף איר געזיכט, און אויך דעמאָלט ווען איך בין אויפגעגאַנגען צום געטלעכן באַרג. ווען איך בין צוריקגעגאַנגען, בין איך שוין געווען איינער פון זיי, איינער פון איר. איך האָב זיך נעבן איר אַוועקגעזעצט, צופוסנס פון די טונקעלע פליגל פון דער מיל. אין די לבנה־שטראַלן האָבן אירע אויגן געלויכטן ווי קליינע טייכן. זי האָט געפליסטערט:

פונוואַנען האָסטו גענומען די שיינקייט פאַר דיין לאַנד?

איך בין געזעסן קעגנאיבער דער פרעמדער און געטרונקען פון איר בליק די גוטע רו. אַ דין קייטעלע איז אַראָפּגעהאָנגען פון איר האַלדז און אויסבאַהאַלטן דעם מעדאַליאָן אין שמאָלן ברוסטן־טאָל. גוט וואָס ער איז אויסבאַהאַלטן אָט דער מעדאַליאָן אין דער איצטיקער פאַרכטיקער נאַכט. מיר האָט שטענדיק באַרויבט מיין רו דער פרעמדער דערנערדיקער אָפּגאָט. אירע מיידלשע ברוסטן האָבן אויפגעציטערט ווען זי האָט זיך אויפגעשטעלט. מיר זענען אַוועק אין מילך־וועג פון דער לבנה־נאַכט, זי — מיט די קליינע בלויע טייכן אין אירע אויגן, געבראַכטע פון צווישן קאַנאַדישן וואַלד־דרימל, און איך, מיט מיין אויפגעוועקטן אומרו אין האַרץ, וואָס קאָן זיך אין זיינע צוואַנציק יאָר אַליין נישט דערקענען.

ווען די סירענע האָט זיך צעיאָמערט איז זי געשטאַנען אַליין, אויפן ברייטן געפלאַסטערטן פלאַץ קעגנאיבער דעם כותל און אויפגעריסן אירע בלויע אויגן צום בלויען סוד פון הימל. איך האָב געבעטן דעם גוטן גאָט אָפּשטעלן דעם יום־הדין, ווייל איך האָב געמוזט לויפן אויסטרינקען דער מאַמעס טרערן. אויפן וועג האָט זי מיר אָנגענומען ביי דער האַנט און געפרעגט:

— ווי וועל איך קאָנען העלפן דיר לעשן דאָס פייער?

אירע צוויי ליכטיקע טרערן זענען געקומען פון זייער ווייט, פון ווייטע בלויע קולאַן, וואָס ריזלען אין קאַנאַדישער וואלדערניש. איך האָב זיי מיטגענומען, אָט די דאָזיקע צוויי קליינע בלויע טייכן. איך האָב זיי גע־טראָגן אויף מיינע ליפּן אין בראַנדיקן מדבר און זיי געהיט נישט אומצו־קומען אין טאַנקישן צאָן־געקריץ.

נישט איך בין עס לייכט פאַרוואונדעט געוואָרן אין צווייטן טאָג מלחמה, נאָר מיין חבר וואָס זיצט מיט מיר אין טאַנק. פון אונטערן פייער האָבן מיר דעם טאַנק אַרויסגעפירט און שמוליק האָט דערפילט אַ שאַרפן ביס פון אַן אומגעזעענער גרויסער פליג אין קנעכל פון זיין לינקן פוס. אין שפּיטאָל האָט ער געשמייכלט מיט זיינע ווייסע ציין און שטיפערישע אויגן גלייך אין פנים אַריין דער בלאָנדער שוועסטער:

— שלעפּ מיך דאָ נישט אַריין אין דער לאַנגער באַנק אַריין — האָט ער איר געזאָגט — באַנדאַזשיר מיר דעם פוס און לאָז מיך גיין. יעקב וועט פאַרפאָרן ביז דמשק איידער איך וועל באַוויזן צוהינקען צו אים!

ער איז צוריקגעקומען, דעם חבר מיינער, און מיך געטראָפן אויף די בערג פון בשן. אַ לאַכנדיקער האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון זיין בלוזע אַ קאָנווערט און עס מיר דערלאַנגט:

— האָסט מזל צו בלאָנדע — האָט ער געזאָגט — נעם.

די קאָרגע ציטערדיקע ווערטער האָבן דערנענטערט צו מיר די רואיקע טייכן פון אירע בלויע אויגן, אָנגעשוואָמענע פון ווייטער ריזלעניש אין קאַנאַדער וועלדער. אין קאָנווערט איז געלעגן אַ דין קייטעלע פון ליכטיקן גאָלד. אַ קייטעלע און נישט מער. זי האָט געשריבן:

— דעם מעדאַליאָן האָב איך פאַרלוירן ווען איך האָב געפונען מיין האַרץ. דאָרנדיקע אָפּגעטער וועלן מיר שוין נישט אָפּטיילן פון דיר. איך האָב זיך געלייטערט אין דיין פייער.

די זון אויף די בשן־בערג האָט מיר געוויזן דעם וועג פאָרויס.

✶

ווי אַזוי אורי איז געפאַלן — לאָזט זיך נישט באַשרייבן, ווייל נישט אַזוי פאַלט אַ זעלנער אויפן פראָנט, ווען עס טרעפט די פאַרעטערישע קויל און שניידט איבער דעם פאָדעם פון זיין לעבן. אורי האָט אויפגענומען אין זיך דעם טויט און מיטן טויט אין זיך געשטורעמט אין לעבן אַריין,

ביז דאָס לעבן איז פאַר זיינע אויגן אויפגעגאַנגען, און ער אַליין, אורי, איז געפאַלן אין די קאַלטע אָרעמס פון דער טויטער רו.

די זון איז פאַרגאַנגען און עס האָט אָנגעהויבן דעמערן. אין ירושלים לאָזט זיך אַראָפּ די זון געלאַסן אונטערן באַרג וואָס קעגנאיבער דעם הר הבית. אַ ווייל הערשט אין שטאָט אַ סודותפולע שטילקייט און באַלד דערנאָך קומט אָן די נאַכט און פאַרבעט צו זיך די פייערן פון דער שטאָט. דאָ, ביים קאַנאַל, אין אומענדלעכן מדבר, נידערט די זון צום פלאַכן האָריזאָנט און לעבט אויס די סאַמע לעצטע מינוטן פון איר ליכט. דער זאַמד צינדט זיך אָן אין גאָלד און די נאַכט ליגט פאַרוויקלט אין איר טונקלקלייד און וואַרט מיט איר אָנקומען ביזן לעצטן ציטער פון זונשטראַל. דעמאָלט באַדעקט אַ שווערע געדיכטע פינצטערניש דעם מדבר, וואָס קיין שום שאַרפער אָנפלי פון פייגל־פלאַטער קען אים נישט דורכשניידן. די געדיכטע פינצטערניש פון בונד בין הבתרים וואָס איז פול מיט סוד און פאַרכט.

די טראַנשיי ביים קאַנאַל ווו אורי מיט זיין אָפּטייל האָבן זיך געפונען, איז מיט אַלץ געווען ענלעך צו די איבעריקע טראַנשייען, וואָס דער באַוווס־טער אלוף האָט אָנגעפעסטיקט ביים ראַנד פון וואַסער. אויך דאָ איז דער אַריינגאַנג געווען אַ שמאָלער, אויסגעבעט ביי די זייטן מיט זאַמד־זעק, אַרומגעזוימט מיט דראָט און שטאָלערנעם רעלס. אינעווייניק האָט זיך די טראַנשיי אויסגעברייטערט, פאַרן דורכגאַנג פון צוויי מענטשן אין דער ברייט. אין די באַפעסטיקטע ווענט — גאָרנדיקע זעלנערישע געלעגערס, ווו מענטש און ביקס האָבן געוואַכט צוזאַמען נישט צום צעטיילן. פיילן האָבן געפירט צו דער דרויסן־זייט, ווו עס געפינט זיך דער עס־טיש און דער אַלגעמיינער וואַסער־טוש. שטעכל־דראָט און שווערער ערד־אָנשיט איבערן קאָפּ האָט דערמאָנט וועגן אַ שונא וואָס קען קומען שטערן די שווערע זעלנערישע רו.

אין יענעם ערשט צוגעפאַלענעם אָוונט איז די שטילקייט אין דער טראַנשיי געווען אַ שווערע און געפרעסטע. אין שטעט און ישובם איז אַריינגעטרעטן אין האָרץ די פאַרכט פון כל נדרי און יידן האָבן מיט צע־בראָכענע געמיטער זיך צוגעשטעלט צום יום הדין. אויף די בעטלעך אין דער טראַנשיי זענען די זעלנער געלעגן, יעדער אויף זיין געלעגער און

געמורמלט אין די קליינע זעלנעריש מחזורים די תפילה זכה. קורץ דערנאָך האָט דער מעמ־פּיי אורי אַראָפּגערופן זיינע זעלנער פון די געלעגערס און מען האָט זיך געשטעלט צו כל נדרי.

די פלוגה פון אורי איז באַשטאַנען פון ישיבה־לייט פון ירושלים. די יונג־אָנגעוואָקסענע בערד ביי די זעלנער, פעך־שוואַרצע, בלאָנדע און רויטע ווי פייער, האָבן די יונגע בחורים פאַרוואַנדלט אין אויסגעהאַמערטע פאַרצייטישע געשטאַלטן, וואָס מען זעט זיי אין היסטאָרישע קופּערשטיכן. בלויז די רואיקע בליקן זייערע, צניעותדיקע און שעמעוודיקע, האָבן אויס־געזאָגט דעם סוד פון זייערע קוים צוויי צענדליק יאָר. אין דער טראַנשיי האָט געהערשט אַ שטילקייט ווי פאַר אַ געוויסער דערוואַרטונג. די זעלנער זענען שוין לאַנג נאָכן טוש און פון אוריס קופּערנער באָרד האָבן נאָך אַראָפּגעשיינט די לעצטע פינקלענדיקע וואַסער־טראָפּנס. ער איז געשטאַנען אינמיטן פון טראַנשיי און מודיע געווען:

— מען שטעלט זיך צו כל נדרי.

ער האָט געזען ווי די זעלנער גייען געלאַסן אַראָפּ פון זייערע איינ־געמויערטע בעטלעך און זאַמלען זיך אין מיטן פון דער טראַנשיי. אין האַרץ ביי אים האָט אַ פלאַטער געטאָן דער אומגעזעענער פויגל פון אומרו. ערגעץ אין אַ קליין געסל, כמעט אַ הויף אין סאַמע האַרץ פון ירושלים, שטייט די ישיבה. אויך דאָרט ווערט איצט געזאָגט די אַלטע טרערנדיקע תפילה. אין ווייסן שטייען איצט די זקנים צוזאַמען מיט די יונגעלייט און די תפילה פליסט פון זייערע לעפצן אַראָפּ ווי פריש קוואַלנדיק וואַסער. און דאָ, צווישן געפלאָנטער פון שטעכל־דראָט און שווערן ערד־אָנשיט איבערן קאָפּ, שטייען יונגעלייט, די זעלבע וואָס הערן זיין שעור צווישן די ישיבה־ווענט, און ער, דער מעם־פּיי דערמאָנט זיי, אַז יעדער דאַרף שטיין אין זיין תפילה נישט ווייט פון זיין ביקס און גראַנאַטן־בונט, ווייל אַזוי דאַרף איצט געטאָן ווערן. ער קען דאָ יעדן איינעם, מיט זיין חריפות אין לערנען און מיט פלייס ביים אָפּהיטן די ריינקייט פון געווער. רבונו של עולם, וואָס פאַראַ אויסטערלישקייט האָסטו אַרויפגעלייגט אויף די פּלייצעס פון אָט די באַוואָקסענע יונגעלייט, וואָס זייערע בליקן זענען נאָך אַלץ צניעותדיק און קינדיש?

די ערשטע שיסעריי האָט אים געטראָפן, ווען ער איז געווען פאַרזונקען אין רעיונות און זעאונגען. אַ לאַנג־געלערנטע סוגיא פון מסכת יומא האָט זיך געפלאָנטערט אין מוח און האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָפּלאָזן. פלינק, ווי אין ווינט האָבן זיך אין מוח אָנגעטראָגן דער רא״ש, דער מהרש״א, וואָס האָבן אויפגעוויזן די האַרבקייט פון דעם שבת שבתון, דעם טאָג יום־כפור, וואָס איז נאָך הייליקער פון טאָג שבת. באַלד איז אונטערגעקומען די שיטה מקובצת און די דאָזיקע האַרבקייט מילדער געמאַכט, און מיט דעם ווידער אויפגעהויבן די הייליקייט פון שבת צום סאַמע אויבנאָן. אינמיטן דעם שאַרפן פלפול איז פאַר די אויגן אויפגעשוווּמען אסתר, יענע שטאַלטנע שמאַל־גופיקע יונגפרוי, די טאָכטער פון אַ ראש־ישיבה אין אַ שטאָט אין ישראל, וואָס שטייט מיט אים אין שידוכים און וואָס וועט אינגיכן ווערן זיין ווייב. זי שמייכלט נישט צו אים אין זיין דמיון און רעדט נישט צו אים. זי הויבט־אויף אויף אים אירע אויגן, נאָר אויף אַ וויַיל, און באַלד לאָזט זי איבער אירע אויגן אַראָפּ אַ פּוירהאַנג פון לאַנגע טונקעלע ברעמען פול מיט הכנעה. ער וויל זי זען, אָבער זי פאַרשווינדט תיכף, אויך די שיטה מקובצת הערט אויף איר לאָגישן געפליסטער: עס דערהערט זיך אַ פאַרטויבנדיקער קנאַל פון אַ האַרמאַט.

ווען די זון איז שוין אינגאַנצן געהאַט אַרויס פון איר פוטער־פאַס און דער גרויסער טאָג איז שוין געהאַט אָנגעקומען, האָבן שוין פיינטלעכע רערן פון קאַנאָנען און לופעס פון צייניקע טאַנקען געריסן שטיקער הימל און ערד אויפן מזרח־ברעג פון קאַנאַל. אורי האָט רואיק, אָבער מיט האַרב־קייט אין קול געמאָלדן זיינע חברים אין טראַנשיי, אַראָפּלאָזנדיק אין אָנ־מאַכט די לאָרנעטע אין זיין האַנט:

— רבותי, מיר זענען אַרומגערינגלט.

און געקלונגען האָט עס, ווי נאָך אַ סעודת מצווה מעלדעט דער חשוב־סטער זקן: רבותי, מיר וועלן בענטשן. אַ בלאַסקייט האָט זיך אָפּגעזעצט אויף די פאַרברוינטע פנימער פון די זעלנער און זייערע צעוואַקסענע בערד זענען פאַרגליווערט געוואָרן. איינער פון די זעלנער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און כמעט אויסגעשריגן דעם פאַרצווייפלטן געזאַנג פון אַלטן יידישן מלך:

— סבבוני פרים רבים אבירי בשן כתרוני!

אורי איז צוגעפאַלן צום פעלד־טעלעפאָן:

— שטורעם־פויגל! שטורעם־פויגל! דו הערסט מיך? חזר איבער! שטורעם־פויגל! גיב פייער! אויף אונדז! אפס־אפס שתיים! צום ציל! חזר איבער!

הימל און ערד האָט זיך אויסגעמישט צוזאַמען. רויך און שטויב האָבן געהויבן אין דער הויך אַ געדיכטן וואָלקן, פון פינצטערן שוואַרצן פייער. אין די דאָזיקע קאַרגע שעהן האָבן זיך אורי און זיינע זעלנער פאַרוואַנדלט אין פינצטערע דראָענדיקע שרפים. ערשט שפּעטער ווען דאָס פייער האָט זיך אַ קליינע ווייל איינגעשטילט און דער מענטשלעכער מלחמה־געשריי האָט זיך פון דער נאָענט נישט געהערט, האָט אורי באַפוילן, מיט אַ צו־הויכן געשריי, ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז דאָס געשריי זאָל זיך דערנאָך אומקערן צוריק צו אים אין האַלדז אַריין:

— לקום! אויפשטיין!

צוויי האָבן זיין באַפעל עקשנותדיק נישט אויסגעפאָלגט, מיט זייערע קורצע ביקסן אין די פאַרקראַמפטע הענט זענען זיי געלעגן צונויפגעקאָרט־שעט און זיך געטוליעט צו די דינע שטראָמען בלוט וואָס זענען נאָך פון זיי געפלאָסן.

אורי האָט געוווסט: איצט איז די צייט צו פאַרלאָזן די אַרומגערינגלטע טראַנשיי און זיך פאַראייניקן מיט די כוחות וואָס שטויסן אָפּ די אַטאַקע פון שונא. איצט אָדער אינגאַנצן נישט. ער האָט אָבער נישט געפונענען דאָס וואָרט, מיט וועלכן אָפּצורייסן זיינע חברים פון דעם אָרט. דאָס בלוט פון די צוויי געפאַלענע האָט געטריפט לאַנגזאַם און רואיק און די זעלנער צוגעפעסטיקט אַרום זיך. אורי האָט געזוכט דאָס פאַסיקסטע וואָרט וואָס זאָל די זעלנער פון אָרט אָוועקרייסן, און איז אַליין געבליבן אין גליווער אַרום די צוויי טייערע טויטע. מיטאַמאָל האָט זיך פון זיין האַלדז אַרויס־געריסן דאָס גרויזאַמסטע ליד פון אַלטן יידישן מלך, אַ ליד וואָס טראָגט דיך פאָרויס, מיט פאַרהויבענעם שפּיז און אויסגעשטרעקטער ברוסט אַנט־קעגן אַלע געפאַרן. אורי האָט אויסגעשריגן:

— למנצח שיר מזמור!... יקום ה׳ ויפוצו אויביו!...

און מיטן אַלטן שטורעם־ליד זענען די ישיבה־לייט אַרויס פון טראַנשיי און מיט די עוזיס אין די הענט אַוועק קעגן טאַנקישן צאָן־געקריץ פון פיינט.

אורי איז נישט געפאַלן ווי עס פאַלט אַ זעלנער אין שלאַכט, ווען עס טרעפט אים די פאַרעטערישע קויל פון שונא. ווי אַ שטורעם ווינט אין מדבר, וואָס אָט הויבט ער זיך אויף אין אַ ווירבל־קנויל צום הימל, פאַר־שווינדט און קומט אויף מיטן זעלבן קנויל אויף אַ צווייט אָרט, ביז ער פאַלט און פאַרשווינדט פון מענטשלעכן אויג, אַזוי איז געפאַלן דער מעם־פיי אורי. ווי אַ וונט האָט ער זיך געטראָגן פון אָרט צו אָרט, געשאָסן פאָרויס, פאַרשטעלט מיט זיין ביקסן־שאָס אַ געפאַלענעם חבר דערנעבן, ביז עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַלץ: די קוילן אין ביקס, די חברים אַרום אים, און אויך דער בלויער הימל, וואָס האָט אין איין מינוט אויפגעהערט צו זיין בלוי.

מען וואָלט נאָך געקענט צוגעבן, אַז איידער אורי האָט פאַרמאַכט זיינע אויגן אויף אייביק, האָט ער נאָך באַוויזן צו זען אסתרן, איר צניעות־דיקן בליק אונטער לאַנגע זיידע ברעמען, די ישיבה מיט די בחורים, פאַר וועלכע ער האָט געזאָגט אַ שעור, די ליכטיק־לאָגישע רעיונות פון דער שיטה מקובצת... יאָ, מען וואָלט עס געקאָנט צוגעבן. אָבער דאָס איז שוין נישט אמת. ווען די קויל האָט אים געטראָפן אין סאַמע האַרץ, האָט ער צוגעמאַכט זיינע אויגן און זיין נשמה איז צוגענומען געוואָרן פון אים בנשיקה.

✶

נעכטן בין איך געגאַנגען צום הר הבית. ווען די האַרבסטיקע הימלען זענען פול מיט טרויער, איז גוט צו גיין זיך אָנטרינקען מיטן שאַרפן גע־טראַנק פון טרייסט. אויך די זון האָט זיך איר אָרט ווו עס פאַרטונקלט איר נישט דער אָנקומענדיקער וואָלקן. יעדער בן אדם מוז געפינען דעם וועג צו דער זון.

פאַרשידענע וועגן פירן צום הר הבית. גייסט דורך די ענגע מאַרק געסלעך, וואָס צווישן די מויערן, אָדער דו צייִלסט די טויערן פון דער דרויסן־זייט פון דער מויער, און ווו דו זאָלסט זיך נישט קערן — גייסטו אויף צו דעם ליכט. איך בין אויפגעגאַנגען מיט דעם וועג, וואָס מענטשלעכע טריט האָ בן אים אויסגעטראָטן, שמאָל און מיט פאַרכט, צווישן שטייניקן אָנוווקס, אויפן שפּיץ פון אַראָפּהאַנג, פונוואַנען דער מענטש זעט אויס ווי אַ טונקעלער קליינער פלעק, וואָס דערהויבט זיך אין פיין צו דער־לייטערונג. דאָס איז מיין באַליבטסטער וועג. עס איז שטיל און דו קאָנסט זיך דערהערן. ווי שווער איז צו דערהערן די אייגענע שטים, אין טעג פון יאָמער, אין רויך נאָכן דורכגעקנאַלטן פייער! און אויפן דאָזיקן וועג גיי איך און הער די אייגענע טריט ווי אַ געזאַנג.

פּאָרויס, פאַר מיר, גייט אַ מאַן, מיט אַ סוקעוואַטן אַליוון־צווייג אין דער האַנט און ציילט זיינע טריט. ער גייט נישט מיטן אויסגעטראָטענעם, שמאָלן וועג אויף וועלכן איך שפּאַן, נאָר דערנעבן, אויפן שטייניקן אָנגע־וווקס. איך זע אַז ער מיידט נישט אויס די שאַרפע שפּיציקייט פון די שטיי־נער, ער פּרוווט זיי מילד מיטן שטעקן אין דער האַנט, טרעט אָן אויף זיי מיט זיין טראָט, און שפּאַנט ווייטער, העכער, ביז ער קומט אָן צום הויך פונעם באַרג, דאָרט ווו עס הויבט זיך אָן דער שאַרפער אַראָפּהאַנג צום טאָל. איך קום צו אַביסל נענטער און באַטראַכט דעם דאָזיקן אַלטן מאַן, וואָס שוועבט איבער די שטיינער ווי אַ יונגער ווינט.

נישט ווייניק אַזעלכע ווי ער זעט מען אין ירושלים. ער איז הויך און פעסט געבויט. זיין לאַנגער דיקער מאַנטל איז פון נישט קיין באַשטימטן קאָליר: אָט איז עס טונקל־גראָ און אָט איז עס, אין שיין פון קרומען זונ־שטראַל, ברוין, באַהויכט מיט אַ זילבערנעם גלאַנץ. זאָל עס זיין אַ בגד געשפּינט פון קעמל־האָר? דער גירטל אַרום זיינע לענדן איז ברייט און פון לעדער, וואָס מען זעט נאָך אויף אים דעם שפּור פון ציגן־פעל. פון טיפן אויסשניט פון זיין בגד זעט זיך זיין האָריקע ברוסט, אויסגעהאַמערטער קופּער מיט זילבער־פעדים באַוואָקסן. אַ נזיר פון די היגע מקומות, אָדער אַ ווייטער פּילגרים וואָס זוכט מחילה פאַר באַגאַנגענע זינד?

ער בלייבט שטיין ביי אַ שטיין, באַוואָקסענעם מיט גרויען גראָז, שפּאַרט

אָן זיין שטעקן אין דער ערד און נעמט אַרום מיט זיין בליק די געגנט קעגן אים. ווי אין אַ גלייכער אָנגעצייכנטער ליניע בלויט אַ פּאַס פון דאָרמיציאָן־קלויסטער צום מגדל דוד און די מויער אינמיטן באַהאַלט הינטער זיך דעם סוד פון נישט געזעענעם. ערשט איצט זע איך דאָס געזיכט פון דעם מאַן. זיין לאַנגע גראָ־טונקעלע באָרד איז געקאַרבט ווי טונקעלער, טרעפּיקער וואָלקן, זיין קאָפּ, אָפּגעדעקט קופּערדיק־ברוין פון דער מיט ביזן הויכן, צעאַקערטן שטערן, בלויז די שווערע טונקעלע לאָקן פוןביידע זייטן קאָפּ הענגען אַראָפּ ווי אין כישוף שטיין־געבליבענע וואַסערפאַלן און פאַרשווינדן אין דער געדיכטעניש פון זיין באָרד. איך גיי צו נענטער און זע זיינע אויגן: צוויי ברייט־צעעפנטע בלויע טייכן, רואיקע ווי די רואיקייט פון לאַם. עס ציט מיך צום דאָזיקן מאַן, צו זיין רואיקייט. ווו נאָך קענסטו געפינען רו אין די דאָזיקע אומרואיקע טעג? איך זאָג צו אים:

— אַלטער מאַן, פאַרוואָס טוסטו קלעטערן איבערן שפּיציקן געשטיין און גייסט נישט מיטן אויסגעטראָטענעם מענטשלעכן וועג, אויב דיין געזיכט איז געווענדט צום הייליקן באַרג?

— נישט איך גיי צום הייליקן באַרג און נישט איך זוך דעם גלייכן וועג צו אים אין דער איצטיקער שעה. מיין האַרץ און מיין אינגעווייד ציט מיך צום שטיין. און איך ווייס אויפסניי נישט ווער איז עס, אָט דער אויס־טערלישער מאַן, מיטן מאַנטל פון קעמל־האָר אויפן לייב און ברייטן, בלויען שאַפּענעם בליק. זאָג איך ווידער צו אים:

— אויב ביסטו אַ ייד, איז מיר פאַרשטענדלעך דער טרויער אין דיין שטים און חסד פון דיין בליק. ווייל טרויער און חסד — אָט דאָס ברויכן איצט די קינדער פון ישראל.

— קוק — ווייזט מיר דער אַלטער מאַן מיט זיין שטעקן פאָרויס — אָט דאָרט, האָרט ביי דער מויער־וואַנט ציילט זיינע קליינע טריט אַן אייזל מיט אַ דאָרפסרייטער אויף אים. ביידע, דער אייזל און זיין רייטער הערן נישט דאָס געוויין פון דער שעה און זענען פאַרזונקען אין שטילן גאַנג פון דעם טאָג. אָבער אין דער אמתן האָט דאָך דער טאָג אָפּגעשטעלט זיין גאַנג און די נאַכט טוט אים אַרומרינגלען. ווי קאָן מען געפינען חסד אין פינצטער פון דער נאַכט?

— אלטער — זאָג איך צו אים ווידער, — לאָמיר אויפגיין צום הייליקן באַרג, פון דאָרט איז נאָך דער חסד קיינמאָל נישט אָפּגעטראָטן. שטיי אויף פון דיין זיצן אויפן שטיין און לאָמיר אויפגיין צום הר־הבית און זיך שטעלן פאַרן פנים פון דער שכינה.

— עס איז מיר נישט געגעבן געוואָרן צו גיין צום הייליקן באַרג אין דער איצטיקער שעה — טוט דער אַלטער מאַן אַ שנייד מיט זיין ענטפער. די שכינה איז איצט פון דאָרט אַוועק און זיך באַזעצט אויפן שאַרפן שפּיץ פון שניידיקן שטיין!

ער זיצט אויפן שטיין און זיינע קני זענען צעשפּרייט ווי ער וואָלט אין זיין שויס געהאַלטן אַ פאַרבאָרגענע לאָם. און איידער ער נידערט זיין קאָפּ און באַהאַלט זיין געזיכט אין זיינע צוויי מגושמדיק־ברייטע דלאָניעס זאָגט ער צו מיר:

— אָן חסד און רחמים איז נישטאָ קיין רו. און די שכינה האָט נישט קיין שלווה. און ווייסטו פאַרוואָס די שכינה וואַרט נישט אויף מיר אויפן הייליקן באַרג? ווייל חסד און רחמים האָבן זיך אָפּגעטיילט פון איר און זענען אַוועק אַרום ווייטע וואַסערן, דאָרט וווּ מיינע יונגע קינדער עסן זייער ברויט מיט זאַמד און טויט געמישט, אין די הייזער וווּ מאַמעס וויינען אויף זייערע זין, וואָס זענען נישטאָ, קינדער פון ישראל וואָס זענען אַרויס־געפאַלן פון ספר החיים. דאָרט הויערט איצט דער חסד און רחמים, ווי איך דאָ, אויפן שניידיקן שפּיץ פון שאַרפן שטיין.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין געזיכט אין זיינע שווערע הענט און אַנט־שוויגן געוואָרן. איך האָב זיך געזעצט קעגן אים אויף אַ שטיין און געשוויגן. דעמאָלט האָב איך געזען, ווי אַ שווערער וואָלקן איז אָנגעקומען איבער זיין קאָפּ און איז געבליבן שטיין אין הימל. דער וואָלקן איז געוואָרן נידעריי־קער און נידעריקער, אָט־אָט און ער וועט אַראָפּנידערן אויפן קאָפּ פון אַלטן מאַן און אים דערדריקן. די אונטערגייענדיקע זון האָט דעם וואָלקן מיט אַ פייער־פלאַם באַזוימט און דער ברענענדיקער פּיאָלעט האָט אָנגעצונדן די גרויע לאָקן פון אַלטן מאַן מיט פאַרגליווערט פייער. אַ פאַרכטיקייט האָט מיך אַרומגענומען. האָב איך פאַרגראָבן מיין פנים אין מיינע הענט און איך האָב געוויינט.

אַ סאָלאָוויי אין
ברענענדיקן וואַלד

די בלויע, קורצזיכטיקע אויגן פון נאַום דאַווידאָוויטש ציטרין אונטער די דיקע אויגן־גלעזער געהערן אינגאַנצן נישט צום איצטיקן יאָרהונדערט. דאָס זענען אויגן, וואָס זענען קיין מאָל נישט אויפגעריסן געוואָרן פון שרעק אָדער זיך אויסבאַהאַלטן אונטער זייערע לעדלעך פון געלעכטער. זיין לעבן איז ער דורכגעגאַנגען מיטן דעוויז פון זיין רבין דעם יידישן בריליאַנטן־שלייפר פון אמסטערדאַם, וואָס האָט אים אָנגעזאָגט: נישט וויינען, נישט לאַכן, נאָר פאַרשטיין. האָבן זיינע אויגן געגנוי ווי ביי זיין לערער געקוקט גלייך צו דעם ליכט פון מענטשלעכן פאַרנונפט און נאָר אין אים געזוכט אַ תירוץ פאַר אלע שווערע קשיות. איז ווי קומען אַזעלכע אויגן אין דער קאַלטער ווינטערדיקער מאָסקווע, ווו מענטשן טוליען זיך צו דער אייגענער שרעק, ווי די האַנט פון אַ האַרץ־ליידנדיקן צו זיין ברוסטקאַסטן?

נאַום דאַווידאָוויטש געפינט זיך אין זיין צימער. ער זיצט אויפן ווייכן קישעלע אויפן אַלטן דעמבענעם ירושה־שטול און מיט זיינע אָפענע רויקע אויגן קוקט ער צום באַגלאָזטן ביכער־שראַנק, וואָס שטייט קעגנאיבער אים, ווי אַ געקומענער — און גוטער — פריינד, וואָס אײדער מען בעט אים זיצן, שטייט ער און שמייכלט מיט זיסער גוטסקייט. אין צימער איז שטיל און פון דער בשותפותדיקער קיך הערט זיך נישט דאָס געוויינלעכע

געשיר־געקלאַנג פון דער שכנה, וואָס האָט זיך באַוויזן איינצוקלאַמערן אין דער הויפּט־שטאָט און אויסגעמיטן פאַרשיקונג, אַ דאַנק דעם, וואָס זי האָט זיך באַצייטנס אָפּגעזאָגט פון איר מאַן, דעם פּאָלקאָווניק, וואָס האָט אין מיטן דער ארומרינגלונג פון לעגינגראַד פאַרקויפט די יאַפּאַנער סאַמוראַיען דעם סאָוויעטישן ווייטן מזרח. נאָום דאַווידאָוויטש איז צופרידן מיט זיין שכנה. עס געפעלט אים דער אָנשמייכלדיקער דאַנק אירער, בעת ער טוט פאַר איר אַ קליינע געפעליקייט. ער זעט אין איר אַ מענטש, וואָס נעמט אויף דערשיינונגען פאַרשטאַנדיק און קאַלט און פאַרענטפערט זיך נישט פאַרן אייגענעם האַרץ מיט פאַלשער היסטעריע.

אַמאָל האָט ער אַזוי געטראַכט וועגן גאַנצן רוסישן פאָלק, וואָס ליידט און לעבט נאָר צוליב דעם פונק מענטשלעכקייט אין אים, וואָס דערלאָזט אים נישט צו קיין זעלבסט־רחמנות און צו קיין איבערראַשונג פון באַדרי־קערס באַטייט. די דאָזיקע מיינונג זיינע וועגן רוסישן פאָלק האָט ער עטלעכע מאָל געענדערט, צום גוטן און צום שלעכטן. ביז די אָנגעלאָפענע געשעענישן האָבן אים אין גאַנצן אין אָט דער פראַגע צעטומלט. דעמלט האָט ער אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן פעלקער און זיך קאָנצענטרירט אויפן מענטש. אָט דער, וואָס געפינט זיך אין קרייז און אין צענטער פון אוניווערז.

ער זיצט און האָט הנאה פון דער שטילקייט. פּאַמעלעך הייבט ער אויף זיין שמאָלע האַנט און טוט אַ גלעט זיין גרוי לענגלעך בערדל. דער אויפ־געקומענער געדאַנק לויכט אויף אין זיין מוח, ווי אַ זונשטראַל צווישן לייכטע וואָלקנס. ער פאַרגינט זיך אַ שמייכל צו טאָן:

— פונדעסטוועגן זענען זיי נישט גערעכט, די יידישע חכמים. וואָס הייסט דאָס "כי מותר האדם מן הבהמה אין?" — נישט שוין־זשע איז טאַקע דער מענטש געגליכן צו אַ בהמה? און ווו אין דער באַוווסטזיין? דער געדאַנק, וואָס שאַפט דעם אומגעהויערן כוח? וואָלט דאָס אמת געווען, וואָלט דאָך דער מענטש, ווי די בהמה, אויפגעפרעסן אָדער צעטרעטן אַלע בלומען אין פעלד, אָנשטאָט הנאה פון זייער שיינקייט? ניין, עס איז נאַריש אַזוי צו טראַכטן.

און אפשר שטעקט פאָרט אַ געוויסער אמת אין דעם? איז דאָך דער

מענטש פונקט אַזוי אומבאַהאָלפן, ווי ער איז גרויס. ווען דער טויט שליסט זיינע אויגן, פאַלט אין פינצטערן תהום דער גאַנצער אוניווערז, אין וועלכן זיין בליק האָט זיך אָקאָרשט געשפיגלט. אויך וועגן דעם האָט דער יידישער חכם ביטער איראָניזירט: "וואָס איז דער מער מיט דעם מענטש, וואָס טוט זיך מיען אונטער דער זון". ניין, נישט לייכט איז צו געפינען אויף דעם אַן ענטפער, כאָטש אַן ענטפער מוז זיין, ווי עס מוז זיין לופט, וואָס דרינגט אַריין אין די לונגען און פילט זיי אָן מיט לעבן.

ער הייבט זיך אויף פון זיין שטול און לאָזט זיך אין ווינקל צימער צום לייטערל. ער וויל דערלאַנגען צו דער אויבערשטער פאָליצע. דאָרט, ווו עס ליגט פאַרשטעקט דאָס קליינע ספרל מיט די האַרטע לעדערנע טאָוולען, אַ ירושה־ספרל, געענוי ווי דער שווערער דעמבענער שטול, וואָס איז צו־זאַמען מיטן ספרל איבערגעגאַנגען צו אים בירושה פון זיין טאַטן, דעם אַדעסער משכיל. דאָס האָט אים זיין טאַטע אָנגעזאָגט אין דער צוואה: בצר לך ומצאוך, ווען דו וועסט זיין אין אַ באַדרענגעניש וועט עס דיך גע־פינען, דאָס מיינט מען דעם ספר־הספרים. אין אים זענען פאַראַן אַלע טרייסטן.

ווי וווּיל ער איז אַלט און זיינע פיס דינען אים גאַנץ שווערלעך, דער־פילט ער זיך יונג, ווען ער קלעטערט אויפן לייטערל. ער מאַכט די עטלעכע שטאַפּלען אַרויפצו פלינק און גיך, ווי אַ קינד וואָס וויל דערגרייכן זיין שפּילצייג. ער פאַרהייבט זיין האַנט צו דער פאָליצע און ווענדעט זיין בליק צו דער טיר. אָן אַ קלאַפּ האָט זיך די טיר געעפנט, און שטיל, ווי אַ לייכט ווינטל איז אַריינגעקומען זיין פרוי.

— וואָס עפּעס אַזוי פרי, אָלגאַ וואַסיליעוונאַ? — אין שטים האָט אים אָפּגעקלונגען אַ לייכטע זאָרג: אַ שאָד, ער ווע מוזן אָפּלייגן דאָס טראַכטן וועגן תכלית פון לעבן אויף שפּעטער. אַ שאָד, ער וואָלט געקענט אין דעם מאָמענט עפּעס פאַרצייכענען וועגן דעם. אָבער וואָס איז טאַקע געשען, וואָס זיין פרוי איז אין סאַמע מיטן טאָג געקומען אַ היים?

עס האָט איר פאַרדראָסן, וואָס איר מאַן רופט זי איצט ביי איר פאָטערס נאָמען. צו וואָס דאַרף זי איצט די כבודים? זי האָט זיך געשפּירט עלנט און צעבראָכן און וואָלט זיך גערן אויסגעוויינט אויפן אַקסל פון איר אַלטן

קלוגן מאַן. אָבער זי באַהערשט זיך, לייגט אָפּ דעם בייטל אויף אַ שטול און זאָגט:

— נאָום, איך וועל אַרויסנעמען דעם לייטער פון שטוב. ערשט מיט צוויי יאָר צוריק איז דיין פוס געווען אין גיפּס צוליבן דאָזיקן לייטער. און די ביבליאָטעק קען מען צעשטעלן אויך אויף דער צווייטער וואנט, זאָל זי ווערן נידעריקער, מען זאָל נישט דאַרפן קריכן.

— ביסט מיד, אָלגאַ — האָט ער איצט וואָרעם געמורמלט. ער איז פּאַמעלעך און פאָרזיכטיק אַראָפּ פון לייטער, שטאַפּל נאָך שטאַפּל, ווי עס פּאַסט פּאַר אַ זקן, און ער איז צוגעגאַנגען צום שטול, וווּ זיין פרוי האָט זיך אַנידערגעזעצט. זי איז געזעסן הילפלאָז, ווי אַ קינד וועמען דער לערער האָט באַשטראָפט און עס ווייסט נישט מיט וואָס דעם פעלער צו פאַרבעסערן. ער האָט געלעט אירע גרויע האָר:

— באַרוּיק זיך, אָלגאַ, מיר זענען מענטשן, און דער מענטשלעכער געדאַנק דאַרף אַלץ קענען אויפנעמען און פאַרשטיין.

ער איז געווען גרייט אויפצוקלערן פאַר איר, אַט אַזוי שטייענדיק, די לערע פון זיין גרויסן אַמסטערדאַמער רבין, שוין צום וויפלטן מאָל און איר אויפווייזן, אַז עס איז בכלל נישט בנמצא אויף דער וועלט אַזאַ סיטו־אַציע, וואָס זאָל קענען אַרויספירן דעם מענטש פון זיינע כלים. נאָר אָלגאַ וואַסיליעווגאַ איז אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— איך שעם זיך, נאָום, פאַר דיר און אויך פאַר זיך אַליין. צו וואָס מיר זענען דערגאַנגען! אין מיטן פאַרשרייבן אַ רעצעפּט האָב איך געמוזט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל. דער דירעקטאָר אַנטאָן פּאַוליטש האָט מיר אָן אַ טראָפּן בושה געזאָגט אָפן: איר זייט אַ רוסישע, אָלגאַ וואַסיליעווגאַ, נאָר אייער מאַן געהערט צו יענער גזע, צו וועלכן עס געהערן די אין די ווייסע כאַלאַטן, וועמען מען האָט באַצייטנס געכאַפּט ביי דער האַנט און איינגעזעצט. דערפאַר קענען מיר נישט האָבן צו אייך, אָלגאַ וואַסיעווגאַ, דעם פולן צוטרוי.

און ערשט איצט, ווי עס וואָלט איר לייכטער געוואָרן און די האַלדז־בענדער האָבן אויפגעהערט שטיקן די קעל, האָט זי זיך שטיל ווי אַ טויב צעוויינט און אָנגעלענט דעם גרויען קאָפּ אויפן אַקסל פון איר אַלטן מאַן,

וואָס איז געשטאַנען און זיך נישט אַ ריר געטאָן פון אָרט, עלעהיי ער וואָלט זיך אין דעם מאָמענט איינגעהערט מיט אַ באַהאַלטענעם חוש אין דופק פון דער צייט און געוואָלט דערגיין איר זין. און ווען אָלגאַ וואַסיל־יעוונאַ האָט זיך באַרויקט און שטיל און דיסקרעט אויסגעווישט די טרערן־טראָפּן פון אירע וויעס, האָט נאָום געזאָגט ווי אַ לערער אין קלאַס, וואָס מעלדעט די טעמע פון דער לעקציע:

— איך וועל גיין מאַכן טיי. גוטע רוסישע טיי באַרויקט שטענדיק אַ רוסישע נשמה.

די אַלטע דאָקטערין אָלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט איצט גוטמוטיק געשמייכלט. איר גאָלדן האַרץ האָט נישט דערלאָזט צו זיך אפילו די דינע איראָניע מיט וועלכער נאָום דאַווידאָוויטש האָט אַרויסגעזאָגט זיינע רייד. אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי געזעסן ביידע און דער דינער דאַמף פון די טיי־גלעזער האָט זיך געטראָגן צו זייערע אויגן ווי בלויער נעפּל אויף אַ פאַרנאַכטיק זומער־פעלד. שפּעטער זענען אָנגעקומען די געסט.

2

נישט דער שטרענגער זיידע מענדעלע, נישט דער באַריידעוודיקער שלום עליכם און אויך נישט דער דיכטער פון יידישן פּאַטאָס ביאַליק האָבן אויף נחומטשע ר׳ דודס געהאַט וועלכן עס איז איינפלוס, און אַלע דריי זענען דאָך ביי ר׳ דודן דעם פּראָוויזאָר, געווען שטאָם־געסט. עס פלעגט טרעפן, און ביי אַ קאָכעדיקן סאַמאָוואַר, מיט טעצעלעך וואַרעניע פון קאַרשן און מאַלינעס, פלעגט זיך צעפלאַקערן אַ הייסע דיסקוסיע וועגן ליטעראַטור, וועגן יידישן פאָלק, תחום המושב, יידישע צרות און יידישע נחמות. די געסט, צוזאַמען מיט ר׳ דוד׳ן, האָבן, טראָץ אַלע דיסקוסיעס, אין איין זאַך מסכים געווען צווישן זיך: דאָס יידישע פאָלק ליידט פון אַנאָמאַליע און מוז אויסגעהיילט ווערן דערפון. נאָר ביים פאַרשרייבן די רעצעפּטן צו אָט דער דאָזיקער מחלה, האָבן זיך די געמיטער ווידער אַ מאָל צעהיצט, און די הייסע דיסקוסיע איז אויף אַ האָר נישט געווען ווייניקער קאָכעדיק, ווי די זודיקע גלעזער טיי, וואָס מען האָט פאַרצערט, אויפן עכטן רוסישן

שטייגער. בלויז דער יונגערמאַן נחומטשע איז געבליבן רויק און ווי פאַר־קוקט ערגעץ ווייט. כאָטש זיין בליק האָט ער דוקא געהאַלטן אָפן און ממש געקוקט די געסט אין מויל אַריין. דער "זיידע" האָט אַמאָל נישט אויס־געהאַלטן איינעם אַזאַ בליק זיינעם און האָט שטרענג אַ פרעג געטאָן:

— און איר, יונגערמאַן, וואָס איז אייער מיינונג וועגן דעם?

— קיין מיינונג וועגן דעם האָב איך נישט — האָט נחומטשע געענטפערט טרוקן און אַביסל הייזעריקלעך־אומהיימלעך — נאָר אַ פאַלק איז מסתמא ווי אַ וואַלד מיט ביימער. דער טאַקסירער קומט און שאַצט אָפּ די ביימער לויט ווי ער זעט זיי, אָבער די ביימער גופא שפּראָצן אויף, וואַקסן און פאַרוואָרצלען זיך טיף, האָבנדיק אַ גרויסן שייכות מיטן באָדן, זון, לופט, קלימאַט און ווינט. אפשר אויך מיט דער האַק פון וואַלד־העקער, וואָס פאַרזעט זיי. אָט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס וואָלט מען אפשר געקענט אָנרופן באַדינגונגען. וועגן דעם וואָלט געווען כדאי אַ שמועס צו טאָן.

עס האָט שאָקירט די קאַלטע שטים פון יונגמאַן אין אָט דער הייסער דיסקוסיע. אויף יידן שיטן זיך גזירות איינע נאָך דער אַנדערער, יידישע ישובים גייען אָפּ אין בלוט פון פּאָגראָמען, און אָט דער יונגערמאַן רעדט וועגן באַדינגונגען. דער "זיידע" האָט בייז געברומט אונטער דער נאָז, דאָס "אייניקל" האָט קלוג געשמייכלט אונטער די אויגן־גלעזער און דער אָנ־געגליטער דיכטער האָט עפּעס פלינק פאַרשריבן אין זיין קליין נאָטיץ־ביכעלע. ר' דוד האָט פאַרהויבן זיין למדנישן שטערן פון איבערן גלאָז טיי און זיך אָנגערופן:

— עס טראָגט זיך שוין דער נייער ווינט איבער דער גאַס, באַלד וועסטו שוין האָבן באַדינגונגען, נייע, נאָך נישט געזעענע, וועט מען ערשט זען...

און די נייע באַדינגונגען זענען ענדלעך געקומען. מיט שטורעם און פייער זענען זיי געקומען. דער סטודענט נאָום דאַווידאָוויטש ציטרין האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן יענעם ווייטן שמועס ביי זיין טאַטן אין הויז. מיטן גאַנצן פאַרנונפט פון זיין סטאַישן מוח איז ער אַוועק צו דער נייער צייט און געהאָלפן צעבלאָזן איר ווינט. די רויטע גוואַרדיע האָט אים אָנגעטאָן אַ לאַנגע ביקס אויף זיינע שמאָלע אַקסלען און אַ רויט־פּלאַמיקן שטערן אויף דעם מיט לאַפּן־אַראָפּגעהאָנגענעם צו גרויסן היטל אויף זיין

קאָפּ. מיט אָט דער ביקס איז ער דורכגעגאַנגען די רעוואָלוציע און בירגער־קריג און מיט דער זעלבער ביקס באַוואפנט האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט סאַראַ סאַמואילאָוונאַ, אָדער שרה׳לע דעם שוחטס, פון קליינעם שטעטל אין אוקראַינע, ווו די אייניקלעך פון באַרימטן העלד באָגדאַן כמעלניצקי האָבן אויסגעקוילעט די יידן און איר טאַטן, דעם בלאַסן טרויעריקן שוחט.

אים איז געפעלן דער ליכטיקער פלאַם אין אירע אויגן און די פּאַסמע האָר פון קאַשטאַן־קאָליר, וואָס איז אַרונטערגעפאַלן אויף איר נאַקן פון אונטער דער רויט־אַרמייאישער בודיאָנעווקע. ער האָט נישט געוווּסט ווי זיך צו באַגיין. נישט מיט איר און נישט מיט זיין פּלוצלונג־אויפגעוואַכטן געפיל צו איר. געוווּסט האָט ער, אַז דאָס סאַמע בעסטע ביים מענטש איז דער געדאַנק, דער מענטשלעכער פאַרנונפט. וויאַזוי גיט מען איר צו פאַר־שטיין, אַז ער האָט געפונען אַ זין אין אירע צעפלאַמטע אויגן,אין איר פּאַסמע האָר פון קאַשטאַן־קאָליר? האָט ער צו איר, ביים זעלנערישן מאָלצייט־עסן אין פעלד געזאָגט אויפן סאַמע קלאָרסטן אופן ווי ער האָט נאָר געקענט, און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט זיין שטים אונטער־געציטערט מיט אַ וואַרעמען אונטערטאָן:

— סאַראַ סאַמואילאָוונאַ, איך וויל אייך זאָגן, אַז איך האָב אייך ליב ווי דאָס לעבן.

דאָס מיידל האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט ברייטע ליכטיקע ציין, און דאָס פייערל אין די אויגן איז נאָך מער פייערדיק געוואָרן. שפּעטער האָט ער דורך איר זיך דערוווּסט, אין הייסע פאַרטייעטע נעכט, אַז אַמשעגנסטן אין גאַנצן אוניווערז זענען די שטערן אין הימל, וואָס צעזינגען די שענסטע לידער אין מענטשלעכן האַרץ...

ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז ער איז דערגאַנגען דעם סוד, אַז אין דעם שמועס ביים טאַטן אין הויז מיטן ״זיידן״ און ״אייניקל״ און פּאַטעטישן דיכטער, איז ער, דער סטאַלישער סטודענט געווען דער נישט גערעכטער. די באַדינגונגען זענען טאַקע געקומען, אָבער זיי האָבן זיך געשטעלט מיטן רוקן צו דער זון. די הייסע צייט האָט אים צעשיידט מיט דער כוואַליע האָר פון קאַשטאַן־קאָליר און ווייסע לאַכנדיקע ציין. און ווען ער האָט זי ווידער

געטראָפֿן, האָט זי שוין נישט געהאַט, נישט דעם אָפּגעגעם שמייכל און נישט דעם וואַרעמען פייער אין די אויגן. זי איז געגאַנגען געקליידט און געשוכט אין לעדער, אויך איר נאַגאַן איז געהאַנגען אויף איר דיך אין לעדער, און אירע אַמאָל ראָזע פינגער האָבן פֿלינק, אויף דער קני, געשריבן טויט־אורטיילן אויף כלערליי שונאים. שוין אַן אַ שמייכל האָט זי צו אים גערעדט וועגן אַן אייזערנעם בעזעם און וועגן מענטשלעכע לעבנס, וואָס ער דאַרף אויסרוימען ווי אָפּפאַל. אין יענער נאַכט האָט ער זיך אַליין פֿאַרשאָלטן פֿאַר נישט קאָנען וויינען. אויפֿצומאָרגנס אין דער פֿרי האָט זי שוין נישט געפֿונען זיין צו גרויסן קאָפּ אויפֿן שפּיץ פֿון איינציקן קישן. ער איז אַוועק בעטן מחילה ביי די געשענדעטע פֿאַרבלאָטיקטע יידישע געסלעך פֿון אָדעס.

אַ קרום שמאָל געסל אין האַרץ פֿון דער שטאָט מאָסקווע קוקט אַרויס ווי אַ צוגעזשמורעטע אויג צום ברייטן רחבותדיקן טעאַטער־פּלאַץ. יונגע און עלטערע טעאַטער־מענטשן קומען צום ווינקל פֿון דאָזיקן געסל, גייען צו צום פּיצינקן געוועלבל און טרינקען אויף איין פוס דעם קילן געטראַנק אין הייסן זומער־טאָג. דער פֿאַרקויפֿער קען דאָ יעדן און יעדער קען אים. אַמאָל פֿאַרגלוסט זיך אַן עלטערן שוישפּילער מאַכן שפּאַס, טוט ער אַ זאָג: היינט איז פֿאַראַן ביר, נאַום דאַווידאָוויטש? ער ווייסט, אַז דער באַבער־דלטער ייד מיטן צו גרויסן קאָפּ, האָט נישט ליב אָט די גראָבע משקה און ביים דערמאָנען זי פֿאַרגייט ער איז אַן ערנסטן שווייגן. טרינקען זיי דעם קילן לייכטן געטראַנק און נאַום דאַווידאָוויטש שמייכלט צו זיי מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן פֿון אונטער די דיקע אויגן־גלעזער. נישטאָ קיין טרויער און קיין צער אין דידאָזיקע אויגן, און אויך נישט קיין פֿרייד. פֿאַראַן אין זיי אַ טיפֿער פֿאַרטייעטער פֿאַרשטיין און באַנעמען, אַ בליק פֿון אַ נאָך־אַלעמען, וואָס זעט נישט קיין יאוש און אויך נישט קיין אילוזיעס. אַ בליק, וואָס האָט דערזען ביזן גרונט אַלעמענס וואָר און האָט פֿאַר זיך אויסגעבויט אַן אייגענע, קליינע וואָר. עלעהיי דער ווינט אין פֿעלד, וואָס איז אינערלעך פֿריי און אים אָרט נישט צי ווערט ער געבענטשט אָדער געשאָלטן. און נאָר די קלוגע קורצזיכטיקע אויגן, וואָס זענען נישט פֿאַרנעפּלט געוואָרן פֿון דער בלוט־רויטקייט פֿון דער צייט, נאָר זיי בענקען נאָך אַלץ צו דער שטילער רויקער זון.

דעמלט האָט ער באַגעגנט, שוין אין זיין האַרבסט, דעם זוניקן שטראָל — אָלגאַ וואַסיליעוונאַ, די דאָקטערין, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו אַ סך מענטשלעכע ווונדן און געמיינט, אַז דאָס זענען אירע אייגענע ווונדן. זי איז געקומען אין זיין אַלט־בחורישן צימער דעם באַשטעלען מיט אָנגע־שטויבטע ביכער און זיך דערפילט ווי אַ טויב, וואָס האָט געטראָפן צו איר נעסט.

די טייכן בלוט און טרערן, וואָס דער שטן האָט אָנגעפּלייצט אין די היימען פון לאַנד, זענען אין דאָזיקן צימער פאַרגליווערט געוואָרן דורכן כשוף פון באַנעמען דעם מענטשלעכן גורל. עלעהיי נאָום דאַווידאָוויטש וואָלט אַ קמיע אויפגעהאָנגען פאַר זיין טיר, און אין דער קמיע דער ווונדערשפּרוך פון זיין גרויסן לערער:

— נישט וויינען, נישט לאַכן נאָר פאַרשטיין.

3

צוערשט איז געקומען דער דיכטער־פּראָנטאָוויק. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר שטיל און דיסקרעט, ווי מען קלאַפּט אָן אין טיר ביי אַ קראַנקן, ווען מען וויל נישט אויפוועקן פון דרימל. נאָום דאַווידאָוויטש האָט שוין געוווּסט ווער עס קלאַפּט. קיינער האָט נישט געקלאַפּט אין דער טיר אַזוי שטיל, ווי דער שעמעוודיקער דיכטער. און איידער אָלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט נאָך באַוויזן צו עפענען די טיר, האָט נאָום דאַווידאָוויטש באַוויזן אַ טראַכט צוטאָן מיט אַ שמייכל: ווי די אַמאָליקע אַנוסים אין שפּאַניע אין דער כל־נדרי־נאַכט קלאַפּט ער. צי גייט עס דען אין שטילן קלאַ אין אַ טיר?

— אַ גוטן אָוונט — האָט דער דיכטער זיך געגריסט שטיל. און נישט געוווּסט האָט מען, צי דאָס שטילע באַגריסן איז געווענדט צו די באַלעבאַטים, ווען מען דער גאַסט וויל נישט איבעררעשן מיט זיין קומען, אָדער ער אַליין, דער דיכטער, איז געבראָכן אין געמיט און זיין גוט ב׳אָוונט איז אַ מין שווער אָפּעטעמען נאָך אַ פאַרשטשעמעטן שווייגן אויפן וועג אַהערצו. אָלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט אַרויסגערוקט פאַר אים אַ שטול ביים טיש:

— זיצט, איסאַאַק סאַלאָמאָנאָוויטש, איר וועט טרינקען מיט אונדז טיי.

ער האָט זיך געזעצט און געשוויגן. ערשט מיט צוויי טעג צוריק איז ער געזעסן אויף אָט דער שטול און געטרונקען טיי, און ווען ער האָט זיך געזעגנט האָט ער אויך געשוויגן פונקט ווי איצט. ווי ער וואָלט געוואָלט אָנהויבן זיין איצטיקן געשפּרעך פונעם אָרט, ווו ער האָט מיט צוויי טעג צוריק איבערגעריסן: מיט שווייגן.

— אַ געשמאַק פּרעסטל אין דרויסן, — האָט נאָום דאַווידאָוויטש זיך אָפּגערופן פריילעך אויף זיין שטייגער, קיין טשערעמעכע בליט זיכער נישט אין גאָרטן אין אַזאַ מין וועטער.

נאָר ער אַליין, דער באַלעבאָס האָט קאָרג געשמייכלט .דער דיכטער האָט שווער געשוויגן און געשוויגן האָט אויך אָלגאַ וואַסיליעוונאַ, אָנ־גיסנדיק דעם גאַסט אַ גלאָז טיי פון זודיקן סאַמאָוואַר. אָבער לאַנג שווייגן האָט דער דיכטער נישט געקענט. ער האָט זיך אָפּגערופן פּילדייטיק:

— נישט נאָר קיין טשערעמעכע בליט נישט ביי אונדז. קיין זאַך בליט נישט. און איר, נאָום דאַווידאָוויטש זענט געבליבן דער זעלבער קלוגער ווי אַמאָל. צו אייער סאַדע־וואַסער־געוועלבל איז נאָך דער שטורעם נישט דערגאַנגען. די אמתע באַריקאַדע.

נישט אָן קנאה האָט דער דיכטער געקוקט אויף דעם אַלטן קלוגן מאַן. אַמאָל, ווען דער דיכטער איז נאָך זייער יונג געווען, האָט ער פון עלטערע פון זיך געהערט דערציילן וועגן דעם קלוגן ייד, וואָס האָט זיך, נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק פאַרשפּאַרט אין ענגן געוועלבל, ווי אין אַ פעסטונג. די ראַטנמאַכט האָט צעעפנט ברייטע טויערן פון וויסן און בילדונג פאַר זיין פאָלק. אוניווערסיטעטן און אינסטיטוטן האָבן אויפגעבליט אויף יידיש־לשון און אָנגעפילט צווישן זייערע ווענט די בעסטע מוחות מיט שאַפערישקייט און געדאַנק. נאָר איינער, דער בלאַסער שמאָלער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך פריצייטיק געעלטערט, און זיין שמאָל בערדל האָט זיך דין געפעדימט צווישן ברוין און גרוי, האָט קיין מאָל זייער שוועל נישט באַטראָטן. זיין לעקטור האָט ער געלייענט אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק, און פאַרן לעצטן גראָשן זיך איינגעשאַפט פאַרעלטערטע ספרימלעך, וואָס זענען שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע. און ווען די וויסנשאַפטלער האָבן געאיילט אויף די טרעפּ צו זייערע קאַטעדרעס, האָט ער, נאָום דאַווידאָוויטש געאיילט

צום געוועלבל, געטיילט סאָדע־וואַסער אין גלעזער מיט ראָזעווען סאָק, און סיי ווינטער סיי זומער געמאָסטן פּאָרציעס אייז־קרעם. עס איז אים גוט געווען, ווען ער איז געבליבן אומבאַקאַנט און נישט דערקענט. און ווען מענטשן האָבן זיך דאָך דערוווּסט, אַז דער פלינקער סאָדע־וואַסער־פאַרקויפער איז אין דער אמתן דער געניאַלער שפּינאָזיסט, האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין אַרום אים לעגענדעס. מענטשן האָבן געוווּסט צו דערציילן, אַז ערגעץ אין אַ טיפן קעלער ליגט באַהאַלטן זיינס אַ כתב־יד וועגן זיין גרויסן לערער, וואָס וועט מיטן אויפשיינען פון דער פרייהייט־זון באַלויכטן די וועלט מיט אַ לכטיקן שטראַל פון מענטשלעכן דענקען. קיינער, פאַרשטייט זיך, האָט דעם כתב־יד פאַר די אויגן נישט געזען. אָבער איינער, אַ נישט־געשריבענער דעוויז, האָט זיך דאָך געפונען ביים פילאָזאָף ערגעץ אין דער טיף פון זיין באַוווּסטזיין. און דער דאָזיקער דעוויז איז געווען: דאָס לעבן פון דעם מענטש, עקזיסטירט אין אַ געוויסן קלימאַט. אַזוי ווי דער קלימאַט — אַזוי די עקזיסטענץ. און דער קלימאַט איז אַ קאַלטער, אַ פאַרפרירנדיקער אין אַט דעם לאַנד, דאַרף אויך דאָס האַרץ און דער געדאַנק געוואַרעמט ווערן אין געהיים, אויסבאַהאַלטן פון דער קאַלטער דרויסנדיקער זון. וואָס קען נאָך זיין בעסער ווי אַוועקגיין פון אַלע לאָקונגען און געפאַרן אין די פיר ענגע ווענטלעך פון זיין קרעמל? און אַזוי האָט ער געטאָן.

— יאָ, — האָט נאָום דאַווידאָוויטש ווייטער געשמייכלט, איר זאָגט באַריקאַדע. יעדער מענטש און אפילו יעדער בעל־חי האָט זיך זיין באַריקאַדע. מען דאַרף זיך אַמאָל קענען אויסבאַהאַלטן אויך פון גאָט.

— מיר רעדן דאָ נישט פון גאָט — האָט דער דיכטער דערווידערט. ער האָט פיינט געהאַט מעטאַפיזיק. צו פיל איז ער אויסגעשטאַנען אויף די פראָנטן, ער זאָל נישט פילן אין זיינע ביינער דעם ווייַ פון דער ערד. זעט, וואָס איז געוואָרן פון מענטש, פון אונדז?

— עס איז דער ווייַ און די שאַנד פון אונדז אַלעמען, איסאַק סאַלאַמאָ־נאָוויטש, האָט אַלגאַ וואַסיעוונאַ אים געקוקט אין די אויגן, דאָס גאַנצע לאַנד טאַנצט עפּעס אַ מאָדנעם טויטן־טאַנץ אַרום אַן אָפענעם קבר.

— איר זייט נישט גערעכט, יונגערמאַן, — האָט זיך נאָום דאַווידאָוויטש אָנגערופן. שוין אָן אַ שמייכל. די רייד גייט דאָ נעמלעך טאַקע אין גאָט. ווייל

דער גאָט, וואָס פירט מיט אונדז, געפינט זיך נישט ערגעץ אַנדערש נאָר ביי אונדז אין האַרצן און אין מוח. ער איז דער ערשטלינג פון באַשאַף, געגנוי ווי דער מענטש איז דער ערשטער אין דער ריי פון דער בריאה. וואָס האָבן מיר געטאָן, כדי דער גאָט וואָס מיר האָבן אים אין אונדזערע שטרע־בונגען באַשאַפן, זאָל זיין אַ גוטער און לייטזעליקער? מיר מיט אייך, איסאַאַק סאַלאָמאָנאָוויטש, האָבן דאָך אים לכתחילה אַריינגעשטעקט אַ פיסטאָלעט אין דער האַנט אַריין...

ער האָט געזען, ווי דאָס פּנים ביים דיכטער פאַרקרימט זיך אין אַ ביטערער גרימאַסע. עס ווערט גרין און פול מיט צער. האָט ער ווידער פאַר־צויגן אויף זיינע ליפּן דעם שטענדיקן קלוגן שמייכל און געזאָגט:

— באַרויקט זיך, יונגערמאַן. איר זייט נישט מער יחסן, ווי דער אַלטער יידישער מלך. אויך ער איז געווען אַ דיכטער ווי איר. ביי אים פעלן אויך נישט קיין פראַנט־לידער און מלחמה־דונערן. אָבער אין אַ מינוט פון באַ־דרענגעניש, האָט ער נישט פאַרקרימט דאָס פּנים פון צער, ווי איר דאָ. ער האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן צו זיין גאָט, צום זעלבן גאָט, צו וועלכן ער האָט זיינע לידער געזונגען: „השע ממני והבליגה". איר פאַרשטייט דעם טייטש דערפון? ניין, איר קענט עס נישט פאַרשטיין. ער האָט עס געזאָגט אויף דער שפּראַך, וואָס מען האָט פאַרבאָטן צו לערנען. וועל איך עס אייך פאַרטייטשן אויף אונדזער לשון: „קער אָפּ פון מיר, מיין גאָט, און לאָמיר אַ ביסל צו־זיך קומען, ווייל אָט און איך גיי אויס פון מורא פאַר דיר!" קענט איר צו אייער איצטיקן גאָט, וואָס איר האָט באַשאַפן, אַ זאָג טאָן דאָס זעלבע.

— אונדזער גאָט איז אַ טייוול, וואָס גייט אום און שניידט מענטשלעכע קעפּ — האָט דער דיכטער טרויעריק געזאָגט, און וואָס העכער דער קאָפּ, אַלץ נענטער און באַקוועמער איז ער צום שניט. אין מינסק האָט מען אויסגעגאָסן דעם מאַרך פון שאַרבן ביי אונדזער קעניג ליר, דער לעצטער אָטעמצוג פון אונדזערע דיכטער איז געווען אויפן שוועל פון דער תפיסה. און איצט — די דאָקטוירים! צי איז עס נישט קיין נייער אָנהייב פון אַ גרויסן שניט?

— פינצטער איז דאָס פאָלק געוואָרן אין דעם אַרומיקן חושך — האָט

אָלגאַ וואַסיליעוונאַ אַרויסגעקרעכצט ביים דערהערן דאָס וואָרט דאָקטוירים. די שאַנד, וואָס זי האָט איבערגעלעבט דעם היינטיקן אינדערפרי, האָט ווי אַ פרישע ווונד ווידער אויפגעריסן אין איר האַרץ. זי איז געבליבן זיצן שטיל, און אויך די צוויי מענער האָבן זיך פאַרטייעט אין שטילקייט. פון איבער דער וואַנט האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן פון געשיר און אַ מיליטעריש ליד מיט אַ באַס־שטימע פון ראַדיאָ־אָפּנעמער. נישט ווילנדיק האָבן אַלע דריי אויסגעדרייט דעם בליק זייערן צו דער וואַנט, דורך וועלכער עס האָט פאַרדעמפט דורכגעשפּאַרט דאָס קול. אַ ווייל איז געווען זייער שטיל. דערנאָך האָט זיך אָפּגערופן לעבעדיק נאָום דאַווידאָוויטש:

— אַ קלוגע זאַך, אָט דאָס ראַדיאָ־קעסטל. טייַלמאָל דערהער איך דורך דעם די שטים פון דער זון, אויף דער שפּראַך פון אַלטן קלוגן מלך. דעמלט צעטייען זיך די פראָסט־בלומען אויף מיין פענצטער...

דער דיכטער האָט איצט אויך מיטגעשמייכלט. אויך ער דערהערט טייל מאָל די שטים פון יענעם זוניקן לאַנד, וואָס דערוועקט אין אים אַ ווייטן רוף, ווי עס רופט אַ מאַמע איר פאַרלוירן קינד אין אַ צעטומלטן געמאַרק. אָלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט מיטגעשמייכלט און אויף ס'ניי אָנגעגאָסן די גלעז־זער טיי. און ווי צו פאַרטומלען דעם פריער־אָנגעקומענעם ווייטיק, האָט זי איבערגעחזרט די ווערטער פון איר מאַן, אָן שום סימן פון יענעמס איראָניע:

— טרינקט, איסאַאַק סאַלאָמאָנאָוויטש, גוטער רוסישער טיי דערקוויקט די נשמה. אין דעם מאָמענט איז אין צימער אַריינגעקומען ווי אַן אַריינ־געריסענער ווינט דער ברייט־צעוואַקסענער עסטראַדע־שוישפּילער יעפים מירקין.

— אַ גוטן־ אָוונט! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און זיך באַלד גענומען צעשפּיליען די קנעפּ פון זיין מאַנטל. איר טרינקט טיי? זייער גוט. ווער מען טרינקען. אָלגאַ וואַסיליעוונאַ, איר קענט שוין אָנגיסן, כאָטש אסור, צי עס וואָלט געשאַדט איצט אַ הונדערט גראַם. די נשמה גייט אויס.

מירקין האָט געבראַכט מיט זיך נישט בלויז די פראַסטיקע קעלט פון דער גאַס, נאָר אויך איר אינערלעך־פאַרפרוירענעם אָטעם. נאָום דאַווידאָ־וויטש האָט געקוקט אויף אים מיט מיטלייד, ווי אַ טאַטע אויף אַ נישט פאַר־

שטאַנדיקן זון. אָבער דער שוישפּילער איז ווייט געווען פון צו זיין אַ נאַר. צווישן שטיינער און דערנער איז ער אַ גאַנץ לעבן געגאַנגען, זעענדיק פאָרויס נאָר איין פּונקט: די לעמפּ פון דער בינע־ראַמפּע. אויך איצט איז ער געווען פול מיט געזונטן פּרימיטיוון בטחון. ער האָט נישט געלאָזט די מענטשן אויסשווייגן די שוויגעניש זייערע:

— איך קאָן שווערן, אַז איך ווייס וועגן וואָס איר האָט איצט גערעדט. יאָ, וועגן דער געשיכטע מיט די דאָקטוירים! אַ בילבול, אַ מאוסער בלבול, זאָג איך אייך! היינט מאָרגן וועט זיך עס אַרויסווייזן! נאָר נישט פאַרלירן דעם מוט! נאָר נישט קיין יאוש.

קיינער אין גרויסן לאַנד האָט זיך נישט געטרייסט מיט אָט דער טרייסט. די מענטשן האָבן געוווסט, אַז דאָ, ווו די פינצטערניש געוועלטיקט, קומט קיין מאָל נישט צו די זון. אָבער עס איז געווען גוט צו הערן אַזעלכע רייד. פריינטלעך האָט מען פאַרבעטן מירקינען צום טיש, ווו דאָס גלאָז טיי איז שוין געשטאַנען גרייט. באַלד ביים ערשטן שלוק האָט מירקין גענומען שוויצן מיט שווערע טראָפּנס שווייס אויפן הויכן שטערן. פון דער העלער הויט האָט ער גענומען דערציילן וועגן עפּעס אַ מיידל, אַן אויפגייענדיקן שטערן, וואָס ער האָט פון ערגעץ אויסגעפונען, ביי וועלכער ער קלייבט זיך אַנטוויקלען איר טאַלאַנט. ער האָט גערעדט ווי וועגן אַ מענטש, וואָס איז אַלעמען שוין באַקאַנט פון פריער:

— איר זאָגט אַז זי וועט נישט זינגען? נישט ביי מירקינען! ביי מיר וועט זי זינגען, און אויף יידיש וועט זי זינגען! די וועלט איז נאָך נישט אונטערגעגאַנגען! איך וועל דעם גאַנצן צענטראַל־קאָמיטעט שטעלן אויפן קאָפּ, און זי וועט ביי מיר זינגען! פאַרלאָזט זיך אויף מירקינען...

נאָום דאַווידאָוויטש און דער דיכטער האָבן זיך פלוצלונג, נישט ווינסנדיק פאַרוואָס, צעלאַכט. אויך אָלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט געשמייכלט. אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר און אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין די שכנה, די שותפטע צו דער קיך. מיט איר פאַרבלאָזער שטים האָט זי זיך געווענדעט צו דער באַלעבאָסטע, עלעהיי אין צימער וואָלט נישט געווען קיינער אויסער איר:

— אָלגאַ וואַסיליעוונאַ, אפשר געפינט זיך ביי אייך עפּעס קעגן איבל?

עס דריקט מיר שוין אין קעל גוטע דריי טעג. היינטיקע צייטן קען מען זיך נישט אויף יעדן איינעם פאַרלאָזן...

ווידער האָט זיך אין צימער אַראָפּגעלאָזט די פינצטערניש, וואָס אויך דער געלעכטער און די האָפערדיקייט פון מירקינען האָבן זי נישט געקענט פונאַנדערטרייבן. פאַר אַלעמענס אויגן האָט זיך ווידער אַוועקגעשטעלט דער חושך און די גרויל. די מענער האָבן אויסגעדרייט זייער בליק צום שטאַר־פאַרהאַנגענעם פענצטער. אַלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט אַראָפּגעלאָזט איר געזיכט אין אירע דאַרע דלאָניעס און זיך שטיל צעוויינט.

4

דער קבר, וועגן וועלכן עס האָט גערעדט אַלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט זיך צעעפנט. ביי זיין ראַנד איז געלעגן דער טייוול, וואָס דער פּחד און די פינצטערניש האָט פאַר אים געוויכערט אַ לעבנלאַנג שטיקנדיקן ווייִרויך אויף מזבחות פון מענטשלעכע לעבנס. דער טיראַן איז געלעגן אַ טויטער צופוסנס פון זיין פינצטערן טראָן. און די זון אין גרויסן לאַנד האָט געגליוועט אין מורא און זיך געשראָקן אויפצושיינען, ווייל דער הימל איז געווען פינצטער און אַנגעגליט, און מען האָט נישט געוווּסט וועלכער שוואַרץ־פייער עס קאָן פלוצלונג אַ פלייץ טאָן און אַנצינדן דעם באַשטאַנד. געבויגענע רוקנס האָבן זיך געפּאַרכט אויסצוגלייכן און אויפהייבן דעם בליק. אין די אָנגעטראָגענע וואָלקנס האָט געריטן דער פּחד פון מאַסן־שחיטות און יידישע פּאָגראָמען. דער יאָרנלאַנג אונטערדריקטער און געפייניקטער האָט זיך דערפילט ווי אַן אַרעסטאַנט, פאַר וועמען מען עפנט פלוצלונג דעם שווערן תפיסה־טויער און מען לאָזט אים איבער אויף זיין אייגענעם באַראָט. מען האָט געצנדינעריש געוויינט און טיף־מענטשלעך געשוויגן. ביז דער אויפ־בראָך אויף טאָג איז אָנגעקומען ווי אַ בליץ, ווי אַ דונער־קראַך. און דעמלט זענען מיליאָנען יתומים זיך געפאַלן אויף די העלדזער און געוויינט פאַר פרייד .אַן אַרומגעפליקטער פון אַלע זיינע פלודערן איז דער טייוול געלעגן אין זיין פינצטערניש און דער ים פון מענטשלעכע אויסלייזערישע טרערן האָט פאַרלאָשן אַרום אים דעם פייערדיקן ווייִרויך־געבראַנד. די יידישע

דאָקטוירים, מיט וועמען דער אשמדאי האָט פאַרטראַכט אָנצוהייבן דעם אַנטי־יידישן פאָגראָם, זענען באַפרייט געוואָרן פון אונטער די פליגל פון טויט און געטראָגן מיט זיך די בשורה פון לעבן. דער אשמדאי איז געפאַלן און געלאָזן נאָך זיך זיין געקאָוועטן, פינצטערן טראָן...

אין צימער ביי נאָום דאַווידאָוויטש ציטרין האָט מיט אַ היימלעכן געזשום געזאָטן אויפן טיש דער אַלטער טולער סאַמאָוואַר. אָלגאַ וואַסיליעוונאַ איז נאָך אַלץ נישט געקומען פון שטאָטישן שפּייז־מאַגאַזין, וווּהין זי האָט זיך געלאָזט איינקויפן עפּעס אויף כבוד. נאָר סייווי איז דער קליינער עולם געווען אויפ־געלייגט. דער דיכטער־פראַנטאַוויק יצחק מינדלין האָט געשוימט מיט צאָרן:

— ניין, נאָום דאַווידאָוויטש, נישטאָ דער פּרייז, וואָס קען באַצאָלט ווערן פאַר אונדזערע ליידן, פאַר די יידישע ליידן. ווער וועט אומקערן צוריק פון קבר די קרוין פון דער יידישער ליטעראַטור? ווער וועט קענען פון אונדזער האַרץ אויסמעקן די פינצטערע דאַטע פון צוועלפטן אויגוסט?

— און אונדזער קעניג ליר? — האָט דער שטענדיק האָפערדיקער יעפים מירקין איצט אַרויסגעקרעכצט מיט טרויער — ווער וועט אים אויפ־שטעלן פון פינצטערן גרוב?

אויפן ראַנד פון ברייטן בעט איז געזעסן דער נייער גאַסט, וועמען עס האָט געבראַכט אַהערצו, צום ערשטן מאָל, דער שוישפּילער מירקין. דער יונגער טאַלאַנט רחלע מייטיס, וועמען דער שוישפּילער מירקין האָט פאַרשפּראָכן צו פאַרוואַנדלען אין אַן אויפגייענדיקן שטערן. מיט איר קליינעם וווּקס און הויכן בולטן שטערן, האָט דאָס מיידל גיכער דערמאָנט אין אַן איבערגעוואַקסן קינד, איידער אין אַ פרוי. בלויז אירע ברייט־צעעפנטע אויגן, פאַרקוקט מיט חידוש און שאָטן פון לייכטער שרעק, האָבן דערמאָנט אין ווייבלעכער ווייכקייט און רייץ. פון דער חרובער ליטע, איר היים, האָט זי געבראַכט מיט זיך איר ווייכן קלינגענדיקן יידיש־לשון און איר באַגייסטערונג ביז טרערן צום יידישן וואָרט און זיינע שאַפערס. יעפים מירקין האָט געוואָרפן אַ בליק אויף רחלען און ווידער געפונען דעם קוואַל פאַר זיין זעלבסטבאַגייסטערונג:

— אָט זי וועט דערציילן וועגן אונדזער בראָך און זי וועט זיין אונדזער

טרייסט. זי וועט אַוועק צו דעם לאַנד פון אונדזער שטאָלץ, זי וועט זיי ברענגען אונדזער ליד און אונדזער בענקשאַפט, און פון דאָרט וועלן קומען צו אונדז אונדזער טרייסט.

— איר פאַרטוישט שוין ווידער די אַדרעסן, — האָט נאָום דאַווידאָוויטש געשמייכלט און דאָס שמאָל גרויע בערדל האָט אים אונטערגעציטערט. דאָרט, אין לאַנד פון יידישן אויפקום ווערט נישט פּראָדוצירט קיין טרייסט. דאָרט שאַפט מען לעבן. טרייסט דאַרף קומען דאָרט, ווו עס בלוטיקט די ווונד. דער אויסגעשריי וועט קומען פון דאַנען, מירקין, פון אָרט פון דערשטיקטן ווייטיק.

עס איז אָנגעקומען אָלגאַ וואַסיליעוונאַ. אויפן וועג האָט זי פאַרלאָרן איר טיפע עלטער. זי האָט גערעדט גיך־גיך, ווי אין יענע סטודענטישע יאָרן, ווען דער יוגנט־פייער האָט געברענט אין די אויגן:

— אוממעגלעך דורכצוגיין די גאַס. נאָר מען האַלדזט דיך און מען קושט דיך. מענטשן דערוואַרטן שוין זייערע אייגענע פון דער פאַרשיקונג. אין אוניוועמאַג איז זיך נישט דורכצושטופּן. מען כאַפּט מתנות. יאָ, שעור נישט פאַרגעסן: פאַראַן אַ ידיעה פון סאַמואיל גאָלקין. ער לעבט, ער קומט פון לאַגער אַהיים. הייגט, נאָום דאַווידאָוויטש, וועלן מיר מעגן עפּעס אויסטרינקען.

און פון קוישל האָט זי מיט ציטערדיקע הענט אַרויסגענומען צוזאַמען מיט די ביסקוויטן אַ קליין פלעשעלע "מאָסקווער" און עס פייערלעך אַוועק־געשטעלט אויפן טיש.

אַלע, אויסער נאָום דאַווידאָוויטש, האָבן געהאַלטן די אָנגעגאָסענע גלעזלעך אין די הענט און געוואַרט אויפן ערשטן וואָרט, וואָס וועט פאַלן פון אימיצנס מויל. נאָר אַלע האָבן געשוויגן. נאָום דאַווידאָוויטש איז מיט אַ מאָל געוואָרן ערנסט און דער שטענדיקער שמייכל איז אים אַראָפּ פון זיינע בלאַסע ליפּן. ער האָט געקוקט אין די אויגן פון יונגן טאַלאַנט רחלע. און די פרוי מיטן אויסזען פון אַ קינד האָט אויפגענומען זיין בליק און ווי באַהערשט דורך אַ היפּנאָז אַראָפּ פון ראַנד פון בעט און זיך געשטעלט אויף די פיס. איצט, שטייענדיק מיטן גלעזל אין דער קליינער ציטערדיקער האַנט, האָט זי אויסגעזען נאָך קלענער. אירע שמאָלע ליפּן האָבן געציטערט,

ווי ביי אַ קינד וואָס האַלט זיך ביים צעוויינען. און אויף אירע ברייט־צעעפנטע אויגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי טונקעלע פאָרהאַנגען, אירע שוואַרצע לאַנגע וויעס. און עס איז געווען ווי נישט זי, רחלע, וואָלט געעפנט אירע ליפּן, נאָר דאָס געזאַנג האָט זיך אָנגעטראָגן אַהערצו פון אַלע ווייט־קייטן פון גרויסן לאַנד פון יידישעליידן און פון גרויסן עבר דעם יידישן, דורכגעווייקטן אין שחיטות און פּאָגראָמען. דער קליינער עולם איז געזעסן אַ פאַרשטאַרטער און צום ערשטן מאָל, דאַכט זיך, אויף זיין לאַנג לעבן, האָט דער סטאָיקער נאָום דאַווידאָוויטש ציטרין פאַרשלאָסן זיינע אויגן און אויפגענומען אין זיך דאָס גרויזאַמע ליד, וואָס וועט אים אָוועקטראָגן אויפן ברייטן שליאך פון דורותדיקער יידישער פּיין. ביי רחלען האָבן די אויגן זיך ווידער צעעפנט און זי האָט געזונגען:

אלי, אלי, למה עזבתני...

...אין פייער און פלאַם האָט מען אונדז געברענט...

קיינער האָט נישט אַפּלאָדירט. אפילו דער אַקטיאָר האָט פאַרגעסן וועגן זיין דערגרייכונג — זיין אַנטדעקטן טאַלאַנט. אָלגאַ וואַסיליעוונאַ איז געזעסן אין אַ ווינקל און איר בליק האָט געלויכטן דורך די גרויסע טראָפּנס טרערן. נאָום דאַווידאָוויטש ציטרין האָט געשטאַמלט:

— דער דונער האָט אַריינגעקראַכט אין וואַלד און אָנגעצונדן דיביימערקרוינען. איר מיינע פריינד, זייט די סאָלאָווייען, וואָס דאַרפן וועקן די פייגל פון ברענענדיקן וואַלד. רופט זיי און וועקט זיי פון שלאָף.

ער האָט שווער געאָטעמט און איז מיט אַ מאָל שטיל געבליבן. דערנאָך האָט ער געעפנט זיינע אויגן און, ווי אַ צוריקגעקומענער פון ווייט, האָט ער געקוקט אין די פּנימער פון זיינע פריינט און געשמייכלט ווי אַ קינד. די געסט האָבן געקוקט אויף זיין צעשמייכלט פּנים און דערזען אַ ראָזעווע ליכט אויסגעגאָסן אויף זיין געזיכט. ווייל נאָר אַזוי זעען אויס אויגן וואָס פינקלען אויף דורך טרערן.

און די געסט האָבן נאָך אַ ווייל געהאַלטן די נישט אויסגעטרונקענע גלעזלעך אין די הענט, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף אַ נס. אויפן טיש איז געשטאַנען דער אַלטער טולער סאַמאָוואַר און געזונגען זיין שטיל, פאַרטייעט ליד.

מאָנאַ ליזאַ

אויפן ווייטן קבר פון
יידישן מאָלער
ר. מאנדלצווייג

אַ גאַנצע נאַכט האָט געגאָסן אַ שלאַקס־רעגן. דער קלאָרער שנייאיק־קאַלטער וואַסער פון פּאַמירער שניי־בערג, איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין דורך די ברייטע קאַנאַלן טונקל־רויט און שמוציק, אויסגעמישט מיט ליים. די ערד אונטער די פיס איז געוואָרן לויז און בלאָטיק. ביי די אַריינגענג פון די הייזלעך אין די זייטיקע געסלעך פון שטאָט, זענען איבער נאַכט פאַרפלייצט געוואָרן די שמאָלע הילצערנע טרעפּלעך און דאָס שמוציק רויטלעך וואַסער איז אַריינגעדרונגען אין די הויפן דורך די אַלטע הילצערנע טויערן.

ערשט פאַרטאָג־צו האָט זיך דער רעגן איינגעשטילט. פון מזרח־זייט איז אָנגעקומען אַ ווילד־וואָיענדיקער ווינט און גענומען רייסן די שיטערע קרוינען פון די ביי־וועגיקע ביימער, וועלכע זענען אין דער דאָזיקער רעגנדיקער ווינטערצייט געשטאַנען הויל, הפקרדיק אויסגעשטעלט אויף ווינט און רעגן. פון הינטער דער אַלט־שטאָט, פון די קרומע הויקערדיקע בערגלעך וווּ עס געפינט זיך דער אַלטער אוזבעקישער בית־עולם, האָבן זיך מיטאַמאָל געלאָזט הערן האַרצרייסנדיקע געיאָמערן פון שאַקאַלן.

וועלכע זענען, אַפּנים, אין די דאָזיקע מוראַדיקע טעג פון מלחמה און הונגער, טאָפּלט הונגעריק געווען. מיטן אָנקום פון גרויען פאַרווייַנטן טאָג זענען די גרויל־קולות פאַרשוווּנדן. אויך דער ווינט האָט זיך אייַנגעשטילט. און דער פריער פרימאָרגן, אַ טונקעלער און דורכגעווייקטער אין נאַכטיקן רעגן האָט זיך צעשפּרייט איבער דער שטאָט.

אין אַ נידעריקע הייזקע, וווּיטלעך אָפּגערוקט פון דער הויפּט־גאַס, האָט זיך פאַמעלעך געעפנט אַן אַלטע טיר און אַ יונגער שוואַרצער קאָפּ פון אַ מאַן האָט זיך אַרויסגעשטעלט אינדרויסן. מיט די אויגן פאַרהויבן צום טריבן חלל איז ער געשטאַנען און געקוקט אין הימל אַריין, ווי אַמאָל אין די גוטע שלום־צייטן, קוקט אַ פּויער אין הימל אין אַזאַ פאַרטאָג און פּרוּווט טרעפן, צי וועט היינט אָנקומען אַ רעגן און וועט אָנטרינקען מיט ברכה זיין פעלד. אָבער כאָטש דער בליק איז געווען דער זעלבער, ווי ביי יענעם פּויער, איז אָבער דער ווּנטש אין האַרצן ביי דעם איצט ביי דער טיר שטייענדיקן געווען אַ פונקט פאַרקערטער. די לאַנגדויערנדיקע זלידנע רעגנס האָבן אים געטראָפן ווי אַ גרויס אומגעריכט אומגליק. און די ערשטע האָפענונג איז געווען די ליבע זון, וואָס באַפרייט דעם מענטש פון אַ העלפט פון זיינע זאָרגן. מיט אַ טיפן אומעט, ווי ער וואָלט אין די אייניקע מינוטן באַוויזן אייַנזאַפּן אין זיך דעם גרויען טרויער פון טריבן דרויסן, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין ליימיקן שטיבל, פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און שטיל, ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:

— שוין ווידער גערעגנט...

פון דעם אייַנציקן געלעגער אין שטוב, אין וועלכן עס איז שווער געווען צו דערקענען אַ פאָרם פון אַ וועלכן ס'איז בעט, האָט זיך אויפגעהויבן אַ קאָפּ פון אַ פרוי און באַלד ביים אויפשטיין פון שלאָף ביי די ערשטע ווערטער פון איר מאַן, האָט איר די טעגלעכע דאגה פאַרקלעמט אין האַלדז:

— וואָס וועט זיין מיכאל? וואָס וועט זיין?...

ער האָט געשוויגן. אין אַזעלכע פאַלן, ווען די נויט איז אים געקראָכן אין האַלדז אַריין ווי אַ מיאוסער וואָרעם, פלעגט ער דערפילן אַן עקל צו אַלץ אין דער וועלט, און קודם כל צו זיך אַליין. מיט ווייטיק און פאַרדרוס פלעגט ער פאַרשעלטן זיך אליין, זיין אומבאַהאָלפנקייט, וועלכע איז שוין

דערגאַנגעמן דערצו, אַז ער קאָן שוין נישט ברענגען דאָס טרוקן שטיקל ברויט פאַר זיין פרוי און פאַר זיין שוואַך, קרענקלעך טעכטערל. דערמאָנענדיק זיך אין קינד, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום ווייב:

— נינע, דעק איין דאָס קינד, אינדרויסן איז אַ וויסטע קעלט...

נינע איז אַראָפּ פון בעט, פאַרדעקט דאָס שלאָפנדיקע קינד און פּאַמעלעך זיך גענומען אָנטאָן.

אינדרויסן איז ביסלעכווייז צערונען די טריבע גרויקייט. די שיטערע וואָלקנס האָבן זיך צעריסן אויף שטיקער און אַזוי שטיקערווייז אָפּגעשוווּ־מען פּאַמעלעך ערגעץ הינטערן האָריזאָנט. ווען די זון האָט זיך שוין אינגאַנצן באַפרייט פון וואָלקנדיקן קלעם, איז זי שוין געשטאַנען הויך, הויך אין הימל. ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג.

מיכאל האָט ברייט צעעפנט די סקריפּענדיקע טיר. דאָס ליים שטיבל האָט מיטאַמאָל אויפגעלויכטן מיט אַ ברייטן פּאַס ליכט. און נאָר אין די ווינקלען, דאָרט ווו דאָס ליכט פון דרויסן איז נישט דערגאַנגען, זענען נאָך אַלץ געבליבן די פייכטע טונקעלע שאָטנס פון דער נאַכט .אין דעם צעשיינטן זון־ליכט וואָס איז אַריינגעדרונגען אין שטיבל דורך דער טיר, האָט פאַרן אויג זיך אַנטפּלעקט די גאַנצע אָרעמקייט פון אינעווייניק. דאָס הייזל איז געווען אינגאַנצן אָן פענצטער. אויפן אָרט ווו עס האָבן מסתמא געדאַרפט זיין פענצטער, זענען געווען אָריענטאַליש־פּרימיטיווע נישעס. דער פּאָל און די ווענט זענען געווען איין שטיק גרוי־ליימיק קאָליר. בלויז אין איין ווינקל האָט זיך פון פּאָל ביז צום סופיט אַרויף געצויגן אַ שוואַרצער פּאַס פעטע סאַזשע. דאָרט אויף דער ערד, אין ווינקל, איז געשטאַנען די קיך, וועלכע האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אָט דעם פעטן שטיקנדיקן רויך, פון וועלכן דער ווינקל איז מיט דער צייט שוואַרץ געוואָרן.

נינע האָט זיך גענומען פּאָרען ביי דער קיך. מיט אירע פלינקע פינגער פון אַ געניטער יידישער באַלעבאָסטע האָט זי פון ערגעצוווּ נאָך באַוויזן אויסצוקלייבן אַביסל גרויפּן און זיך געגרייט עס צושטעלן קאָכן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז באַלד וועט דאָס ערדענע שטיבל פול ווערן מיט רויך און האָט געבעטן דעם מאַן:

— מיכאל, אפשר וואָלטו אויפגעוועקט דאָס קינד און אַרויס מיט דעם אין דרויסן? מען קאָן דאָך דאָ דערשטיקט ווערן פון רויך...

מיכאל האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן שלאָפנדיקן קינד און זיך נישט גערירט פון אָרט. ס'איז אַ ספק געווען, צי האָט ער בכלל געהערט וואָס זיין ווייב האָט אים געזאָגט. דאָס קינד איז געלעגן ביז איבערן האַלז צוגעדעקט מיט א שטויס קליידער און שטיל געאָטעמט. איר בלאַס לענגלעך געזיכט האָט ווי געשמייכלט אין שלאָף. און ווי עס טרעפט ביי קינדער, ווען עס קומט די צייט פון אויפוועקן זיך, האָבן פון צייט צו צייט אַ צוק געטאָן אירע לאַנגע טונקעלע ברעמען און די אויבערשטע ליפּ האָט לייכט גע־ציטערט, ווי עס וואָלט מיט זיך אַליין געפירט אַ ישוב, צי ס'איז כדאי באַפרייען דאָס מויל און זאָגן טאַטע מאַמע גוט־מאָרגן. מיכאל איז געשטאַנען ווי צוגעשמידט צום אָרט און נישט געקאָנט אָפּרייסן דעם בליק פון שלאָפנדיקן קינד. ער האָט געפליסטערט:

— מאַנא ליזא...

און באמת האָט דאָס פינף־יאָריקע קינד אין דעם מאָמענט געהאַט אין זיך עפּעס פון יענץ באַרימט בילד: איר אָוואַל געזיכט, אַרומגערינגלט מיט טונקעלע האָר, אירע לאַנגע געדיכטע ברעמען האָבן דערמאָנט אין יענעם בילד. אָדער אפשר האָט זיך עס אויסגעוויזן בלויז אים, איר פאָטער, דעם מאָלער מיכאל?

נינע האָט געלאָזט שטיין דאָס טעפל מיטן טונקעלן וואַסער אויף דער ערד, צוגעגאַנגען צו איר מאַן אוןביידע האָבן באַטראַכט דאָס קינד. דער פאָטער האָט בלאַס און פאַרלעגן געשמייכלט. נאָר די מאַמע, די מאַמע וואָס האָט געזעלט די שעהן און טעג, וואָס דאָס קינד הונגערט, האָט דורך די ציין אַרויסגעפליסטערט:

— מאַנא ליזא... זיך געלייגט נעבעך שלאָפן הונגעריק... מאַנא ליזא...

*

ווידער, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, האָט אים די ביטערע נויט און דער הונגער אַרויסגעיאָגט פון שטוב. און ווידער, צום וויפלטן מאָל, לאָזט

ער זיך גיין צום קינסטלער־פאַריין, אפשר וועט אים פאַרט געלינגען אויס־צושטעלן אייניקע פון זיינע בילדער, אין דער קאָלעקטיווער אויסשטעלונג פון אָרטיקע רוסישע און אוזבעקישע מאָלער.

מיט זיין גאַנץ קינסטלעריש וועזן איז ער געווען קעגן זיין אָנטייל אין אַזאַ אויסשטעלונג. ער האָט געוווּסט, אַז זיינע בילדער, דער עקספּרעסיווער אויסגעשריי איבער חורבן פון זיין פאָלק, וואָס ווערט טאָג־טעגלעך פאַרטיליקט אין אָקופּירטן פּוילן, וועלן זיך נישט אַריינפּאַסן אין דער חברותא פון די אויסגעפּרעסענע, מיט מעדאַלן באַהאָנגענע מונדירירטע פּירער. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט זיין יידישן צער, ווי אין אַ פרעמדער, אויסלאַכנדי־קער וועלט. אַ וועלט, ווו מען האָט פאַרלוירן דעם דרך־ארץ און דעם אינער־לעכן מענטשלעכן ציטער פאַרליידן און פּיין. אַ וועלט, וועלכע האָט מיט קולי קולות פאַרטריבן דעם געטלעכן פונק פון מענטשנס האַרץ. און נאָר דאָס איבערפלעכלעכע, דאָס פויסט־שטאַרקע און דראָענדיקע האָט טריאומפירט מיט דער שארפקייט און גלאַנץ פון אַן אַנטבלויזטער שאַרף פון אַ האַק. אַ וועלט, ווו מען האָט נישט געגלויבט און אויסגעלאַכט די עלנטע מענטש־לעכע טרער. אַ וועלט, אין וועלכער מען האָט קפדנותדיק, מיט פלאַם־פייער פאַרברענט דעם צלם אלקים אין מענטש.

דאָס מיטגליד־ביכל פון סאָוויעטישן קינסטלער־פאַריין האָט אים דאָך געגעבן האָפענונגען, אַז ער וועט קאָנען אַרויסטרייבן דעם הונגער פון זיין ליימען שטיבל. אָבער ווי נאָר דער פאָרזיצער פון פאַריין, דער רוס מיטן קיילעכדיקן, זאַטן פּנים און רויטן, קאַנטיק־אונטערגעשוירענעם קאַרק האָט באַטראַכט זיינע, מיכאלס בילדער, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ס׳טויג נישט. צו אומעטיק. מיר דאַרפן זשיזני־ראַדאָסנע, לעבנסלוס־טיקע בילדער דאַרפן מיר...

און ווי צו באַשטעטיקן זיינע רייד, האָט אים דער פאָרזיצער אַ ווייז געטאָן אויף די בילדער פון אַנדערע מאָלער, פון די רוסישע, פון וועלכע עס האָט אַראָפּגעשריגן מיט גאָלדיקן גלאַנץ די מעדאַלן און פון די פּנימער האָט געשפּאַרט מיט טעמפּער פאַרביסנקייט.

מיכאל האָט געפילט ווי עס ציטערן אים די קני. מיט אַ שוואַך קול פון הונגער און אויפרעגונג האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— אָבער חבר פאַרזיצער, איך בין אַ ייד...

דערויף האָט אים דער פאַרזיצער שאַרף אָפּגעהאַקט:

— ביי אונז איז אַלצאיינס, אַ ייד, אַ ציגיינער, אַ טערק, אלצאיינס...

ער איז דעמאָלט אַוועק פון פאַריין און פון זיין פאַרזיצער דערשלאָגן און באַליידיקט. דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן מער נישט גיין אַהין, ווו זיין ווייטיק ווערט אַזוי לייכט און אַזוי קאַלט אויסגעלאַכט. נישט גיין אַהין ביז צו שטאַרבן.

אָבער פון דער היים האָט די זלידנע קעלט און דער הונגער געיאָגט אויף דער גאַס. דאָס פּנימל פון דער פינף־יאַריקער מאַראַ איז אַלץ לענג־לעכער און בלאַסער געוואָרן. און אירע שוואַרצע, מאַטע אויגן האָבן שטום אָן טרערן געוויינט אין זיין האַרץ. דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן דעם לעצטן פּרווו. מיט זיין ביי אויסגעפּאַרטיקט בילד, געמאָלן אין די נעכט ביי אַ רויכערדיקן נאַפט־לעמפּל, האָט ער זיך ווידער געלאָזט גיין צום זאַטן, אַלמעכטיקן פאַרזיצער פון מאָלער פאַריין.

אויפן ברייטן הויף פון קינסטלער־פאַריין איז געווען טומלדיק. ס׳איז געווען ערב דער קאָלעקטיווער אויסשטעלונג. יונגע רוסן, מיט פריילעכע בלאָנדע טשופּרינעס זענען געשטאַנען אין קרייזלעך און זיך געצוויצלט. עטוואָס אין אַ זייט, ווי שעמעוודיקע ישיבה־בחורים, זענען געשטאַנען שוואַרצאויגיקע אוזבעקישע מאָלער, מיט געבלימטע יאַרמולקעס אויף די שפּיץ קעפּ און האָבן שנעל, אויף זייער פּליסיקן לשון דיסקוטירט איבער אַ געוויסן, נאָר פאַר זיי פאַרשטענדלעכן ענין.

מיט שטילע טריט האָט מיכאל זיך אַריינגעשלייכט אין שמאָלן קאָרידאָר פון מאָלער־פאַריין און פאַרגעסנדיק אָנקלאַפּן אין טיר, איר ראַפּטום געעפנט און געבליבן שטיין אויף דער שוועל. אין צימער איז געווען שטיל. פון די מעטשעטאַרטיקע, קיילעכדיקע ווענט פונעם צימער האָט געווייט מיט פייכטער, טונקעלער מרה שחורה. אויף יענער זייט שמאָלן, לענגלעכן טיש איז געזעסן דער פאַרזיצער פון פאַריין און עפּעס געלאָסן און זאָרגעוודיק פאַרשריבן אין אַ העפט. אויף מיכאלס שטילן גוט־מאָרגן האָט ער אַ וויז געטאָן מיט דער האַנט אויפן איינציקן שטול און ווייטער פאַרגעזעצט דאָס

שרייבן אינעם העפט. באַלד האָט ער זיך אָפּגעפּאַרטיקט, און אָנגעשטעלט זיינע בלויע, לעבעדיקע אויגן אויף מיכאלן:

— וואָס וועט איר זאָגן ?

שווייגנדיק האָט מיכאל אויפגעוויקלט זיין בילד, אים באַפרייט פונעם טונקעלן טוך און אים, אַן ווערטער, אַוועקגעלייגט אויפן טיש פון פאָרזיצער. דער פאָרזיצער האָט באַטראַכט דאָס בילד און געשוויגן. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן, אַוועקגעשטעלט דאָס בילד אין ווינקל, אויפן פּיעדעסטאַל אַנטקעגן שמאָלן פענצטער און ווייטער אויף דעם קאָנצענטרירט געקוקט.

אַנטקעגן בלאַסן שיין פון טריבן דרויסן, וועלכער איז קאַרג אַריינגעדרונגען דורכן שמאָלן פענצטער, האָט פון נידעריקן פּיעדעסטאַל אַראָפּגעקוקט דאָס בילד פון אַ מאַן אין דער העלפט פון זיין נאַטירלעכן גרויס. אויפן פאָן פון אַ רויכערדיקן האָריזאָנט און צעוואַלגערטע קאָנטורן פון הייזער, איז דער מאַן געשטאַנען מיט אַ אויף עטוואָס פון הינטן פאַרוקטער האַנט, אין וועלכער ער האָט קראַמפּהאַפט געהאַלטן אַ גראַנאַט. זיין צווייטע האַנט, די לינקע, איז נאַכלעסיק אַראָפּגעהאַנגען, ווי דער גוף וואָלט געהאַלטן ביים פאַלן און זי, די לינקע האַנט, דאַרף עס דערפילן די ערשטע דעם אָפּוועך אויף דער ערד. פון אונטער דער שאַרפער, עטוואָס פון אויבן געהויקערטער נאָז, האָבן זיך געצייכנט שמאָלע, ווי אין גרויס ווייטיק פאַרשטשעמטע ליפּן, ווי זיי וואָלטן פאַרפרעסט אין זיך אַ שטאַרקן הויכן געשריי. דאָס פּנים איז געווען קנאָכיק און טונקל, ווי הויט אוןביין וואָלטן געפירט צווישן זיך אַ געראַנגל וועגן עקשנותדיקן ווען אויפלייזן זייער צוזאַמענהאַנג. אַ שאַרפער קעגנזאַץ צו זיין גאַנצן וועזן זענען געווען די אויגן. געמאָלן מיט די צאַרטסטע, לירישסטע פאַרבן, האָבן די אויגן זיך אויסגעטיילט פון דער אַלגעמיינער האַרמאָניע מיט זייער שטילן טרויער. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי, די אויגן, ווייסן שוין דעם גאַנצן סוד, סיי פון קראַמפּהאַפט פאַרהויבענער האַנט מיטן גראַנאַט, סיי פון דער צווייטער האַנט, דער אָנמעכטיקער און סיי פון צעהיצטן אין פייער־בראַנד רויכערדיקן פאָן. דער שטילער, דערדריקנדיקער טרויער פון די אויגן האָט ווי פאַרכשופט צו זיך און מיט זיך פאַרשטעלט די גאַנצקייט פון בילד און זיין

אַרום, ווי אַ ווייט פּלעמל אין דער נאַכט, וואָס ציט צו זיך צו אין דער אַרומיקער פינצטערניש.

נאָר פלוצלינג האָט פונעם בילד אויפגעשיינט אַ העל־ליכטיקער פלאַם: פון איבער דער שאַרפער נאָז האָט זיך געהויבן אַ ברייטער ליכטיקער שטערן, כמעט אינגאַנצן באַפרייט פון טונקעלן שאָטן שפּיל. דער שטערן, כאָטש צעקנייטשט און צעאַקערט אין דער ברייט, האָט דאָך געלויכטן מיט אַ נישט־דאָאיק ליכט. און ווי אויף אַ באַזונט פעלד, האָבן פון איבערן שטערן אויפ־געבליט געדיכטע לופטיקע לאָקן, פאַרשידנאַרטיק אין זייער אויסזען און פאַרב. פון איבערן רעכטן שלייף האָבן זיך די גאָלדענע לאָקן פון אַ קינד צונויפגעמישט מיט די שוואַרץ־גרויע קוטשערן אויפן מיטלסטן פּאַן. פון דער לינקער זייט האָבן גרייז־גרויע, פאַרגליווערטע לאָקן, ווי אויסגעהאַקטע אין שטיין, זיך ווינטיק געשויבערט אין לופט און געפאַלן אויפן אַקסל, ווי פולע פעטע זאַנגען אויף אַ פעלד. צונויפקומענדיק זיך ביי דער ברוסט האָבן די לאָקן, וועלכע האָבן באַקרויזט דעם קאָפּ פון דעם מאַן, זיך אויפגעלייזט אין דער טיפער טונקלקייט פון זיינע אויסגעדריוולטע קליידער און פאַרשוווּנדן אין דער אַלגעמיינער פאַרב פון זיין טונקעלן וועזן. ס׳איז געווען, ווי דאָס בילד וואָלט פלוצלינג פאַרלוירן פון זיין איינהייטלעכן ביאָגראַפישן אינהאַלט. דער הויכער, ליכטיקער שטערן און פאַרשידן געלאָק־טער קאָפּ האָבן ווי צוגענומען די באַשטימטקייט פונעם בילד און אַריבער־געפירט עס אין אַ וועלט פון אייביק דויערנדיק און אייביק עקזיסטירנדיק און אַלמענטשלעך. ס׳איז געווען דאָס שטילע געשריי פון יונג און אַלט, פון דאָ און דאָרט, פון איצט און געווען צוזאַמען. און געדאַכט האָט זיך, אַז אָט וועלן זיך די לאָקן צעפליען אין רוים, דעם שטערן וועט פאַרדעקן אַן אָנקומענדיקער וואָלקן און אַלץ וועט ווערן שוואַרץ ביז אימה. נאָר דער טיפער טרויער אין די אויגן האָט ווי צונויפגעשמידט די איבעריקע דעטאַלן אַרום זיך אין איין גאַנצקייט, און באַהאַפטן עס מיט שטרענגן צוואַנג פון קינסטלערישער האַרמאָניע.

מיכאל האָט געזען ווי דער פאָרזיצער באַטראַכט דאָס בילד לאַנג און שטרענג. שטעלט עס איבער אין פאַרשידענע פּאָזיציעס אַנטקעגן ליכט און מורמלט ווי צו זיך:

— ניע פלאַכאַ... נישט שלעכט, נישט שלעכט...

מיטאַמאָל זעט ער ווי דעם פּאָרזיצערס פּנים ווערט פאַרכמורעט און אַ קרום פיינטלעך פייערל צינד זיך אָן אין זיינע אויגן. מיט פאָרוווּרף טוט ער אַ זאָג:

— וואָס האָט איר געמאַכט מיט די אויגן? איר מיינט, אַז מיט אַזעלכע אויגן קאָן מען גיין אין קאַמף?...

און נישט אומקוקנדיק זיך אויף מיכאלן, וועלכער זיצט אויפן ברעג פון דער איינציקער שטול, עפנט יענער די טיר און טוט אַ געשריי אין דרויסן:

— אידיטיע סודא!

אייניקע אינדרויסן שטייענדיקע קינסטלער קומען אַריין. צום ערשטן פאַרשטייען זיי ניט נאָכוואָס זיי זענען אַהער גערופן געוואָרן. נאָר ווען דער פּאָרזיצער ווייזט זיי אויפן בילד און טוט זיי אַ זאָג: ״סמאָטריטיע״ באַטראַכטן זיי דאָס בילד שטום, אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. דער פּאָרזיצער לאָזט זיי נישט לאַנג טראַכטן און אינספּירירט זיי:

— וואָס זאָגט איר צו די אויגן? קאַקיע גלאַזאַ?

די מאָלער האָבן באַטראַכט דאָס בילד און געשוויגן. איינער האָט זיך אָנגערופן שטיל:

-- יידישע אויגן...

דער פּאָרזיצער פון פאַריין האָט שוין געניי געוווּסט וואָס צו באַשטימען וועגן בילד. זייער העפלעך האָט ער גערעדט צו מיכאלן:

— איר פאַרשטייט, דאָס בילד אינגאַנצן איז נישט שלעכט, גאָר נישט שלעכט. נאָר די איבעריקע דעטאַלן אין אים מאַכן דאָס בילד אומפּאַר־שטענדלעך. נעמט צום ביישפּיל די קאָמפּאָזיציע פון קאָפּ, כ׳מיין דעם איינ־פאַל מיט די לאָקן. צי מיינט איר אַז די רעוואָלוציע גייט אין קאַמף מיט גרויע, פון דורות אָנגעוואָקסענע לאָקן? נו, און די אויגן... צופיל אומעט, פּעסימיזם... נישטאָ די לעבנספרייד. די לעבנספרייד פון אַ מענטש אין אונדזער לאַנד... און אין אַלגעמיין, וואָאָבשטשע, איר פאַרשטייט?...

*

אינדרויסן האָט געוואָיעט אַ ווילד־געוואָרענער ווינט. געריסן די דעכער פון די הייזער, ווי ער וואָלט באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּמעקן פון דער ערד די אַלע הייזער פון דער דאָזיקער צעוואָרפענער שטאָט. מיט ווילדער הנאה האָט דער ווינט אויפגעכאַפּט דעם שניידיקן שטויב פון די הינטערשטאָטישע בערגיקע פליינען און עס אכזריותדיק געשמיסן אין פנים פון די פאַרבייגייער. אין די זייטיקע געסלעך פון שטאָט, אין די ליימענע הייזקעס, זענען פאַרמאַכט געוואָרן די טירן פאַרן וואָיענדיקן ווינט און עסיקן שטויב. און נאָר אַ קאַרגע שפּאַרע איז געלאָזט געוואָרן אָפן, אַרייַנ־צולאָזן די טונקעלע ליכט פון טאָג.

מיכאל איז געזעסן אין אַ ווינקל פון זיין ליימען שטיבל און געקוקט אויף דער זיך הוידענדיקער, סקריפּענדיקער טיר. אין האַרץ האָט געוואָיעט אַ פוסטקייט, וועלכע האָט זיך צונויפגעמישט מיטן בייזן געוואָי פון ווינט אין דרויסן. ער איז געזעסן פאַרגליווערט, ווי דאָס בלוט אין זיין דאַרן גוף וואָלט זיך ביסלעכווייז אָפּגעזעצט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פליסיקן אַליך מער זיך אָפּקילנדיקן בליי. אויפן אָנגעפּוישטן געלעגער איז מיט אָפענע שמאָלע אויגן געלעגן די קליינע מאַראַ. דאָס קינד איז געלעגן אויפן רוקן און שטאַר געקוקט אויפן טונקעלן ליימענעם סופיט. דער ווינט האָט פון צייט צו צייט אַ העפטיקן שטויס געטאָן די טיר, און איר סקריפּענדיקער פּייף האָט ביים קינד פון מאָל צו מאָל אויפגעציטערט איר ברעם.

אַ שווערער אומעט האָט געפּרעסט מיכאלס האַרץ. וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין? אָט ליגט אויפן געלעגער דאָס קינד, אין וועמענס שמאָלע טונקעלע אויגן עס שפּילט זיך דער פאַרטייעטער גלאַנץ פון דער מיט גלוסטונג רייצנדיקער מאַנאַ ליזא. באַלד וועט אָט דער גלאַנץ אין די קליינע מאַנדל־אויגן פאַרלאָשן ווערן. וויפל איז דער שיעור פון הונגער פאַר אַ קינד? ווי לאַנג וועט נאָך דויערן די פּיין?

מיכאל האָט צוגעמאַכט די אויגן און בילדער, ווי פון שטורעמווינט אָנגעטראָגענע האָבן זיך געשטעלט פאַר זיין צערייצטן דמיון. אָט זעט ער זיך צווישן אַ מחנה אַנטלויפנדיקע יידן פון דער ברענענדיקער פּוילישער הויפּט־שטאָט. אָבער נישט פון דער שריפה וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די שטאָט לויפט מען. דאָס פייער, פון וועלכן מען אַנטלויפט איצט איז

נאָך נישט זעבאר. עס לויערט נאָך ערגעץ אין די ווייטע פאָרשטעט. מען ווייסט שוין אָבער גוט מיט וואָס עס שמעקט און וואָס ער ברענגט מיט זיך. וואָגלעניש איבער שטעט און דערפער, אויף וועגענער און צופוס ברענגען אים אויף יענער זייט גרענעץ, אין אַ לאַנד וואָס איז אויף אלערליי שפראַכן אַזוי שיין באַזונגען געוואָרן. און ערשט אין שיין פון יענעם פייער, וועלכער האָט זיך אויך דאָ אַ לאָז געטאָן, האָט ער דערזען, אַז פאַרמאַכט און פאַרהאַמערט איז פאַר אים די גאַנצע וועלט, פאַר זיין מענטשלעכער יידישער טרער. דאָס אָרט פונוואַנגען ער איז אַנטלאָפן, האָט ווי אין אַ שטומען געהיי־מען הסכם, געמאַכט אַ בונד מיט זיין איצטיקן ווין־אָרט, אים, מיכאלן לאָזן אויסגיין פון הונגער און פיין, אויף די אויגן פון דער ברייטער וועלט.

פון אונטער די אַראָפגעלאָזטע וויעס זענען אים גערונען שווערע הייסע טרערן. ווער האָט אים, דעם יידישן מאָלער מיכאל, אויסגעטראכט דאָ, אויף דער קאַלטער שטאָלערנער ערד? זיכער איז דאָס די שטראָף, די פארדינטע שטראָף פון אַלמעכטיקן גאָט, פאַר וועלן זיך ראַטעווען, אינדערצייט ווען דאָס פאָלק ראַנגלט זיך אין גסיסה אונטערן מעסער פון דעם קוילער. צווישן פאַלנדיקע רויכערנדיקע ווענט פון זיין היים, ראַנגלט זיך דאָס פאָלק ביזן לעצטן טראָפן בלוט. פאַרמאַכט זענען פאַר אים אַלע טויערן פון רחמים און דער גאָט פון נקמה איז פאַרזונקען אין טיפן גרויליקן שווייגן. און נאָר דאָס פאָלק, דאָס אומבאַהאָלפענע, דאָס אין קלעם־געפאַנ־גענע, ראַנגלט זיך ביז צום לעצט און ציילט דאָס טריפנדיקע בלוט טראָפן נאָך טראָפן. און ער איז ווייט פון זיי, ווייט פון זייער פיין פון זייער געראַנגל און גייט פאַמעלעך צו זיין שטילן זינלאָזן טויט פון הונגער אין דעם שטאָל־פאַרגליווערטן אויסשפּאַסנדיקן לאַנד... פאַרהאַמערט און פאַרשלאָסן זענען אַלע וועגן. נישטאָ קיין קלענסטער אַרויסגאַנג דורך וועלכן מען זאָל זיך קאָנען אַרויסשפּאַרן צו דער באַפרייאונג. נישטאָ! פון אומעטום לויערט דער אייביקער חושך וואָס דראָט, פאַרצוקט און פאַרניכטעט. און קיין אויס־וועג, קיין אויסוועג איז נישטאָ.

אין ווינקל פון שטיבל, אַנטקעגנאיבער דער טיר, איז געשטאַנען אַ שטייף־אַנגעצויגענער לייוונט אויף אַן אַלטן, פון דאַרע דרענגלעך צונויפ־געשלאָגענעם סטאַטיוו. שלינגענדיק די הייסע טרערן, האָט מיכאלס האַנט

שנעל געפירט דעם פענזל איבערן לייוונט. בלייערנע שטאָלערנע הימלען זענען באַפלעקט געוואָרן מיט מחנות פליענדיקע, טויט־טראָגנדיקע עראָ־פּלאַנען. ערגעץ פון דער ערד הויבט זיך אַ געדיכטער וואָלקן רויך פון אַן אויפגעריסענער באָמבע. אויפן מיטן וועג, אין פאָדערגרונט, צווישן שיטערע ביימער אין זייער בלעטערפאַל שטייט אַ וואָגן, אַן אַלטע יידישע בויד, באַזעצט און באַלייגט מיט קאָנטורן פון זיך טוליענדיקע צו זיך גופים. מען זעט נישט זייערע קעפּ. נעבן וואָגן, אין דער ברייט פון וועג, ליגט אַ גרוי אויסגעדאַרט פערד מיט אַ גרויס אָפן אויג. קאָנטיק, אַז דאָס פערד איז אויפן וועג געטראָפן געוואָרן פון אַ קויל און געבליבן טויט. נאָר דאָס אויג, דאָס איינציק אָפן אויג ביי דעם פערד, איז לעבעדיק. מיט שטומע קולות שרייט דאָס אָפענע אויג וועגן דער שרעק וואָס עס פילט די צונויפּ־געטוליעטע מאָסע אויפן שטייענדיקן וואָגן .אַ פאַרע שלאָגט פון די נאָז־לעכער ביים ליגנדיקן פערד. אַ פאַרע, ווי אַ שטומער אויסגעשריי : העלפט מיך זיך שטעלן אויף די פיס, נאָך אַביסל, מיט די לעצטע כוחות וועלן מיר אַרויס פון וואַלד און זיך ראַטעווען פון פייער־בראַנד און טויט... נאָר שטום איז דער אַרום, דאָס פערד ליגט ווייטער מיט זיין גרויס, מיט אימה אָנ־געפילט אויג, און איבער די צעשראָקענע אקסלען און קאָנטורן פון קעפּ אויפן וואָגן דונערט מאַטאָרדיק דער טויט פראַנק און פריי...

די טיר האָט זיך ראַפּטום געעפנט .בינע איז אַריינגעפאַלן אין שטוב ווי אַ געיאָגטע דורך אימיצן. באַלד איז זי געבליבן שטיין פאַרן בילד און פאַרגליווערט געוואָרן. טויט־שרעק און גרויל האָט אַראָפּגעשריגן פון בילד און פאַרגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן. אַ ווייל האָט זי געקוקט אויפן בילד שטיל און פאַרשטאַרט. מיט אַמאָל האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף מיכאלס אַקסל און העשענדיק זיך פאַנאַנדערגעווײנט. מיט דער לינקער האַנט האָט מיכאל ארומגענומען זיין ווייב און מיטן פענזל אין דער רעכטער האָט ער פאַרענדיקט די לעצטע שטריכן אויפן בילד. זיינע אויגן זענען שוין געווען טרוקן, געלויכטן מיט אַ שפּיציק שאַרף פייערל. עס איז שוין נישט געווען אין זיי קיין סימן פון טרערן.

אויפן געלעגער איז געלעגן די קליינע מאַראַ, מיט געשלאָסענע שוואַרצע וויעס או געחלומט אַ זיסן חלום פון ליכטיקן, ווייסן ברויט...

פּאַולוס

דער אַלטער אמבראָזיא איז געזעסן אויף דער נידעריקער באַנק, אויס־געהאַקטע פון ווייסן מדבר־שטיין און זיין שווערער מאַכטיקער קאָפּ, וואָס איז געזעסן אויף ברייטע אקסלען, און גענידערס אויף זיין גרוי־האָריקער ברוסט, האָט אים ענלעך געמאַכט אויף אַ ריזיקן ווילדן פויגל, וואָס דרימלט אויפן שפּיציקן באַרג־פעלז מיטן אָנקום פון דער נאַכט. זיינע לאַנגע, שיטערע גרויע האָר זענען אַראָפּגעהאַנגען ווי אַ דינער פאָרהאַנג און דערגרייכט ביז צום פלאַכן שטיין, אויף וועלכן דער אַלטער איז געזעסן. עס איז געווען, ווי אַ קינסטלער וואָלט מיט זיין מייסטערישער האַנט אויס־געהאַקט אַ גאַנצקייט פונעם שטיין און דעם קורצוויקסיקן, פעסט־געבויטן אַלטן מאַן און זיי פאַרוועבט אין איין סטאַטישער גאַנצקייט, נישט אָפּ־צוטיילן.

אָבער דער אַלטער איז נישט געשלאָפן. פון צייט צו צייט האָט ער גע־עפנט זיינע אויגן, וואָס אין קעגנזאַץ צו זיין גרויען טיפן עלטער זענען זיי געווען יונג און פול מיט לעבן, און געזעטיקט זיין בליק מיט די לעצטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון. די זון האָט אַ צעגליטע און מידע גענידערט צום ראַנד פון טויטן ים און געררויטלט זיינע שטילע וואַסערן מיט לעצטע שטראַלן פון איר שקיעה. אַרום איז געלעגן אַ פאַרטײַעטער און אין זיך פאַרגליווערטער דער מדבר סיני.

ווען אַמבראָזיא איז געקומען אין אָט דעם אין קאַטאַקאָמבן־געבויטן

שווערן קלויסטער, איז ער נאָך יונג געווען און פון זיין מאַכטיקן רויטן געזיכט האָט זיך געבויגן זיין שאַרפע אָדלער־נאָז מיט העלדישן רוימישן שטאלץ. ער איז געקומען אַהער, קען מען זאָגן, פון בלויז מאַנצבילישן נייגער, געקומען און שוין פאַרבליבן אויף אייביק. דער נאָמען פון דעם קלויסטער, יענע מיסטעריעזע קריסטלעכע הייליקע, האָט גערייצט זיין יונג זודיק בלוט און דערוועקט אין אים איצטיקע און שוין אויך אויס־געלעבטע פאַרלאַנגען. די הייליקע, אויף וועמענס נאמען דער קלויסטער אין האַרץ פון טויטן מדבר איז אָנגערופן געוואָרן, האָט אים נישט דער־מאָנט פון קיין נזירות, פון אָפּגעשיידקייט פון דער זינדיקער וועלט נאָר פאַרקערט, האָט זיינע ערדישע געדאַנקען און פילונגען אָנגעצונדן מיט ערדישע פייערן. ער איז געגאַנגען איבער די שמאָלע געוועלבטע דורכ־גאַנגען, געהאָנגען זיין בליק צו די סופיטישע געוועלבן און געזוכט די שפורן פון יענער, וואָס האָט זוכה געווען, דער קלויסטער זאָל אויף איר נאָמען אָנגערופן ווערן. אָבער די ווענט פון די שמאָלע צימערן, אַזוי אויך די ברייטע שטיינערנע ווענט פון דעם תפילה־רוים זענען געווען נאַקעט. בלויז אַ שטיינערנע סטאַטוע פון דער הייליקער יונגפרוי פון גליל מיט איר זון אויף דער האַנט, אויסגעהאַקט אויף אַ פרימיטיוון אופן דורך אַ נישט־געניטער האַנט פון אַ קינסטלער־אַמאַטאָר, בלויז אָט די סטאַטוע האָט באַצירט דעם גערוימען תפילה־זאַל, און דערמאנט אין דער הייליקייט פון דעם אָרט. עס איז געווען נאָך דער צייט, ווען דער פרומער רוימישער קיסר קאָנסטאַנטינוס דער גרויסער האָט די הייליקע קריסטלעכע קירכע לעגאליזירט אין זיין לאַנד, אָבער דאָך זענען וויניק געווען די קינסטלער וואָס האָבן געארבעט אין שטיין, וועמען עס האָט באגייסטערט די הימליש־קייט פון דער בתולה פון נצרת און די געטלעכקייט פון איר געקרייציקטן זון.

דער אלטער אמבראָזיאָ טראכט און קען נאך אלץ זיך נישט דערטראכטן צו דער טיפקייט פון גאָטס חסד, וואָס הויער צווישן אָט די שווערע ווענט פון טונקעלן מדבר־קלויסטער. ער איז נישט קיין וויל־געלערנטער. ער האָט קיינמאל נישט געהאט די פולע מאס געדולד און פארשטאנד זיך צו דערגראבן אין די סודות פון די הייליקע שריפטן, פון אלטן און נייעם

טעסטאמענט. ער האט געלייענט די עוואנגעליעס און ווי מיט א כיוון איבער־געהיפּערט די ערטער, אין וועלכע דער פון פּאָטער־גאָט אראָפּגעשיקטער משיח אויף דער זינדיקער ערד דרשנט זיינע דרשות און זאגט זיינע משלים. די משלים און שפּרוכן פון יונגן משיח פון גליל זענען געווען פאר אים אומפארשטענדלעך גענוי ווי פאר די פּרימיטיווע פאַרהאַרעוועטע פישער ביים טייך גינוסר. דאקעגן האבן זיינע אלטע נאָזלעכער פארנומען דעם גוטן ריח פון דעם בשמים, מיט וועלכע די באוווסטע קורטיזאנע פון מגדל האט געשמירט די פיס פון יונגן מענטשלעכן גאָט, און דעם זעלבן שארפן אראָמאט פון אירע לאנגע צעקעמטע האר, מיט וועלכע זי האט יענעם די פיס אויס־געווישט. דער אלטער אמבראָזיאָ האָט נאָך אַ מאָל און נאָכאמאָל געלייענט דידאזיקע זיסע שטעלן, פארמאכט זיינע אלטע אויגן און געזען אויפלעבן פאר זיין דמיון אָט דאס ווונדערלעך בילד, און א יונגקייט האָט זיך אין זיין אלטן בלוט צעריזלט. זיינע אויגן, וואָס האָבן שוין פון אלטקייט געדאַרפט זיין מאט און אויסגעלאָשן, האָבן צוריק זייער יוגנטלעכן גלאנץ באקומען, און דאָס הארץ פונעם אלטן מאן האָט געקלאפּט האסטיק, ווי צום טאקט פון א באגייענדיקער ברויזנדיקער זינד. אויך איצט, זיצנדיק אויף זיין פון שטיין אויסגעהאַקטן שטול, חלומט דער אלטער אמבראָזיאָ זיין לאנגיאָריקן חלום פון שמעקענדיקן הייליקן בוימל און לאנגע שמעקנדיקע פרויען־האָר. ווי גרויס זענען די ניסים פון מלך פון דער הימלישער קעניגרייך, וואָס האָט א לעבנלאנג געקענט אויפהיטן אָט דעם ווונדערלעכן אראָמאט פאר אים, דעם שוין אויפן ראנד פון קבר שטייענדיקן אלטן מאן. ער עפנט ברייט זיינע אויפן און פירט דורך איבער זיין נאקעטער האָריקער ברוסט דעם צייכן פון הייליקן קרייץ, און זיין בליק ווענדט ער צום אפבילד פון דער הייליקער בתולה מיט איר געטלעך קינד אויף דער האנט.

ער פארנעמט א מענטשלעך קול. דאָס איז געוויס דער בארוועסער בעדואינער, דער אומגלויביקער, וואָס ברענגט אלע פארנאכט פון זיין סטאדע די צוויי קרוגן ציגן־מילך, מיט וועלכן עס דערנערן זיך די עטלעכע אלטע נזירים, וואָס פראווען דאָ זייער קריסטלעכע ברודערשאפט צוזאמען מיט אים, דעם אלטן אמבראָזיאָ. ער שטייט אויף פון זיין זיצן, נעמט אין די הענט דעם לאנגן געפלאכטענעם שטריק פון קעמל־האר, כדי דורך אים

ארויפציען צום הויכן קלויסטער־געוועלב די מילך־קרוגן. אָבער אונטן ביי דער טויבער וואנט פון מויער, שטייט א פרעמדער מאן אין אויסטערלישע בגדים, און קוקט ארויף אינדערהויך צום אלטן מאן מיט די לאנגע גרויע האָר־פאסמעס, ווי אַ קליינע שוואַרצע פעלד־חיה קוקט אַרויף צום שפּיץ פון אַ הויכן פעלז. דער אלטער אמבראָזיאָ וווּנדערט זיך: ווי קומט אַהערצו, אין טויטן מדבר א מענטש נישט פון הי? נישט שוין זשע האט אים דער גוטער גייסט אַהערצו פארטראָגן, זיך צו באהעפטן מיט אָטעם פון גאט?

ער גיט דעם פרעמדן צייכנס מיט די הענט, וויאזוי אַרומצוקרייזן די שווערע קלויסטער־מויער און צוקומען צום אָרט, וווּ עס שלענגלט זיך דער שמאָלער באַרג־ארויף, וואָס פירט צום פאַרמאַכטן שווערגעקאָוועטן טויער. דער פרעמדער פארשטייט די צייכנס פון דעם אלטן און נעמט שפּאנען אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג. א לענגערע ווײַלע ווערט זיין געדעכעניש פאר־פאלן אין דער שטילקייט פון דער צופאלנדיקער נאכט. ערשט אין א לאנגע ווייל ארום הערט דער אלטער אמבראָזיאָ יענעמס קלאפּן מיטן פויסט אין דעם שווערן קלויסטער — טויער. ווען דער אלטער האָט דעם טויער געעפנט און אריינגעלאָזט דעם פרעמדן, איז יענער באלד אין אָנמאכט געפאלן צו־פוסנס פון דעם אלטן גרויען מאן.

ער איז געווען דערשעפּט. די מדבר־היץ האָט פון זיינע ביינער דאָס לעצט ביסל פייכקייט אויסגעטריקנט. ווייזט אויס אַז לאַנג איז דער פרעמדער אין וועג געווען, ווייל זיין וואַסער־לאגל איז געווען פוסט און טרוקן און זיינע קליידער זענען געווען ווייס פון מדבר־שטויב. דער אלטער אמבראָזיאָ האָט דעם פרעמדן אויפן שטיינערנעם באנק־בעט געלייגט און אין זיין מויל שארפע טראָפּנס געוויקסן־זאפט אריינגעטריפט .דער פרעמדער האָט די אויגן געעפנט און צו זיין באוווסטזיין געקומען. ער האָט זיין רעכטע האנט אויסגעשטרעקט און איבער זיין האַרץ דעם צייכן פון הייליקן קרייץ אַריבערגעפירט .ער האָט אַרויסגעפליסטעט: ״טעלעמאכוס, אין נאמען פון כריסטוס״ און ווידער זיינע אויגן פארמאכט. דאָסמאָל איז ער פארזונקען געוואָרן אין אַ פעסטן שלאָף, וואָס באהערשט יעדן מידן וואנדערער.

ווען דער פרעמדער האָט זיינע אויגן ווידער געעפנט, האָט שוין די זון אריינגעשיינט אין שמאלן קלויסטער־פענצטער און אָפּגעגאָסן די וואנט

קעגנאיבער מיט גאלד. איבער אים איז געשטאַנען דער אלטער אמבראָזיאָ, אים איבערגעציילעמט און געפליסטערט:

— פרידן צו דיר מיין זון, געקומענער אין נאמען פון גאט.

שווייגנדיקע זענען זיי געזעסן ביים שטיינערנעם טיש און געגסן דאָס אָרעמע ברויט. און ווען ביידע, דער געקומענער און דער אלטער האָבן קורץ אָפּגעדאנקט דעם זיסן גאט פארן טעגלעכן ברויט, האָט דער געקומענער דערציילט.

— פון גריכנלאנד קום איך. די גלויביקע אין הייליקן זון ווערן נאָך אַלץ גערודפט אין לאנד פון מיין געבוירן און גאָטס חסד האָט זיך צו זיי נאָך נישט באוויזן. און דערגאַנגען איז די הערונג צו מיינע אויערן, אַז דאָ, אין ברענענדיקן מדבר גייט אויף זיין געבענטשטער חסד פריי און אומגעשטערט. דרום האָב איך זיך געפעדערט און אַוועק אַהערצו, כדי אים צו דינען מיטן גאַנצן האַרץ און געפינען אַ טרייסט פאַר מיין זעל, איידער איך וועל נידערן אין גרוב. געבענשט זאָל זיין דער נאָמען פון פאָטער און זיין הייליקן זון אָמן.

דער אלטער האָט אים תכף פאַרריכט זיין גרייז:

— אין נאָמען פון פאָטער, דעם הייליקער זון און הייליקן גײַסט, אָמן.

— אָמן — האָט דער פרעמדער געענפערט, און נישט דערפילט די אומפינקטלעכקייט וואָס ער האָט געמאַכט ביי דער הייליקער ברכה.

און דאָס זענען געווען די גאַנצע רייד, וואָס עס האָבן צווישן זיך גערעדט די צוויי. ווייטער זענען אַוועק טעג און נעכט פון שווײַגן. די איינ־צעלנע נזירים האָבן אויך געשוויגן, און דער פרעמדער איז באַלד געוואָרן איינער פון זיי. דער פאַרטאָג האָט אים אויפגעוועקט צו דער טעגלעכער מי און צו דער פרימאָרגן־תפילה, געענוי ווי די איבעריקע שווײַגנדיקע נזירים. שווײַגנדיק האָט ער געטאָן זיין מלאכה ביים קאָכן דעם מאָגערן געקעכטס, ביים אַרויסציען מיטן שטריק פון קעמל־האָר די קרוגן מילך און וואַסער, וואָס דער בעדואינער האָט אין פחדימדיקער פאָרכטיקייט זיי געבראַכט, און שווײַגנדיק האָט ער זיך געלייגט אויפן שטיינערנעם באנק־בעט וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן.

ביז אין איינעם אַ טאָג איז מיט אים די פּאַסירונג געשען און ער האָט

זיין נשמה אין טיפן כף הקלע געוואָרפן .ער האָט נישט געוווסט, דער פּרעמדער, דער גלויביקער, אַז אויך דאָ, צווישן די שווערע קלויסטער־ווענט, אין וויסטן מדבר, נעסטיקט אויך דער שטן, וואָס לויערט אויפן גלויביקן אים צו פֿאַנגען אין זיין נעץ און דערנאָך וואַרפן אים אין דעם דרויסנדיקן חושך, ווו עס הערשט שטאָק־פֿינצטערניש און צאָן־געקריץ. ער האָט עס נישט פֿאַרויסגעפֿילט און איז געשטרויכלט געוואָרן.

אין דאָזיקן טאָג איז די מדבר־היץ געווען גרויס און האָט אפילו דורכ־געדרונגען דורך די דיקע קלויסטער־ווענט. פֿון פֿריען פֿאַרטאָג האָבן זיך די זאַמד־דיונעס אין מדבר געהויבן אין געלע וואָלקנס צום הימל. די זון איז געוואָרן געל־מאַט און האָט פֿאַרלאָרן פֿון איר ליכט. איינצעלנע מדבר־קעמלען האָבן געשטרעקט זייערע לאַנגע העלדזער צום הימל, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט פֿאַרשאָטן צו ווערן אין זייער גאַנצער הויך דורך די זאַמד־שטורעמס. די שוואַרץ־געקליידעטע בעדואינער האָבן זיך געוויקלט אין זייערע לאַנגע האַריקע בגדים און באַהאַלטן ס׳געזיכט אין די פֿינקל־ווייסע טיכער וואָס איבער זייערע קעפּ. עס האָט אויסגעזען, ווי דער מדבר סיני האָט זיך דערוועקט צו פֿאַרלענדן אויף אייביק דעם לעצטן אָטעם פֿון לעבן. די עטלעכע נזירים אין קלויסטער זענען געווען פֿאַרשטעקט אין זייערע שמאָלע שטיינערנע צימערן און פֿאַרקלערטע אין זיך געוואַרט אויפֿן צופֿאַל פֿון אָוונט, ווען דער גליאיקער זאַמד־שטורעם וועט זיך איינשטילן און זיי וועלן זיך פֿאַרקלייַבן אין גרויסן תפילה־זאַל אָפּצוגעבן לויב און אַכפּע־רונג דעם באַשעפֿער פֿון הימל און ערד פֿאַרן דורכגעלעבטן טאָג.

קיינער האָט נישט געהערט דעם שווערן קלאַפּ אין שטיינערנעם דיל, בעת דער אַלטער אמבראַזיאָ איז געפֿאַלן פֿון זיין שטיינערנעם שטול. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער מעכטיקער אַלטער, וואָס האָט שוין אַליין פֿאַרלאָרן דעם חשבון פֿון זיינע דורכגעלעבטע יאָרן, וועט אייביק אַזוי זיצן אויף זיין שטול, אַ באַנומענער פֿון זיינע בשמימדיקע חלומות און צו זיינע טעג אויף דער ערד וועט נישט נעמען קיין סוף. פּלוצלונג, ווי אַ קורץ געוויק־סיקער פֿעסטער בוים וואָס אַ שטורעם לייגט אים אום, איז ער אַנידער־געפֿאַלן, און פֿון זיין פֿאַרקראַמפּט מויל האָט זיך קיין איינציקער קלאַנג נישט געהערט. בלויז זיינע טיף־זיצנדיקע בלויע אויגן זענען ווייטער גע־

בליבן אָפן און געקוקט פאַר זיך ווי לעבעדיקע. דער פּרעמדער, וועמען דער אַלטער אַמבראָזיאָ האָט פאַר אים די טירן פון קלויסטער געעפנט אין דעם ווייטן מדבּרדיקן פאַרנאַכט, בלויז ער האָט דעם קלאַפּ אויפן שטיינערנעם דיל פאַרנומען, און צונויפגערופן די נזירים, וואָס האָבן שטומערהייט, אָן אַ וואָרט אַריסצוריידן, געגומען גרייטן דעם טויטן צו זיין לאַנגן וועג אין הימלישן מלכות. דער קליינער בית־עלמין האָט זך געפונען אויפן הויף פון קלויסטער, אין זיין דרומדיקן ווינקל, און דאָרט האָבן די שטילע זקנישע תּפילות פון די מאָגערע נזירים באַגלייט זייער ברודער אמבראָזיאָ צו זיין אייביקער רו.

אַ גאַנצן טאָג אויפצומאָרגנס האָט דער גריך טעלעמאַכוס זיך געפונען אין דעם שמאָלן טונקעלן צימער פון פאַרשטאָרבענעם אַמבראָזיאָ. ער האָט געקוקט אויף דער שטיינערנער שטול אויף וועלכער דער אלטער איז אַ לעבן אָפּגעזעסן, און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז נישט דער אַלטער אמבראָזיאָ איז פון איר אַוועקגעפאַלן, נאָר די שטול גופא האָט זיך ווי איבערגעבראָכן, און איצט איז געבליבן פון איר די קליינע שטייענדיקע העלפט .מיט ליבשאַפט האָט טעלעמאַכוס געגלעט דעם שווערן נידעריקן שטיין און אים באַטראַכט, ווי מען באַטראַכט דאָס פּנים פון אַ נאָענטן פריינט, וואָס איז צוריקגעקומען נאָך אַ לאַנגער שיידונג. פאָרנט, פאַר דער שטול, האָט טעלעמאַכוס געזען ליגן אַ פּירקאַנטיקן, היפּשלעך־דיקן און פון קעמל־האָר געפלאָכטענעם דיל־צודעק, אויף וועלכן דער פאַרשטאָרבענער אמבראָזיאָ האָט זיינע אַלטע פיס געהאַלטן. טעלעמאַכוס האָט פאַרהויבן אַ ברעג פון דאָזיקן צודעק, און צו זיין גרויס איבעראַשונג האָט זיך פאַר אים אנטפּלעקט אַ פּירקאַנטיקער אויסגעהאַקטער שטיין, פאַרזען מיט אַ שווערן אייזערנעם רינג. עס איז קיין ספק נישט געווען, אַז דאָ געפינט זיך אַ עפענונג צו אַ קעלער־הייל, וואָס דער אַלטער האָט מיט זיין זיצן פאַרהיט און קיינעם אַהינצו נישט צוגעלאָזט. נישט אַנדערש נאָר דאָרט, אין דער פאַרבאָרגענער הייל געפינט זיך אַ גרויסער געטלעכער סוד וואָס דער אַלטער האָט געהיט פאַרן מענטשלעכן אויג. אַ פּחד איז באַפאַלן דעם גלוביקן טעלעמאַכוס, אַ פּחד און אַ נייגער : אפשר איז טאָקע באשערט זיינע אויגן זאָלן דערזען דעם געטלעכן סוד איידער ער שיידט זיך מיט דער וועלט ? און איידער ער

האָט נאָך באַוויזן גובר צו זיין זיין פחד, האָט ער פאַרהויבן דעם שטיינער־נעם צודעק און מיט די געדרייטע שטיינערנע טרעפּ זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער טיפער הייל, אויסגעהאַקטער אין שטיין. ער האָט אָבער געמוזט שנעל אַרויף צוריק. ווייל אונטן האָט געהערשט אַ שטאָק־פינצטערניש און ער האָט נישט געזען צו שטעלן קיין טראָט. דער פחד איז פון אים פאַרשוונדן. געבליבן איז ביי אים בלויז דער שאַרפער נייגער. פלינק האָט ער זיך אַרויפגעדראפעט צוריק, גענומען מיט זיך זיין נאַכט־לאַמטערן און זיך אַראָפּגעלאָזט צוריק אין דער הייל. אַ לענגערע ווײַלע האָט ער פאַר זיך גאָרנישט געזען. דאָס קאַרגע שיין פון לאַמטערן האָט אָפּגעוואַרפן אַ שוואַך ליכט, וואָס איז אין דער טוכלער טונקלקייט נאָר טונקעלער געוואָרן. ווען זיינע אויגן האָבן זיך צוגעוווינט צו דער פינצטערניש האָט ער, אין גערוימען קעלער, אין אַ ווינקל, דערזען אַ שמאָלן נישט גרויסן הילצערנעם קאסטן, באַדעקט מיט אַ דעק פון שטיין. דעם גריך טעלעמאַכוס איז ווידער־אַמאָל באַפאַלן אַ פחד: דאָ רוען געוויס די ביינער פון דער הייליקער, אויף וועמענס נאָמען דער קלויסטער ווערט גערופן. ער האָט זיך שוין געוואָלט פאַרנעמען אויף צוריק. אָבער ער איז געבליבן צוגעשמידט צום אָרט. ווי פון זיך אַליין האָבן זיך זיינע הענט געצויגן צום שווערן פלאַכן שטיין. ער האָט אפּוירגערוקט דעם צודעק פון איבערן קאסטן און דאָרט ארייַנגעלויכטן מיט זיין לאַמטערן. דער קאסטן איז געווען ליידיק. בלויז אין אַ ווינקל האָט ער באַמערקט אַ צונויפגעוויקלטן פאַרמעט, פאַרבונדן מיט אַ גראָבן שטריק. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער גענומען דעם פאַרמעט און אים צוגעטראָגן צום שיין פון לאַמטערן. דער נאקעטער פאַרמעט פון פראָסטן ציגן־פעל איז געווען באַפלעקט מיט שווערע בלוט־פלעקן, פאַרטריקנטע און הארטע. ער האָט אויפגעקניפּט דעם שטריק און פונאנדערגעוויקלט דעם פאַרמעט. ער איז געוואָרן אָנגעפילט מיט פרייד: פאַר זיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ געשריפטס אין לשון פון זיין פאָלק, וואָס ער איז געניט זי צו לייענען. ער האָט איבערגעלייענט די אויבערשטע שורה: אַ בריוו פון פאולוס צו זיין געליבטן טימאָטעאוס אין קאָרינט”.

טעלעמאכוס האָט זיך דערפרייט מיטן געפינען דידאָזיקע מגילה. גיך־גיך האָט ער זי פאַרשטעקט צווישן זיינע קליידער, צוריק אַרויף דורך די

שטיינערנע טרעפ פון קעלער, אים פֿאַרמאַכט מיטן פֿלאַכן פּירקאַנטיקן שטיין מיטן שווערן רינג און געוואָרפֿן זיין בליק צום שמאָלן פֿענצטער פֿון קלויסטער. נאָך אין דער זעלבער נאַכט איז טעלעמאַכוס פֿון קלויסטער פֿאַרשווּנדן.

ביים טויער פֿון מדבר סיני, דאָרט ווו דער לעגענדאַרער יידישער שופֿט האָט אַמאָל זיינע גבֿורה־צעפּ זיך געלאָזט אָפּשערן און איז, אַן אָנמאַכטיקער, אין די הענט פֿון זיינע שונאים, די פּלישתּים ארייַנגעפֿאַלן, געפֿינט זיך דאָס קליינע, אָרעמע פֿישער־דאָרף, ביים ברעג פֿון ים, וואָס ציט זיך לענגאויס פֿון פּרוכפּעדיקן לאַנד כנען. אין איינעם אַ טאָג האָט זיך דאָרט באַוויזן דער גריך טעלעמאַכוס, זיך אָנגעדונגען צו דער שווערער אַרבעט פֿון פֿיש פֿאַנג און אויפֿגעשטעלט דאָרט זיין פֿון קעמל־האָר געפֿלאָכ־טענעם שוואַרצן געצעלט. די געפֿונענע מגילה, אין שפּראַך פֿון זיין היימ־לאַנד געשריבן, האָט ער אין אַ ליימענעם קרוג אין דער ערד אין זיין געצעלט באַהאַלטן, און געוואָרט אויף דעם גוטן טאָג, ווען זיינע מידע גלידער וועלן געניסן פֿון רו און ער וועט קענען זיך נעמען לייענען דאָס וווּנדער־לעכע שריפֿט, וואָס וועט פֿאַר אים אַנטפּלעקן יענע סודות, וואָס וויסן וועגן זיי האָט נאָר געקענט דער, וואָס האָט זיי אויפֿגעשריבן: פּאַולוס, דער נאָענטער דינער פֿון גאָט און דער פֿלייסיקער שליח פֿון געקרייציקטן משיח. די עטלעכע טעג וואָס ער האָט געלעבט אין דערוואַרטונג אויף דער גינסטיקער מינוט, האָבן פֿאַר אים זיך געצויגן ווי יאָרן. ענדלעך האָט ער, אין איינעם אַ שטורעמדיקן טאָג, ווען די פֿישער זענען אין זייערע היימען געבליבן, און די פֿישער־שיפֿלעך זענען ביים ברעג פֿון ים מיט די דעקן אַרויף געלעגן, ווי אָפּגעשטאַנענע טויטע פֿיש, האָט זיך טעלעמאַכוס, אין זיין געצעלט פֿאַרקליבן, דעם שווערן פֿוירהאַנג איבער דעם ארייַנגאַנג אַראָפּגעלאָזט און צוגעפֿעסטיקט ,און זיך גענומען לייענען די מגילה. ער האָט געלייענט:

„פֿרידן צו דיר, געליבטער מיינער טימאָטעאוס, וואָס די זיסקייט פֿון דיינע ליפּן קען נישט פֿאַרגליכן ווערן צו דער ליבשאַפֿט פֿון אַ פּרויעגציסער. זיי געגריסט און געלויבט, אין נאָמען פֿון פֿאָטער, דעם הייליקן זון און דעם הייליקן גייסט אָמן.

פון סאַמע אנפאנג מוז איך זיך פאַר דיר פאַרענטפערן, געליבטער מיינער, פאַר מיין לאַנגן שטילשווייגן צו דיר, און אויך פאַר דעם, וואָס איך, וואָס האָב אין דיר אַזויפיל פרייד און ליבשאַפט געפונען, בין געווען געצוווּנגען דיך צו דערווייטערן פון מיר און מער קיינמאָל דיך נישט צו זען פאַר מיינע אויגן. נישט לייכט איז דעם מענטש אויף דער ערד, ווען דער גורל פירט אים אַוועק אויף אומבאַקאַנטע וועגן, און ער קען נישט אויס־פירן זיינע הבטחות, ווי איך האָב עס געגעבן צו דיר, מיין טייערער און געליבטער טימאָטעאוס וועמענס זיסע ליפּן טריפן מיט האָניק און זיין לייב פאַרשכורט ווי גוטער שטאַרקער ווייַן. און ווייל מיין טאוונג צו דיר איז נישט קיין רעכטפארטיקע, און אין די נעכט און טעג בענקט מיין האַרץ צו דיר, מיין געליבטער, דרום נעם איך זיך די מי און טו פאַר דיר באַשרייבן אַלץ וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, ביז צו דעם טאָג, ווען איך האָב דיך פון פאַר מיינע אויגן אַוועקגעשיקט און אַליין זיך געקערט צו מיינע הימלישע באַגערן, וואָס האָבן מיך באַהערשט, נישט ווייניקער ווי מיין ליבשאפט צו דיר, טייערער מיינער, טימאָטעאוס.

איך וועל אָנהייבן פון דעם טאָג, ווען דער האר פון דער וועלט האָט געשטעלט זיין באַליבטן זון אין גרויס באַדרענגעניש און דער פּראָקאָנסול פּאָנטיוס פּילאטוס האָט אים איבערגעענטפערט אין די הענט פון זיינע זעלנער, זיי זאָלן אים, מיט גרויס פאַרשעמונג קרייציקן און אָפּמעקן זיין נאָמען צווישן די לעבעדיקע. דעמלט האָב איך אים צום ערשטן מאָל געזען און דער ווייַן וואָס אין מיין בעכער איז מיר נמאס געוואָרן און איך האָב אים נישט מער געקענט טרינקען. דער גערוימער צימער, ווו איך בין געזעסן מיט דער הויך־געשטעלטער קלאודיא, די פרוי פון פּראָקאָנסול, און פאַר איר מיינע בשמים פון צידון אָפּגעלויבט, איז פול געווען מיט גוטע ריחות, און די מאַכטיקע גלידער פון פעטער קלאודיא האָבן זיך געטרייסלט פון אַנטציקונג, פון די איידעלע געווירצן וואָס איך האָב פאַר איר פאַרגעבראַכט צו פאַרקויפן. זי האָט גענומען פון מיינע הענט דעם טייערן בשמים און זיך גענומען שמירן אירע פעטע ברוסטן, און איך האָב דאָס געזיכט געמוזט אָפּקערן, כדי צו באַהאַלטן מיין איבל וואָס איך האָב דערפילט. ווייל דו, געליבטער טימאָטעאוס ווייסט דאָך גוט, ווי שטאַרק מיין ווידער־ווילן איז

צו דעם ווייבספּאַרשוויבישן מין, וועמען גאָט האָט געשטראָפט מיט העס־לעכער פאַרמלאָזיקייט, וואָס קען נישט דערוועקן קיין עסטעטישע געפילן. איך האָב זיי געהאַסט, די רוימישע פעטע פּרוויענציאָמערס, וואָס פאַרשפּרייטן אַרום זיך זייערע שווייסיקע ריחות, די נאַקעט־געגאָלטע שאַרבן־קעפּ פון די פּאַרריסענע רוימער, ווען עס איז פרעמד דאָס געפיל פון עסטעטיק. איך האָב געהאַסט דעם פּראָקאָנסול פּילאַטוס, זיין צעוווירענע פרוי קלאַודיאַ, איך האָב געהאַסט זיי אַלעמען.

אָבער מער פון אַלעמען האָב איך געהאַסט מיינע אייגענע ברידער — די יידן. אַן עקל האָט ביי מיר אַרויסגערופן זייער אָנטאָן, זייער אויסזען און זייער גאַנצער באַנעם, סיי צווישן זיך און סיי בנוגע צו פרעמדע. זייערע רבנים וואָס פאַרבאָטן יעטווידן גענוס פון ערדישער שיינקייט, זייערע כוהנים, וואָס שמירן זייערע בערד מיט בשמים און פון זייערע הענט הערט זיך נאָך דער ריח פונעם בהמישן בלוט פון די קרבנות וואָס זיי שלאַכטן אין בית המקדש, זייערע בעלי מלאכות, די טעפּער, די וועבער און ווייַנטרויבן־טרעטער, וואָס שרייען אויף קולי קולות אין די געמאַרקן פון ירושלים, איך האָב זיי געהאַסט אַלעמען. איך האָב זיי געהאַסט פאַר זייער צעקראָכענער אונטערטעניקייט פאַר די זעלנער פון פּאָנטיוס פּילאַטוס, איך האָב זיי געהאַסט פאַר זייער פאַרבאָרגענער אָפּגעהיטנקייט זיך נישט צו גלייכן און זיך צו דערווייַטערן פון דער לעבנספרייד פון די רוימער — איך האָב זיי געהאַסט פאַר אַלץ. איך, דער ייד שאול התרסי, וועמען אַט די עקלהאַפטיקע יידן האָבן מיט שפּאָט גערופן פּאַולוס און מיט דעם געלאַכט פון מיין נידעריקן וווקס — איך האָב זיי באַצאָלט מיט דער ריכטיקער מטבע אויף וועלכער זיי האָבן זיך פאַרדינט — איך האָב זיי געהאַסט.

אָ, איך האָב זיי גוט געקענט, אָט די פאָרמלאָזע סטאַדע — די יידן פון ירושלים. ווען איך פלעג זיך פאַרטיפן אין זייערע ספרים, אַרויסגעלייענט די רייד פון זייערע נביאים, האָב איך נאָך מער געהאַסט די איצטיקע, די מיט מיר אין איין שטאָט לעבנדיקע. קיין ברעקל שטאָלץ איז ביי נישט געבליבן פון זייער אַמאָל. קיין ברעקל שיינקייט פון דער וועלט האָבן זיי נישט געדרישנט. ווי ווערים זענען זיי געווען אין מיינע אויגן. און אָט דאָס געווימל איז דאָך אַמאָל אַ פאָלק געווען, מלחמות געפירט און אין

זיי מנצח געווען. די שיינע בלעטער פון גבורה, ווען זיי האָבן געקעמפט מיט די פלישתים, ווען זיי האָבן אויף זיך אַ מלך אַרויפגעקיניגט נאָך דעם ווי זיי האָבן פערציק טויזנט אין שלאכט פאַרלאָרן — אָט די מאנלעכע שטאַרקייט, ווי קומט צו איר די איצטיקע ווערעמדיקע צעקראָכנקייט, וואָס מאַכט זיי פאַלן צו די פיס פון אומוויסנדיקן פראָקאָנסול און זיין קיסר, וואָס ווייסט נישט מער ווי ברוטאַלע קראַפט און קען אפילו נישט געניסן פון דער שיינקייט וואָס דיין פאָלק, ליבער טימאָטעאוס, האָט געשאַפן פאַרן לעבעדיקן מענטש.

בין איך געזעסן מיט דער דיקער קלאודיא און פאַר איר מיינע בשמים פאָרגעבראַכט. אין דעם זענען דריי ייִדן אַריינגעקומען און זיך טיף פאַר־נויגט פאַר דער האַרנטע, ווי קנעכט וואָס פאַרנויגן זיך פאַר זייער האַר. אויף מיר האָבן זיי אַפילו נישט געקוקט. זיי האָבן מיך געקענט, און געוווּסט האָבן זיי וועגן מיין ווידערווילן צו זיי. צו איר, צו דעם ווייבס־פארשוין פון פילאַטוס, זענען זיי געקומען. עס איז מיט זיי אַן אומגליק געשען — האָבן זיי גענומען רעדן ווי בעטלערס, זייערס אַ רבי דאַרף באַלד געפירט געקרייציקט צו ווערן. או דאָ איז ערב פסח, בעטן זיי דעם גנאָד פון איר הויכער געבאָרנקייט, מען זאָל זיי דערלויבן אַראָפּנעמען דעם געקרייציקטן פון דער תליה נאָך פאַרן זון־אונטערגאַנג, כדי אים ברענגען צו קבורה פאַרן אָנקום פון הייליקן טאָג.

קלאודיא האָט זיך צעלאַכט און אירע שווערע פלייש־אָנוווקסן האָבן זיך געטרייסלט: — איר קומט צו מיר ריידן וועגן טויטע און איך זיץ דאָ מיט מיין פריינט פאַולוס און שמועסן פון לעבן!

די דריי האָבן ערשט אויף מיר אַ בליק געוואָרפן און איינער פון זיי האָט זיך צו מיר אָנגערופן:

— דו, שאול התרסי וועסט אונדז פון דיינע בשמים פאַרקויפן פאַר דער אויסריכטונג פון דער קבורה. דער רבי דאַרף נאָך היינט קומען צו קבר ישראל.

זיי האָבן מיך נישט גערופן מיט זייער שפּאָט־נאָמען פאַולוס, דער קליינער, נאָר שאול התרסי. דאָס האָט ווייכער געמאַכט מיין עקל צו זיי.

אויך איך האָב געלאַכט, נאָר נישט אַזוי פריַי און הויך ווי קלאודיא. האָב איך מיין געלט־בייטל אַרויסגעצויגן און צו זיי צוגעוואָרפן:

— נאַט, גיט עס די העלדישע רוימישע סאָלדאַטן און לאָזן זיי אייך אייער רבין פון קרייץ אַראָפּנעמען ווען עס וועט אייך ווילגעפעלן. און וועגן די בשמים דאַרפט איר נישט זאָרגן, זיי זענען פאַר דער שיינקייט פון דער לעבעדיקער קלאודיא און נישט פאַר קיין טויטן רבין באַשטימט. גייט און טוט אייער טאָוונג.

די דריי זענען אַוועק, און צו אונדזערע אויערן איז דערגאַנגען דאָס געלעכטער פון די זעלנער, וואָס האָט אין מיינע אויערן געקלונגען נישט ווייניקער עקלהאַפט ווי די הכנעהדיקע רייד פון די יידן. איך האָב פאַרהויבן דעם פאַרהאַנג און געזען ווי די זעלנער פירן דעם יידישן רבין פון די טרעפּ אַראָפּ, און נישט געפילט צו אים, נישט קיין מיטלייד און נישט קיין האַס. גאָרנישט. אַ ווילד פּאַסירעניש וואָס האָט זיך געטראָפן מיט איינעם פון אַט דעם פאַרמלאָזן המון.

דעמלט, ליבער טימאָטעאוס, ביסטו נאָך געווען מיט מיר, און דו געדענקסט אַוודאי יענע נאַכט ווען איך האָב דיך פון מיין געלעגער דער־וויַיטערט און פון דיַין ליבע נישט געגאָסן. עפּעס האָבן מיך פאַרבאָרגענע מחשבות באַנומען און מיין לוסט איז פון מיר פאַרשוווּנדן. איך האָב אין יענער נאַכט — געדענק איך — צופיל געלאַכט און צופיל געשוויגן. דער געהאָנגענער רבי האָט מיך אין מיין יידישער געפּאַלנקייט דערמאָנט, און דער עקל וואָס איך האָב צו אים געפילט האָט זיך אויף מיר גופא איבער־געטראָגן. איך בין פול געוואָרן מיט האַס, ווי אַן איבערגעפולטער לאָגל מיט וויַין.

אין אייניקע טעג אַרום האָב איך דעם געהאָנגענעם רבי ווידער געזען. יאָ, די דריי וואָס האָבן פאַר זיין קבורה געבעטן, זענען גאָרנישט געווען אַזוי נאַריש. זיי האָבן געוווּסט וויאַזוי מיט מיין בייטל געלט זיך צו באַנוצן. נאָך אַ לעבעדיקן האָבן זיי אים פון קרייץ אַראָפּגענומען, אים אין אַ ליילעך פאַרוויקלט און מיט אים פאַרשוווּנדן אויסן אויג. די רוימישע סאָלדאַטן האָבן אין יענער נאַכט אומצייליקע לאָגלען וויין פאַרצערט. זיי זענען גוט באַצאָלט געוואָרן פאַר דעם וואָס זיי האָבן נישט געזען.

און אָט באַגעגן איך אים אין פעלד, אויפן וועג קיין עמאוס. בלאס און צעשראָקן איז זיין געזיכט, און אויף זיינע הענט פאַרטריקנטע בלוט־וווּנדן פון די אייזערנע נעגל, מיט וועלכע מען האָט אים צום קרייץ צוגעפעסטיקט. זאָג איך צו אים:

— טראָג זיך אָפּ צוריק אין דיין באַהעלטעניש, דו נאַרישער, ווייל אָט קומען די דינער פון קיסר און וועסט מער פון זייערע הענט נישט אַנטרינען!
נאָר ער, דער פון קרייץ אַראָפּגענומענער, ענטפערט מיר מיט בלויז גע־ציילטע ווערטער:

— שאול, שאול, וואָס רודפסטו מיך? זעסטו נישט ווי דאָס פאָלק האָט זיך צו גאָט באַקערט דורך מיר?

מער האָט ער נישט געזאָגט און האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר. עס איז מיר אַ רחמנות באַפאַלן אויף דעם אומגליקלעכן. געוואָלט האָב איך זיינע וווּנדן מיט געווירצאייל איבערבינדן, ער זאָל פון זיינע וווּנדן נישט אויס־גיין. נאָר ער איז שוין געהאַט אַוועק פון מיין אויג. זינט דעמלט האָב איך אים נישט פאַרגעסן.

און דו, ליבער טימאָטעאוס, האָסט שוין מער פון דעם נישט געוווּסט. ווייל באַלד אויפצומאָרגנס האָב איך זיך מיט דיר געזעגנט און דיך גע־בענטשט פאַר דיין לאַנגיאָריקער ליבשאַפט צו מיר. דו ביסט אַוועק צוריק אין דיין היימשטאָט קאָרינט, ווו די מענטשן ווייסן ווי צו שאַצן ערדישן געניוס און די שיינקייט פון מענטשלעכן לייב. און איך האָב זיך דעם גע־קרייציקטן רבי געווידמעט און מיט גרויס פלייס אים אין אַ גאָט פאַרוואַנדלט.

די פאַרהאַסטע יידן האָבן גענומען וועגן אים ווונדער דערציילן. אין זייער פינצטערניש האָבן זיי דערציילט וועגן זיין תחית המתים און וועגן דעם, אַז ער, דער פון טויט־אויפגעשטאַנענער, וועט זיין זייער משיח, וואָס וועט זיי פון פרעמדן יאָך אַרונטערנעמען. די רוימער האָבן זיך צוגעהערט צו די געשיכטעס און געלאַכט. זיי, די מגושמדיקע, האָבן נישט קיין מורא פאַר קיין טויטע. די צוגערייזטע פון צור און צידון, ביי וועמען איך האָב מיינע בשמים איינגעהאַנדלט, אויך די איידעלע גריכן, האָבן מיט די אַקסלען געהויבן ביים אויסהערן די געשיכטעס פון אַ פון טויט־אויפגעשטאַנענעם יידישן משיח. זיי האָבן אַפילו לאַכן נישט געוואָלט, אַזוי אפשטויסנדיק איז

פאַר זיי די געשיכטע געווען. אָבער איך, וואָס האָב געקענט די געשיכטע פון מיין פאָלק, געוווּסט, ווי פריי און שטאָלץ עס איז אַמאָל געווען, געבוי ווי נבזהדיק און געפאַלן דאָס איז איצט, איך האָב אַנדערש באַשלאָסן. קעגן זייער ווילן וועל איך די פעלקער געבן אַ גאָט! אַ יידישן גאָט! איך וועל דערגיין צו זייער מוח און צו זייער האַרץ, מיט דעם זעלבן וועג, צו וואָס זייער מוח און זייער האַרץ איז אָפן. איך, שאול התרסי, דער ייד, פאולוס, וואָס פאַלט צו די פיס פאַר דער גריכישער שיינקייט און פאַר דער רוימישער מאַכטיקייט, איך וועל זיי געבן מיינעם אַ גאָט, אַ יידישן, וואָס זיי וועלן אים אכפערן און איך, דער ייד, וועל מוזן דורך זיי געכאַפּערט ווערן.

מיט דידאָזיקע רייד מיינע טו איך זיך מיט דיר געזעגענען, געליבטער טימאָטעאוס. ווייל וויסן זאָלסטו וויסן זיין, אַז דאָס איז די לעצטע נאַכט מיינע, וואָס איך בין דער האר פון מיינע טואונגען. מאָרגן וועלן קומען די שליחים פון שטן און מיך אוועקפירן צום אָרט, ווו די נשמה ווערט אויסגעלייזט פון גוף און דער רום פון קריסטוס גייט אויף ביז צו די הימלען און זיין לויב ווערט פאַרשפּרייט צווישן די מענטשן אויף דער ערד.

און זיי וויסן, געליבטער מיינער טימאָטעאוס, אַז נישט קיין מורא און נישט קיין שוואַכקייט באַהערשט איצט מיין האַרץ. ווייל פון אַלע מיינע מלחמות בין איך אַרויס דער זיגער און אַלע מיינע פאַרטראַכטונגען האָב איך אויסגעפּילט. און די וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם זין פון מיינע מעשים און געגאַנגען מיטן אַלטן פאַרהאַסטן וועג, זיי האָט גע־טראָפן די גערעכטע האַנט פון אונדזערע ברידער אין די הייליקע קהלות, וואָס איך האָב מיט גאָטס הילף געשאַפן, אין קאָרינט און אין עפסאס און אין רוים, וואָס דו, געליבטער טימאָטעאוס ביסט געווען אין מיין הילף זיי צו גרונטפעסטיקן. ווייל נישט קיין בונד מיט דאָס אַלטע און פאַרלוירענע האָב איך געבונדן. איך האָב געשאַפן אַ בונד פון אַ נייעם טיפ וואָס וועט אויף אייביק דויערן, ווי אייביק עס דויערט די באַהעפטונג פון טאָג־ליכט מיט דער נאַכטיקער פינצטערניש, וואָס דער מענטש קען עס נישט ענדערן. אַלץ איז מיר דערלויבט געוואָרן, אָבער קיין זאַך וועט מיך נישט באַצווינגען. ווען דיין ברודער קומט אין געשטאַלט פון שטן, מוז ער איבערגעענטפערט

ווערן צום פֿאַרלירן זיין גוף, כדי מיט דעם אויסצולייזן זיין גייסט אין טאָג פֿון דעם האַר קריסטוס. אַ קליין ביסל פֿון דעם זויערטייג מאַכט זויער דעם גאַנצן טייג און מוז פֿאַרניכטעט ווערן. און רעכטפֿאַרטיק פֿאַר גאָט איז דער אומזין, ווייל מיט דעם שטעלט ער אויס צו שאַנד די קלוגע. און דעריבער איז דער ענין מיטן קרייץ אַן אומזין פֿאַר די, וואָס דאַרפֿן פֿאַרלוירן גיין, אָבער פֿאַר אונדז איז עס אַ געטלעכע מאַכט.

און ווייל גאָט האָט נישט באַוויליקט איך זאָל קומען נאָכאַמאָל קיין קאָרינט כדי דיך צו זען און שטאַרקן דיינע הענט און די הענט פֿון די טרייע און איבערגעבענע, קעגן די פֿאַרברעכער און פֿאַררעטער פֿון צווישן אונדזער קהלה, די וואָס פֿאַרפֿירן די שאָף צום אַלטן אויסגעטריקנטן קוואַל, און דערלאָזן נישט דאָס נייע זאָל אויפֿגיין און געוועלטיקן, און ווייל מיינע לעצטע שעהען דערגייען שוין צו זייער סוף, וויל איך דיר, געליבטער טימאָטעאוס, דערציילן כאָטש איינע פֿון מיינע לעצטע טואונגען אויף דער ערד, כדי צו שטאַרקן דיינע הענט און זאָלסט וויסן, אַז נאָר מיט קראַפֿט פֿון דיין אָרעם קענסטו ברענגען דאָס ליכט און די אויסלייזונג. און די וואָס בלאָנזשען מוזן פֿאַרטיליקט ווערן. אַזוי ווי איך האָב עס געטאָן און מיט דעם געהייליקט דעם גייסט און צעבראָכן דאָס געמיט ביי די ווידער־שפּעניקע.

דאָס איז געווען נאָך דער גרויסער שריפֿה אין רוים, וואָס נעראָן דער גראָבהויטיקער אכזר האָט אָנגעצונדן. די געלעכטערס פֿון די פּעטע צעיוירענע זונות און באַטרונקענע באַקכאַנטעס האָבן שוין מער נישט געקענט פֿאַרטומלען דעם צאָרן פֿון פֿלעבס, וואָס האָט געהויבן די פֿויסטן קעגן מגושמדיקן באַזויפֿענעם קיסר. דער אומרו ביים פֿלעבס איז געוואַקסן און מיך האָט גאָט באַפֿוילן איינצוזאַמלען דעם אומרו אין אַ פֿאַס און עס רעכצייטיק אויסגיסן אויפֿן אָנגעצונדענעם שײַטער, כדי גאָטס נאָמען זאָל אין פֿלאַם געאַכפּערט ווערן. ווייל נישטיק און אומווירדיק איז דאָס לייב, וואָס גייט נישט אויף ווי אַ קרבן פֿאַרן גייסט.

דעמלט האָט אַ רוימישער בירגער אַרויסגעלאָזט דעם קלאַנג, אַז די גלויביקע אין קריסטוס האָבן עס אונטערגעצונדן די שטאָט. די אדללייט און די לעגיאָנערן האָבן געלאַכט אין די פֿויסטן. עס האָט זיך זיי נישט געגלייבט,

אז אָט די אָרעמע און געדריקטע, וואָס האַלטן אַפּ זייערע תפילות צווישן די קברים־קאַטאַקאָמבן פון יענער זייט טיבער היגטערן שטאָט און לויבן דאָרט דעם נאָמען פון משה צוזאַמען מיט אָנדענק פון קריסטוס, זאָלן אָפּטאָן אַזאַ זאַך. אָבער איך האָב פאַרזאַמלט די עדה אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, און מיטן כוח וואָס איז מיר איינציק געגעבן געוואָרן, האָב איך זיי גערופן תשובה צו טאָן. די וואָס האָבן מיינע רייד נישט באַנומען, זענען געפאַלן אויף די קני און גענומען רופן צום אַלטן יידישן גאָט וואָס האָט זיי אַרויסגעפירט פון מצרים. אַן עקל האָט מיך אַרומגענומען, ווען איך האָב געהערט זייערע אַלטע יידישע אויסגעשרייען פון פאַרצווייפלונג. האָב איך זיי געשטאַרקט מיט מיין שטים און פאַר זיי געוויזן דאָס ליכט, אין וועלכן זיי וועלן אויפגיין, נאָכדעם ווי זייער גוף וועט פאַרצערט ווערן אין נאָמען פון קריסטוס. די מיליטערישע קאָהאָרטעס האָבן שוין רעכטצייטיק געוואָרט אויף זיי אויסער די היילן. און איך האָב זיי באַגלייט אויף זייער וועג און זיי באַצייכנט מיטן צייכן פוון קרייץ. איך, דער בירגער פון רוים, ווענענס האָס צו די רוימער איז נישט קלענער ווי צו די יידישע פישער־יונגען פון גליל און די געלערנטע הכנעהדיקע לייט פון ירושלים, האָב די רוימישע קאָהאָרטעס דעם וועג געוויזן און מיט דעם געשטאַרקט די מאַכט פון קריסטוס אויף דער ערד.

אויך דער פישער־יונג פון גליל איז מיט זיי געגאַנגען. און עס איז געווען, ווען די אַרומגערינגלטע קהלה, מאַן ווייב און קינד האָבן זיך אין דער באַדרענגעניש געפונען, און דאָס געשריי פון די ווייבספאַרשוינען האָט דעם הימל גענומען לעכערן, איז צווישן זיי דער פישער־יונג, פּעטרוס דער שליח, אויפגעשטאַנען און זיי באַפוילן שמע ישראל צו רופן און לויבן זייער אלטן גאָט, איידער זיי ווערן פאַרצערט אין פלאַמען. אָבער דאָס רעכט פון אַ רוימישן בירגער איז מיר בייגעשטאַנען, און אויף מיין ווונק האָט דער צענטוריאָן דעם פישער־יונג פון צווישן דער מחנה אַרויסגעפירט און אין מיינע הענט מיר אים איבערגעגעבן. יענע האָבן נאָך גערופן: הושענה, הושענה! און איך האָב דעם ערשטן אין דער מאַכט פון קריסטוס, דעם שליח פּעטרוס, אָפּגעפירט אין דער פאַרבאַרגנקייט, כדי ער זאָל דערנאָך קענען הייליקן דעם נאָמען פון קריסטוס און דאָס אַלטע זאל ווערן

געוואָרפֿן אין דער דרויסנדיקער פֿינצטערניש, ווו עס הערשט דער צאָרן און די צאָן־קריצערייַ.

אַ גאַנצע נאַכט און אַ טאָג נאָכדעם האָב איך פֿון אים פֿאַרמיטן דאָס עסן פֿון מויל און דעם געטראַנק צו לעשן זיי דורשט. און גערעדט האָב איך צו זיין האַרץ מילד און מיט רחמנות. ווייל ווער נאָך קען הייליקן דעם נאָמען פֿון זון און פֿון הייליקן גייסט, ווי ער, דער ערשטער פּאַסטעך פֿון די נייע שאָף. ער איז געזעסן און געהאַלטן זיין גרויסן מגושמדיקן קאָפּ אין זיינע הענט און געשוויגן. זיין האַס צו מיר האָט געזוכט דעם האַס אין מיינע אויגן. אָבער איך בין געווען רואיק און נישט געפֿילט קיין האַס צו אָט דעם פֿישער־יונג, וואָס דאַרף הייליקן דאָס הייליקע און שטאַרקן די טואונג פֿון מיינע הענט מיטן בלוט פֿון זיינע אַדערן. איך האָב אים געזאָגט, אַז עס איז נישט רעכטפֿאַרטיק פֿאַר אים צו שטאַרבן אין אָט דער הייל און זיין טויט זאָל נישט ברענגען קיינעם קיין נוצן. ליבער זאָל ער אויפֿגיין אין פֿלאַם אויפֿן קרייץ, און מיט דעם הייליקן די גרויסיקייט פֿון גאָטס זון. און ווען איך האָב געזען, ווי זיין מויל עפֿנט זיך נישט פֿון דער פֿאַר־שלאָסנקייט, און די אין דורשט צעטריקנטע ליפּן באַוועגן זיך נישט מער, האָב איך באַפֿוילן אים אַרויסצופֿירן און איבערענטפֿערן אים אין די הענט פֿון צענטוריאָן. און ווען דער מאָרגנשטערן איז שוין פֿון לאַנג געהאַט פֿאַרשוווּנדן אין הימל, איז געהייליק געוואָרן דער הייליקער גייסט פֿאַר אַלעמען אין די אויגן. איך האָב דער ערשטער געקניט קעגן דעם קרייץ, אויף וועלכן עס איז, מיטן קאָפּ צו דער ערד געהאָנגען דער גרויסער הימ־לישער שליח אויף דער ערד און מיט מיר האָט דאָס פֿאָלק געהייליקט דעם נאָמען פֿון קריסטוס אויף אַלע אייביקייטן.

עס איז פֿאַראַן אַן אַלטע תורה וואָס מוז אומגעבראַכט ווערן און אַ נייע תורה וואָס מוז אויפֿקומען. די דאָגמע וואָס איז נישט שעפֿעריש מוז פֿאַרשווינדן און דאָס בויענדיקע און נייע מוז דערהויבן ווערן. די נייע תורה מוז אַ נייע פֿאָרם באַקומען, און די אַלטע קרוג מוז אין פֿייער געוואָרפֿן ווערן צוזאַמען מיטן טעפּער וואָס קנעט דעם ליים.

איצט זיץ איך אין פֿינצטערן קעלער אַרומגערינגלט מיט ברידער, וואָס טרינקען מיך אָן מיטן זעלבן ביטערן געטראַנק, וואָס איך האָב אָנגעטרונקען

דעם איינציקן פאַרטרעטער אויף דער ערד פון קריסטוס, איידער זיין גייסט איז באַפרייט געוואָרן פון זיין גוף. אַרום מיר זיצן באַשניטענע, וואָס זענען מיר נישט מוחל דעם טויט פונעם פישער־יונג, מיט וועמענס לעבן איך האָב געהייליקט דאָס נייע אויף דער ערד. איצט איז מיין ריי אויסצוטרינקען דעם בעכער פון גיפט און בענטשן די, וואָס דערנענטערן מיין סוף. דער אמת איז אויף דער זייט פון דעם שטאַרקן און דער שוואַכער פאַרשווינדט ווי די פלעווע אין ווינט. די יסורים וועלן פאַרגעסן ווערן און בלייבן וועט די לויב אויף אלע אייביקייטן. ווייל דער שטאַרקסטער וויין פון אַלע וויַינען איז דאָס בלוט, דאָס איז דאָס טייערסטע און דאָס סאמע ערשטע, וואָס מוז געשפריינקט ווערן, כדי דער אמת זאָל זיין דיינער און ער זאָל געוועלטיקן אויף אייביק״.

ווען טעלעמאכוס האָט געענדיקט לייענען די מגילה, זענען אים טרערן גערונען פון די אויגן און זיינע הענט האָבן געציטערט, ווי ער וואָלט מיט אַמאָל געוואָרן אַ חולי־נופל. ער האָט אויפגעהויבן זיין פאַרטרערטן בליק און שטומערהייט געבעטן דעם מדבר־ווינט ער זאָל קומען, און פון זיינע הענט דידאָזיקע מגילה אַוועקטראָגן. דער דרויסן איז אָבער געווען אַ רואיקער און קיין סימן פון קיין ווינט איז ניש געווען. קעגן אים איז געשטאַנען אַ מאַן — איינער פון די דארע נזירים פון קלויסטער, וואָס טעלעמאכוס האָט פאַרלאָזט אין געהיים.

— קער אום דאָסדאָזיקע געשריפטס אין מיינע הענט — האָט יענער באפוילן שטיל אָבער געגוג שטרענג.

און ווען דער הויכער, דארער נזיר האָט אין זיינע דארע הענט צוריק דאָס פארמעט פארוויקלט, און אים מיטן גראָבן שטריק ארומגעבונדן, האָט ער פלינק, ווי א יונגערמאן זיין קינדזשאל פון צווישן די שווערע קליידער אפוירגענומען, און אָן כעס, מיט מאכטיקייט אים אין האַרץ פון טעלעמאכוס

אריינגעשטאָכן. דער דינער שטראָם בלוט האָט זיך אויף דער פֿאַרוויקלטער מגילה און דעם גראָבן קעמל־שטריק אָפּגעטריפּט און איז גלייך פֿאַר־טריקנט געוואָרן ווי א זיגל. די פינצטערניש פון דער נאכט האָט דעם נזיר מיט דער פארבלוטיקער מגילה אין זיך איינגעשלונגען...

די יונגפרוי

דער כוהן אלעזר איז געלעגן אויף זיין באַנקבעטל און צו זיינע אויגן איז נישט געקומען דער שלאָף. אין דרויסן איז אַ הייסע נאַכט, אָנגעגליט פון דרומדיקן מדבר־ווינט, וואָס פארשטייפט די יריעות פון געצעלט אין זיין טרוקענער היץ. די שלאַנקע ציפּרעס־ביימער גליווערן צום טונקעלן הימל מיט זייערע שאַרף־פאַרשפּיצטע קרוינען און הילן איין דעם אַרום אין אַ געדיכטער פינצטערניש. אין הויכן טיפן נאַכט־הימל גלימערן די גרינע שטערן מיט אַ שטומקייט פון שלאַנגען־אויגן, פאַרטייעטע אין גיפטיקן בראַנד. עס איז מיטנאַכט — און ווייט איז די שעה, ווען דער דערקוויקנדיקער טוי וועט זיך אַראָפּלאָזן אין זילבערנע טראָפּנס אויף שטיין און געוויקס, אויף די פעלדער און געדיכט־צעוואַקסענע וועלדלעך אין קרית־יערים.

ער זיפצט אָפּ שווער, דער כוהן אלעזר. זיין נאַקעטע פלאַכע ברוסט אָטעמט ווי אונטער אַ משא. ער שטייט אויף פון זיין געלעגער, וואַרפט אַרויף אויף זיינע שמאָלע אקסלען דעם וואָכעדיקן בגד, אַ מאַנטל פון קעמל־האָר, און זעצט זיך אויפן שטיין, פאַר דער טיר פון געצעלט. דאָ, אויפן קילן שטיין, אין האַרץ פון דער נאַכט, וואָס האָט אַרומגענומען מיט טונקעלער טוך דאָס בערגל, אויף וועלכן עס שטייט גאָטס הויז, דער אוהל מיטן הייליקן אָרון באַשיצט פון די כרובים, דאָ האָט ער, דער פריצייטיק־געעלטערטער כוהן, וואָס היט גאָטס הויז, דערפילט זיך נאָך

עלנטער ווי אונטער די יריעות פון זיין געצעלט. ער מאַכט צו זיינע אויגן און גיט זיך איבער זיינע שווערע פיינלעכע מחשבות.

שוין דאָס צווייטע יאָר, ווי זיין ווייב איז אַוועק אין טאָל פון טויט און אים איבערגעלאָזט טרויערן נאָך איר זיין טרויער, וואָס קען נישט געשטילט ווערן. ביי יעדן געקעכטס וואָס ווערט אים דערלאַנגט, זוכט ער מיט זיינע שמאָלע קורצזיכטיקע מאַנדל־אויגן די צאַרטע, וואַרעמע פינגער פון יענער פרוי, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַזויפיל זיסע פרייד מיט איר הכנעהדיקער איבערגעבנקייט און טריישאַפט. ער האָט זי געפונען צווישן די שניטערס אויפן פעלד ביים בינדן די תבואה־גאַרבן. אירע לאַנגע בלאָנדע צעפּ זענען געווען פאַרוויקלט אַרום איר שטערן און געשמעקט מיט זון און מיט ווייץ. פופצן יאָר האָט דער כוהן אלעזר געטרונקען פון דאָזיקן שטילן קוואַל זיין פולן בעכער פון רו און גענוס. די טאָכטער מיכל, וואָס זי האָט אים געבוירן, איז דאָס געטרייע אָפּבילד פון איר מוטער, אַ שוויגנדיקע, אַ שטילע און אַ בלאָנד־אויפגעבליטע ווי אַ העל זומערפעלד. די פיין פון דער בענקשאַפט נאָך דער געשטאָרבענער האָט די טאָכטער צוגענומען ביי אים. ער קוקט אויף איר, אויף איר יונגן העלן קאָפּ, זעט אירע בלויע אויגן ווי ריינע וואַסער־קוואַלן, און דערמאָנט זיך אין איר מוטער, וואָס איז פון אים אַוועק אין דער פינצטערניש פון שאול.

ער ציטערט אויף, דער כוהן אלעזר. די הייס־שטיקנדיקע נאַכט גליט נישט מער זיינע גלידער. ער פילט אַ קאַלטן שוידער אין זיין לייב. ער וויקלט זיך אין זיין האַריקן מאַנטל און קאַלטע טראָפּנס שווייס טרעטן אַרויס אויף זיין שטערן. ווי אַ פאַרוווּנדעטער פויגל, וואָס מוז דערשטיקן זיין פּחד פאַר אַ בעל־חי און זיצן אויף זיין טריפנדיקער ווונד, זיצט ער, אלעזר, אויפן טונקעלן שטיין, אין דער טונקעלער נאַכט, און די פאָרכט דריקט צונויף זיין האַרץ מיט אַ קאַלט־פּראָסטיקער צוואַנג. ער איז נישט גרייט געווען אויף דעם אומגליק, וואָס האָט זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזט. דאָס אומגליק האָט אים געטראָפן, ווי אַ חיה וואָס טרעפט דעם מענטש אין פעלד, און פון אירע פאַרצוקערישע נעגל איז נישטאָ קיין אַנטרינונג.

שוין אייניקע טעג ווי ער פרוווט דערגיין ביי מיכל דעם שרעקלעכן סוד, און ער טרעפט זיך אָן ביי איר אויף אַ שווער שטילשווייגן. ער רעדט

צו איר זיינע רייד, און זי ענטפערט אים מיט אַ שטומען אָפענעם בלויען בליק פון אירע קליינע וואַסער־קוואַלן — אירע אויגן. איר מויל איז פאַר־שלאָסן מיט אַ טרויעריקן שמייכל. זי מיידט אויס צו גיין אין פעלד און זיצט אין געצעלט מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט אין איר שויס און נאָר איר אָפענער בליק קוקט ערגעץ אין דער ווייט, פאַר זיך, ווי זי וואָלט אין איר דמיון געבליקט צו דעם, וואָס האָט זי טיף גליקלעך געמאַכט און גלייכ־צייטיק זי געוואָרפן אין תהום פון טיפן אומגליק.

נישט פון קיינעם, נאָר ער אַליין, דער כוהן אלעזר, איז דערגאַנגען דעם שרעקלעכן סוד פון זיין טאָכטער. אירע אויגן, וואָס זענען פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ טונקעלן נעפל, האָבן עס אים דערציילט. און ווען ער האָט זיך עס דערוווּסט און ווען עס איז שוין גאָר קיין ספק נישט געווען אין דעם, וואָס מיט איר איז געשען, האָט ער מיט דעם לעצטן כוח פון זיין צעשראָקן האַרץ געפרעגט: און ווער איז ער, דער, וואָס האָט דיין לייב אין טאָל פון אומגליק געשליידערט? און זי האָט נאָך אַ לאַנגן שווייגן געענטפערט:

— איך ווייס נישט, צי ער איז דאָ און ווו איז דאָס אָרט פון זיין זיין. נאָר זיין חסד און גנאָד איז ווי פון אַ מלאך פון הימל אין זיין ריינקייט.

מער האָט זי נישט געזאָגט און איז ווייטער פאַרגאַנגען אין שווייגן.

פון די בערג פון יהודה האָט אַ יאָג געטאָן אַ קאַלטער פאַרטאָג־ווינט. אויפן הימל האָבן זיך די גרויסע שטערן גענומען אויסבאַהאַלטן אונטער דינע אַניאָגנדיקע וואָלקנס. דער כוהן האָט נאָך שטאַרקער געוויקלט זיין שמאָלן דאַרן גוף אין האַריקן מאַנטל און זיין האַרץ האָט אויפגעציטערט מיט שאַרפן פחד. ער איז אַ ווילגעלערנטער, דער כוהן אלעזר, ער קען גוט די הייליקע שריפט, וואָס רוט אין גאָטס הויז, אין געצעלט, אונטער די פליגל פון די כרובים. דער גאָט פון דער דאָזיקער שריפט איז גרויזאַם און דראָענדיק, ער האָט שוין באַצייטנס באַשטימט די שטראָף פאַר זיין טאָכטער, וואָס איז אים געבליבן ווי דער איינציקער זכר פון דער, וואָס איז פון אים אַוועק און אים געלאָזט אין זיין בענקשאַפט און פיין. „און אַ טאָכטער פון אַ כוהן, ווען זי פאַנגט אָן מזנה צו זיין, זאָלסטו זי אין פייער פאַרברענען" — אַזוי באַפעלט דער גרויזאַמער גאָט פון די הער־

שאַפּטן, וועמענס הייליקן פּייער עס היט אָפּ דער כוהן אלעזר פון קרית־יערים.

פון מזרח, פון אונטער די בערג אַפּויר, גייען אויף די ערשטע זון־שטראַלן פון אָנקומענדיקן פרימאָרגן. דער כוהן אלעזר זעט אין זיי אויפ־גייענדיקע פלאַמען, וואָס וועלן פאַרצערן דאָס לייב פון זיין טאָכטער צוזאַמען מיטן זכר פון איר זינד. ער, דער כוהן, וועט אַליין פירן זיין טאָכטער צום שייטער אין טאָל, וועט זי ברענגען פאַרן געצעלט פון גאָט און זי שטעלן מיטן פּנים צו דער עדה.

אין ראָז־פּיאָלעטן ליכט פון דער אויפגייענדיקער זון האָט זיך אַרויס־געשיילט אַ שאָטן פון אַ מאַן. דער כוהן אלעזר האָט פאַרהויבן זיין האַנט איבער די אויגן־לעדלעך און געקוקט אין דער ווייט, אין דער ריכטונג צום אָנקומענדיקן. ער האָט אים דערקענט. שוין ווידער קומט דער ווילדער ברייט־צוואַקסענער אמורי רומח צושטיין צו אים, ער זאָל אים איינזאַמלען אין די געצעלטן פון פאָלק ישראל. ער וואַרפט אָן אַ פּחד, אָט דער דאָזיקער ווילדער, וואָס פּיטערט זיין קליינע סטאַדע נישט ווייט פון געצעלט פון טרויעריקן כוהן. די רויטע קופּער־האָר, געדיכט צעוואַקסענע און נישט געשמירטע מיט בוימל, פאַלן אַראָפּ ביי דעם אמורי אויף די ברייטע נאַקעטע אַקסלען, ברוינע ווי קופּער, און דערמאָנען דעם ווילדן לעמפּערט וואָס הויערט אויף די בערג פון לבנון. אויך זיין פלאַכע בייטע נאָז און אַרויס־שטאַרצנדיקע קינבאַקן אויף זיין געזיכט אָטעמען מיט חיהשער פאַרטייעט־קייט. בלויז אין זיינע גרויע אויגן איז צו זען אַ ווייכקייט פון אַ קינד, וואָס איז באַרייט זיך צו זעצן שפּילן אין זאַמד אפילו ביי דער נאָרע פון אַ שלאַנג. שוין אַ לענגערע צייט ווי רומח שטייט צו צום כוהן אלעזר, יענער זאָל אים באַהעפטן מיטן פאָלק ישראל. לעצטנס איז ער אפילו געקומען צום כוהן, טראָגנדיק אין גאַרטל אַ שאַרף־אָנגעשליפטן שטיין, מיט וועלכן ער בעט מען זאָל איבער אים דורכפירן דעם אייביקן בונד, וואָס דער פאָטער פון ישראל — אברהם האָט דורך אים זיך פאַראייניקט מיט גאָט — דעם גאָט פון די עברים. אָבער דעם איידעלן כוהן שטויסט אָפּ די מגושמדיקע צעוואַקסנקייט פון דעם אמורי, און ער הייסט אים קומען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. איצט קומט ער ווידער צום כוהן, מיט זיין מגושמדיקן גוף,

ווילדן האָר־געפּאַל אויף די נאַקעטע אַקסלען און קינדישן בליק פון אַ שאָף. ניין, ער איז איצט נישט אויפגעלייגט, דער כּוהן אלעזר, זיך אריינצולאָזן אין אַ געשפּרעך מיט אָט דעם ווילדן. דאָס האַרץ איז ביי אים שווער ווי אַ שטיין, און אַ טיפער טרויער פון דעם, וואָס עס דאַרף געשען און ער קען עס נישט פאַרמיידן, וויינט אין אַלע זיינע גלידער. דער כוהן אלעזר, וואָס טראָגט אויף זיך דעם לייב־צודעק מיט די איידעלע שטיינער דורך וועלכע ער רעדט מיטן פאַרכטיקן גאָט, זיצט אַ צונויפגעקאָרטשעטער אין יסורים פון דעם אומגליק וואָס האָט זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזט. זיין טרויער איז טיף און קאָן נישט געפינען, נישט קיין טרייסט און נישט קיין אויסוועג. ער ווייסט נאָר איינס: ווען עס וועט קומען די שעה און ער וועט דאַרפן פירן זיין איינציקע טאָכטער צום שייטער, באַגלייט פון גאָטס־פאַרכטיקן המון, וואָס וועט הויבן די פויסטן צום הימל און פאַרשעלטן די זינדיקע, וועט ער צוזאַמען מיט איר נידערן אין שאול, וואָס קיין לעבע־דיקער מענטש קומט נישט פון דאָרט צוריק.

ער פאַרשטעלט מיט דער האַנט זיינע אויגן וואָס זענען טרוקן ווי דער מדבר־ווינט און וויל פאַרשטיין און וויל זיך דערשלאָגן צום שורש פון דעם אומגליק, וואָס איז געשען. ליכטיק און ריין איז זי, די טאָכטער זיינע, דאָס אָפּבילד פון נעמי זיין ווייב, וואָס האָט אויפגעליכטיקט פאַר אים אין זיין בחורשאַפט. די שווערע בלאָנדע צעפּ פון דעם מיידל האָבן געליכטיקט צוזאַמען מיט די ווייץ־זאַנגען אין פעלד. דאָס האָט ער, דער נביא, דער זעער, אים אָוועקגעשטעלט אָפּצוהיטן דעם הייליקן פלאַם פון גאָטס הויז און אים אָנגעגורט מיט דער פאַרכט פון חושן ואפוד. ווי גוט וואָלט איצט געווען, דעם כוהן אלעזר, ווען ער וואָלט געווען געזאַמלט די זאַנגען אין פעלד און געטונקען זיין ברויט אין עסיק־וויין, צוזאַמען מיט די יונגען וואָס שניידן און גאַרבן די תבואה. ער וואָלט אויסגעהערט פון זיין טאָכטער איר פיין, וואָלט געווייטיקט איר ווייטיק פון פאַרלוסט פון איר בתולהשאַפט און וואָלט זי געטרייסט אין איר אומגליק. און איצט וואַרט דער שטרענגער יעהאָוואַ, זיין דינער, דער כוהן, זאָל קומען און הייליקן זיין נאָמען אין פייערפלאַם, וואָס דאַרף פאַרצערן זיין אייגן בלוט און דעם איינציקן זכר וואָס איז אים געבליבן אויף דער ערד. ווי אַנדערש וואָלט עס געווען, ווען

דער שטרענגער און קלוגער נביא, דער זעער, וואָלט אים דענצמאָל נישט געטראָפן און נישט אַרויפגעוואָרפן אויף זיין אַקסל דאָס הייליקע קלייד, וואָס פאַרפליכטעט אים אָפּצוהיטן גאָטס הויז און דעם הייליקן אָרון וואָס רוט אונטער די כרובים? וואָס האָט ער געטאָן, דער זעער, דער גרויזאַמער און שטרענגער אומרויקער נביא?

אַלץ אַרום איז שוין פאַרגאָסן מיט העלער שיין. די זון איז שוין אַ מעכטיקע אַרויס פון איר פוטערפאַס און פאַרגאָסן מיט בלענד דעם גאַנצן באַרגיקן גרוי. די בוימער האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ העלן פלאַם און ליכטן ווי ברענענדיקע ליכטער איבער זייערע טונקעלע שטאַמען. דער כוהן אלעזר שטייט אויף פון זיין זיצן און קוקט אין דער ווייט, ווי אַ פאַרוווּנדעטער פויגל, וואָס פילט זיין ווייטיק און קאָן נישט אָפּפליען אין בלויען פרייען רוים. און נאָך איידער ער לאָזט אַראָפּ זיין מידן קאָפּ צו דער ברוסט און טוט שפּאַנען צו זיין געצעלט, דערזעט ער פאַר זיך דעם מאַן, וואָס האָט זיין לעבן געגומען אין זיינע הענט און עס אויסגעקנעטן ווי דער טעפּער קנעט זיין ליים. פאַר אים איז געשטאַנען דער נביא, דער זעער.

ב.

דער ברייט־צעוואַקסענער מאַן איז געזעסן אויפן רוקן פון הויכפּיסיקן פלינקן אייזל, אַ פאַרזונקענער אין מחשבות. איבער זיינע גרויע דורכ־דרינגנדיקע און אַלץ זעענדיקע אויגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט די שווערע געדיכט אָנגעוואַקסענע ברעמען און האָבן פאַר אים פאַרשטעלט דעם אַרום. אָבער אַלץ איינס האָט סיי דער נביא און סיי דער אייזל געוווּסט דעם וועג ווו זיין דאַרפן אָנקומען אין דעם איצטיקן קילן פאַרטאָג; די דינע פיס פונעם אייזל זענען שוין געוווינט אָנצוקומען צום קרומען באַרג־אַרויף אין קרית־יערים און רוען דעם גאַנצן אָנגעגליטן טאָג אין קליינעם שאָטנדיקן הויף פון שטיל־שעפּטשענדיקן כוהן אלעזר.

דאָס אייזל האָט געשפּאַנט מיט זיינע געמאָסטענע טריט און דער מאַן וואָס אויף אים האָט אים נישט אונטערגעטריבן. שווערע מחשבות האָבן זיך

געפלאָנטערט אין מוח פון זעער, מחשבות, פאַר וועלכע ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן נישט געפונען קיין באַשייד.

די שבטים פון ישראל האָבן נישט באַוויזן זיך אָפּצורוען נאָך די מלחמות מיטן אַמורי, און שוין באַדראָט זיי ווידער דער אייביקער שונא זייערער — די פלישתים. צי האָט ער גוט געפירט זיין פירונג, דער שופט, דער נביא, דער זעער, דער איינציקער, וואָס האָט גערעדט צום פאָרכטיקן גאָט פון ישראל און אָנגעפירט מיט די קינדער פון אברהם? דער אמורי איז פאַרשניטן געוואָרן פון דער ערד, בלויז רעשטלעך זענען דאָ און דאָרט געבליבן, זיי ליגן צו די פיס פון די עברים. זייערע אָפּגעטער זענען צעשטויסן געוואָרן אויף שטויב און די רעשטלעך דינער זייערע ווענדן זיך צום הייליקן געצעלט מיטן געטלעכן אָרון, דער כוהן אלעזר זאָל זיי באַקערן צו יעהאָוואַ — דעם פאָרכטיקן רייטער אין די וואָלקנס און פייער־שטורעמס. אויף די אַלע בערג און טאָלן, אויף וועלכע דער שטרענגער נביא וואַרפט זיין בליק אין איצטיקן פאַרטאָג, איז נישט צו זען קיין איין אָפּבלד פון דער אַשרה, פון געצנדינערישן לינדנבוים, וואָס אונטער זיינע שאָטנס פלעגן נאַקעט־קעפּיקע, מיט פעטס־אויסגעשמירטע געצנדינערישע כוהנים פראַוועון זייערע אומווערדיקייטן. עס איז געהייליקט די מחנה פון ישראל — און ער, דער זעער, קאָן מיט אַ רויק געמיט זיך ווענדן צום גאָט פון זיינע אבות און זאָגן: איך האָב אויסגעראָמט דאָס אומווערדיקע פאַר דיין נאָמען וועגן און געקערט דאָס פּנים פון דיין פאָלק צום הייליקן און איינציקן אָרון־הברית. דאָס פאָלק, וואָס משה האָט אַרויסגעפירט פון מצרים מיט דער הילף פון דיין אויסגעשטרעקטן אָרעם, איז באַקערט צו דיר מיטן גאַנצן האַרץ, האָט פאַרוואָרפן אויף אייביק די אומווערדיקייטן פון עמון און די אומריינקייטן פון מואָב און אַמורי. בלויז אין דיר און אין דיין בונד זענען זיי באַהאָפטן און נאָר דו אַליין ביסט ביי זיי דער גאָט פון די געטער...

אָבער די שווערע מחשבות ווילן פאַרט נישט אָפּטרעטן. אַ טיפער זיפץ רייסט זיך פון נביא׳ס ברוסט אַרויס. צי האָט ער טאַקע געפירט די קינדער פון ישראל אין ריכטיקן וועג, וואָס זאָל מאַכן פאַלן די שונאים צו זיינע פיס? אָט ריכטן אויס די פלישתים זייער לאַגער קעגן ישראל, שטעלן אויס

זייערע אייזן־געקאָוועטע רייטוועגענער, אויסגעפּוצטע מיט בוימל און גרייטע, זיי צו לאָזן אין שלאַכט קעגן די עברים. און ער, דער זעער, וואָס האָט ער געטאָן, כדי אנטקעגנצוקומען דעם פּנים פון דער שלעכטס מיט מוט און כוח? קיין איין אייזנשמידער איז צווישן די בני־ישראל נישט פאַראַן, וואָס זאָל קענען אויסשמידן אַ רייטוואָגן פאַר אַ שלאַכט און די שניידמעסער פאַרן פעלד, וואָס די בני־ישראל געברויכן, צווינגט דעם פויער צו נידערן צו די פלישתים, כדי עס דאָרט צו באַקומען פאַר פולן געלט. צי האָט ער, דער זעער, נישט פאַרזען דעם סוף פון דער זאַך, וואָס האָט געפאָדערט אַ פריערדיקע מחשבה? און ווי וועט טאַקע געשען איצט, ווען די פלישתים וועלן זיך אַ לאָז טאָן מחנותווייז, מיט זייערע פערד און רייטוועגענער אויף די געצעלטן פון ישראל, צי וועט זיך געפינען דער כוח, וואָס וועט זיי קענען ביישטיין?

דאָס ערשטע מאָל אין זיין שטורמיש לעבן פאַרגנבעט זיך אין האַרץ פונעם זעער אַ דערדרינקנדיקער צווייפל. יאָ, ער האָט שוין פאַרנומען דאָ און דאָרט, אויפן פעלד און אין די פאַסטעכער־געזעמלען, די נאָך שטילע, אָבער געגנוג שאַרפע טענה צו אים, דעם זעער, וואָס האָט זיך איינער אַליין געשטעלט צווישן פאָלק און זיין גאָט און דערלאָזט נישט עס זאָל קומען אַ מאַן, וואָס זאָל, ווי ביי אַלע פעלקער, אַרויסגיין אין שפּיץ פון זייערע מלחמות. "גיב אונדז אַ מלך" — מאָנען זיי, פון אים, דעם זעער, וואָס איז געוועזן פאַר זיי אי אַ נביא און אי אַ מלך. אָט דאָס איז זי, די אומ־דאַנקבאַרקייט, מיט וועלכע די דאָזיקע האַרטנעקיקע צאָלן אים אָפּ פאַר זיין שטעלן זיך פאַרן פּנים פון גאָט און מתפּלל זיין פאַר זיין פאָלק.

אַ כעס באַפאַלט אים, דעם זעער. וואָס האָב איך זיי געטאָן, וואָס זיי ווילן מיך פאַרוואַרפן אונטער זייער רוקן און אַרויפקיניגן איבער זיך אַ מלך? האָב איך זיי ווען עס איז באַרויבט און דערדריקט? האָב איך ביי וועמען פון זיי גענומען שוחד און פאַרקרימט מיין משפּט קעגן דעם יתום און דער אלמנה? זאָל מען קומען צו אים און פאַרן פּנים פון גאָט אים זאָגן, אז ער האָט ביי וועמען צוגענומען זיין קעמל, אָדער זיין אייזל. זאָלן זיי עס זאָגן אָפן, פאַרן פּנים פון דער עדה.

אין זיין כעס דריקט ער צו מיט זיינע מעכטיקע קני די דיכן פון דער

בהמה. דאָס אייזל דערפילט דעם צאָרן פון זיין רייטער און פאַרגיכערט זיין טראָט. די זון זיצט שוין אויף די שפּיצן פון די בערג, און פון דער ווייט פינקלט שוין דער אין בוי'מל אויסגעפּעטסטער הייליקער געצעלט. דער שטילער כּוהן אלעזר מוז איצט צורעכט מאַכן דעם קנויט פון אייביקן געטלעכן פייער — טוט דער זעער אַ טראַכט און אַ שמייכל גייט אויף פון דער געדיכטעניש פון זיין באָרד־אָנוווקס, וואָס איז אָנגעפּעדעמט אויף זיין געזיכט אין שוואַרץ און גרוי.

ער טראַכט וועגן כּוהן אלעזר און דערמאָנט זיך אין יענעם אַלטן כּוהן פון שילה, ביי וועמען ער, דער נאָך קליינער יונג, איז אַרומגעגאַנגען געגורט אין אַ לייוונטענעם לייבצודעק, וואָס עס טראָגן די יונגע באַדינער פון גאָטס געצעלט. ניין, ער האָט נישט וואָס צו באַדויערן, דער זעער, פאַרוואָס ער האָט אַליין נישט אָנגעטאָן אויף זיך דעם הייליקן לייבצודעק מיט די הייליקע שטיינער פון ליכט און פולקאָמענקייט. דורך די דאָזיקע הייליקע שטיינער לאָזט זיך רעדן צום פּאַרכטיקן גאָט. ער האָט עס נישט איין מאָל געזען ביים אַלטן כּוהן, וואָס האָט אפילו זיינע אייגענע זין נישט געקענט אַרויספירן אויפן וועג פון דערקענטעניש. אפילו ווען ער דער נאַר־וואָס באַקאַנט געוואָרענער יונגער נביא האָט דעמאָלט גערעדט צום פאָלק, און די בני־ישראל זענען אַרויס מיט זיין וואָרט אין דער גרויסער מלחמה קעגן די פּלישתּים, האָט דער אַלטער כּוהן נישט באַוויזן צו דערהערן גאָטס שטים דורכן ״אורים ותומים״ און האָט זיי מיט גאָרנישט געקענט פאַרמיידן פון זייער מפּלה. אויף דעם הייליקן אָרון מיט גאָטס פייערשריפט האָט דער אַלטער כּוהן זיי אין דער מלחמה מיטגעגעבן, און דער אַלמעכטיקער רייטער אין די וואָלקנס איז נישט אַרויס פון אונטער די כּרובים צו העלפן זיין פאָלק אין דער שווערער שעה. דאָס פאָלק איז געפּלאָגט געוואָרן פון זיינע פיינט און דער הייליקער אָרון איז געפאַנגען געוואָרן דורך די ערלים. חרוב געוואָרן אויף אייביק איז געוואָרן דאָס געצעלט אין שילה, און די לעבנגעבליבענע כּוהנים זענען מיטן לעצטן אָטעם זייערן אַנטרונען און זיך אויסבאַהאַלטן אין די באַרג־ראַנדן פון שטעטל נוֹב. ניין, ער האָט נישט קיין חרטה, דער זעער, פאַר איבערענטפערן דעם הייליקן געצעלט אין די הענט פון בלאַסן כּוהן אלעזר. זאָל יענער היטן דעם הייליקן

פייער און דעם פון מדבר־געבראַכטן הילצערנעם קאַסטן, דעם צייכן פון בונד צווישן פאָלק און זיין גאָט, וואָס איז צוריקגעקערט געוואָרן דורך די פלישתים אַהערצו, אין באַוואַלדיקטן קרית־יערים. ער, דער זעער, גייט אום מיט זיין גאָט אומעטום, און פון זיין מויל רעדט גאָטס פּאַרכטיקע און שטראָפנדיקע שטים איבערן קאָפּ פון אַלע שבטים פון ישראל. אויך ער, דער כוהן אלעזר, וועמען דער זעער האָט פון אונטער די שאָף אַפּוירגענומען, מוז זיך צוהערן צו דער שטים פון דעם נביא, וואָס צווישן אים און דעם גאָט פון ישראל איז נישט פאַראַן קיין מחיצה.

פון דער ווייטנס זעט זיך שוין דאָס געצעלט פון כוהן אלעזר, וואָס רוט צווישן שיטער־צעצווייגטע עקאַליפּטוס־ביימער. דער זעער טראַכט אָפּ־געריסענע מחשבות וועגן זיין איצטיקער באַגעגעניש מיטן כוהן און דאָס געשפּרעך, וואָס וועט צווישן זייביידן געפירט ווערן. ווידער רוקן זיך אָן שווערע וואָלקנס אויף די הימלען פון די בני־ישראל. די פלישתים זענען שוין ווידער אויסגעריכט אין אַ מלחמה קעגן די עברים. עס וועט אים נישט זיין שווער צו איבערצייגן דעם כוהן ער זאָל שטעלן אין קאָן דאָס הייליקסטע וואָס ישראל פאַרמאָגט. יאָ, דאָס פאָלק וועט אין זיין באַדרענגעניש פאַר־לאַנגען פון כוהן, ער זאָל ווידער, ווי אַמאָל אַרויספירן אין דער קומענדיקער שלאַכט מיט די פלישתים דעם אָרון הברית, ער זאָל מיט זיין פאַרכטיקייט אַנוואַרפן אַ פחד אויפן פיינט. זאָל ער אים, דעם כהן באַפוילן דאָס צו טאָן? די האַרטנעקיקע וועלן דעמאָלט פאַרשטיין, אַז שטאַרקער פון הייליקן בונד, וואָס איז פאַרזיגלט אונטערן שווערן האָלץ־פלאַך, איז גאָטס לעבעדיקע שטים, וואָס קומט פון נביא׳ס מויל, ווי אַ לעבעדיקע וואָרענונג פון צאָרנדיקן גאָט.

און ווען דער זעער איז שטיין געבליבן פאַרן בלאַסן, פון שלאָפלאָזיקייט געפייניקטן כוהן, האָט ער געוווסט, אַז לאַנג און פול מיט פיין וועט זיין דער טאָג, וואָס ער וועט זיין אין געצעלט פון מידן כוהן, און שווערע וועלן זיין די רייד, וואָס וועלן פאַלן פון זייערע מיילער. און ווען דער נביא האָט אַרויסגעזאָגט זיין באַגריסונג: פרידן צו דיר, מיין מאַן, דער כוהן, האָט ער באַלד אייליק צוגעגעבן:

— פיר אָפּ מיין מידן אייזל צום פּיטערן, ווייל וויכטיק זענען די רייד, וואָס דאַרפֿן צווישן אונדז גערעדט ווערן, אין דער איצטיקער שעה.

דער כּהן האָט אַ שווייגנדיקער אָנגענומען דעם אייזל פֿאַרן צוים און זייערע אָפּטרעטנדיקע שאָטנס האָבן זיך אויסגעמישט אין זייער געשפּאַן. דער כּהן האָט געשפּאַנט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און עס איז געווען שווער אונטערצושיידן דעם שאָטן פֿון מידן אייזל און געבויגענעם שאָטן פֿון אין טרויער־דערדריקטן כּהן אלעזר פֿון קרית־יערים.

ג.

זי האָט געוואַשן די פֿיס פֿון דעם הייליקן מאַן און אירע הענט האָבן געציטערט, ווי אירע פֿינגער וואָלטן באַרירט טליענדיק פֿייער. די שווערע ברעמען איבער די אויגן פֿון זעער, אַראָפּגעלאָזטע ווי געדיכטע צווייגן־געפֿלעכטן איבער פֿאַרטייעטע טיפֿע וואַסערן, האָבן געדראָט מיט פֿינצטערן פּחד. באַלד וועט דער נביא אויפֿהייבן אויף איר זיין בליק, דורכבּרענען איר זינדיק לייב מיט די אָנגעגליטע שפּיזן פֿון זיינע שאַרף־קוקנדיקע און אַלץ זעענדיקע אויגן, און פֿון זיין צאָרנדיק מויל וועט אַ שלאָג טאָן מיט געטלעכן פֿאַרכטיקן פֿייער, וואָס וועט זי פֿירן אין טאָל פֿון טויט. אונטערן דינעם געוועב פֿון איר טונקל קלייד רונדיקט זיך איר בויך, וואָס איז אויפֿגעגאַנגען מיט דער קללה פֿון איר זינד אין יענעם בייַנאַכט אויפֿן נישט־געשניטן פֿעלד, בעת דער יונגער פֿאַסטעך האָט מיט זיין לייב פֿאַרשניטן מיט איר אַ בונד אויף אייביק. איצט איז ער נישטאָ. עס האָבן אים איינגעשלונגען די ברייטע טיפֿע קאַרבּן פֿון די בערג, און דער פּחד פֿאַרן צאָרנדיקן יעהאָוואַ לאָזט אים נישט קומען צו איר צוריק. בלויז זיין זאָמען יוירט אין איר מיט דער ברכה פֿון צייטיק־ווערנדיקער פּרוכט אויף יונגן, צעבליטן בוים. אַ לעבעדיקע פֿרייד צאַפּלט אין איר אינגעווייד, וואָס וועט אַרויסבּרענגען צום שיין פֿון טאָג איר באַגאַנגענע זינד, און צינדן פֿאַר איר דעם שייטער, וואָס וועט זי פֿאַרצערן, זי, די איינציקע טאָכטער פֿון כּהן, וואָס איז טראָגעדיק געוואָרן פֿון זנות.

זי אײלט זיך אויפֿצושטיין פֿון פֿוסבענקל און וויל אַנטרינען פֿון די

אויגן פון פּאָרכטיקן שווערן מאַן. אָבער דער נביא איז רויק און זיין שטים איז שטיל און געלאַסן:

— לאָז אונדז טאָכטער אַליין, ווייל רייד זענען פאַראַן ביי מיר מיטן כוהן — דיין פּאָטער.

ער וואַרפט אַ שנעלן פאַרשערישן בליק אויפן מידן כוהן און וויל וויסן, צי האָט ער גוט מכוון געווען די שעה פון זיין קומען צו אים. וועט ער פאַרשטיין, דער כוהן אלעזר, די האַרבקייט פון דער זאַך און ער וועט נייגן זיין ווילן אונטער דעם פאַרלאַנג פון אים, דער זעער, וואָס טראָגט מיט זיך שטענדיק דאָס וואָרט פון גאָט אין זיין מויל? שווערע מלחמות זענען די בני־ישראל דורכגעגאַנגען מיטן אמורי, וואָס האָט פאַראומרייניקט דאָס לאַנד מיט זיינע געצנדינערישע אומווערדיקייטן. אָבער דער גאָט פון ישׂ־ראל, וואָס רוט אין געצעלט באַשיצט פון די כרובים, איז פאָרויסגעגאַנגען די מחנות פון ישראל און האָט פאַר אים פאַרטיליקט זיינע פיינד. פון אונטער די שווערע יריעות פון געצעלט האָט גאָט געפירט די מלחמות פון ישראל און האָט פאַרשניטן דעם אמורי נישט צו לאָזן פון אים קיין זכר פון אַ פאָלק. ניין, גאָט ברויך נישט אַרונטערצוגיין פון אונטער די פליגל פון די כרובים און געטראָגן ווערן אין דער מלחמה, כדי אָנצווואַרפן אַ פחד אויפן שונא.

אָבער איצט שטייען די רייטוועגענער פון די פלישתים געשמידטע מיט זייערע געשפאַנען מיטן פנים צו דער מחנה פון ישראל. נישט איצט איז די צייט אַרויסצוגיין אין מלחמה. גאָטס וואָרט איז אויך פאַרשלאָסן און דערגייט נישט צום זעער. צופיל זיכער איז דאָס פאָלק אין זיין כוח נאָכן נצחון איבער דעם אמורי און וויל זיך נישט צוהערן צום שווערן שווייגן פון גאָט, וואָס קומט פון פאַרשלאָסענעם מויל פון נביא. "גיב אונדז אַ מלך" — מורמלען זיי אין זייערע געצעלטן און אויף די תבואה־פעלדער. גיב זיי אַ מלך — און זאָל ער אַרויסגיין פאַר זיי אין שפּיץ פון דער מלחמה.

ער וועט זיי שיקן אויף דער דאָזיקער, פון פאָרויס־פאַרשפּילטער שלאַכט. ער, דער זעער, וועט זיי נישט אָפּהאַלטן פון פאַלן באַזיגטע אין דער דאָזי־קער מלחמה, וואָס וועט קומען נישט אין איר צייט און וויסן וועט דאָס

פאָלק, נאָך דעם ווי עס וועט געפלאָגט ווערן פאַרן שונא, אַז שטאַרקער פון אָרון־הברית, וואָס רוט אונטער די ירידעות, איז גאָטס לעבעדיק וואָרט, וואָס קומט פון מויל פון זיין נביא, דעם זעער, דעם שופט, וואָס דאָס פאָלק אין זיין נאַרישקייט וויל אים פאַרבייטן אויף אַ מלך...

דער זעער רעדט געלאַסן, עלעהיי ער וואָלט געציילט, ווי פערל זיינע רייד: — כוהן אלעזר, שווערע מלחמות שטייען פאַר די קינדער פון ישראל, די פערד און רייטוועגענער פון די פלישתים שטייען גרייטע און געשפּאַנטע. צי ביסטו גרייט אַרויסצופירן דעם אָרון־הברית ער זאָל דורכגיין די מחנות פון ישראל אין די שעהען פון זייער שווערער שלאַכט?

דער כוהן אלעזר ציטערט אויף: דאָס הייליקסטע פון ישראל זאָל געשטעלט ווערן אין געפאַר! דער אָרון הברית זאָל פאַרלאָזן די זיכערקייט פון געצעלט, ווו ער איז באַשיצט אונטער די פליגל פון די כרובים? וואָס האָט ער פאַרטראַכט, דער בייזער שטרענגער נביא, דער זעער?

עס באַפאַלט אים אַ צאָרן אויפן דאָזיקן שווערן מאַן, וואָס וואַרפט אָן אויף אים זיין באַצווינגערישן ווילן. ער, און נישט קיין אַנדערער, דער נביא און זעער, איז שולדיק אין זיין אומגליק. ער האָט אויף אים געוואָרפן דאָס שווערע קלייד פון דער כהונה, פאַר וואָס ער וועט איצט דאַרפן צאָלן מיט בלוט און פייער, אויף וועלכן זיין איינציקע טאָכטער וועט דאַרפן אויפגיין ווי אַ קרבן חטאת. איצט פאָדערט פון אים דער זעער, ער זאָל מיט די אייגענע הענט מפקיר זיין דאָס סאַמע הייליקסטע, און דערמיט נאָך מער דערצערענען דעם פאַרכטיקן גאָט. ניין, ער וועט נישט נאָכטאָן דעם טרויעריקן ביישפיל פון אַלטן כוהן פון שילה און ברענגען אויף זיך די קללה פון רייטער אין וואָלקנס און פייערשטורעמס. ער וועט ווידערשפעניקן די פאָדערונג פון דאָזיקן גרויזאַמען מאַן!

ער הייבט אויף זיין צעטומלטן בליק צום פנים פון דעם זעער און ווערט פאַרשטאַרט פון פחד. די שווערע ברעמען ביים נביא זענען איצט פאַרהויבן צום שטערן און זיינע קליינע טונקל־גרינע אויגן שפּיזן מיט קאַלטן פייער. דער זעער וואַרט אויף אַן ענטפער. מיט אַ געבראָכענער שטים פרעגט דער כוהן:

— שטייט טאָקע די געפאַר אויף דער שוועל פון ישראל מיט דער סאַמע נאָענטקייט?

— דער גאָט פון ישראל האָט באַוויליקט צו דערנענטערן דידאָזיקע געפאַר — ענטפערט דער זעער און זיינע ברעמען זענען שוין ווידער אַראָפּגעלאָזט איבער זיינע אויגן — כדי צו הייליקן זיין נאָמען און פאַר־טרייבן די ווידערשפּעניקייט פונעם האַרץ.

און ווען דער זעער האָט דערפילט דעם פחד, וואָס באַהערשט דעם כוהן, און געזען ווי יענער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף זיין געזעס, האָט ער צוגעגעבן קורץ און שטרענג:

— ניין, פרעג נישט דורך די שטיינער פון ליכט און פולקאָמענהייט און דערצערן נישט דעם פאָרכטיקן גאָט.

און נאָך אַ שווערן שוויגן, ווען ביידע, סיי דער נביא און סיי דער כוהן, האָבן אויסגעמיטן צו קוקן איינעם דעם צווייטן אין געזיכט, האָט דער נביא אַ זאָג געטאָן לייכט, ווי דרך אגב, עלעהיי ער וואָלט באַפוילן אָנצו־פיטערן זיין בהמה פאַרן לאָזן זיך אין וועג:

— און צו דיין טאָכטער זאָלסטו טאָן, ווי דער גאָט פון די הערשאַפטן האָט באַפוילן. ווייל געזען האָב איך איר שאַנד, וואָס מוז דורך פייער גערייניקט ווערן. איך וועל קומען צו דיר און וועל זי שטעלן צום פּנים פון דער עדה, מיטן מאָרגנדיקן טאָג, און די זון וועט באַלייכטן אונדזער רעכטפאַרטיקייט, וואָס וועט אויסרוימען דאָס שלעכטס פון צווישן ישראל.

פלינק־פיסיק האָט דער יונגער אייזל געאיילט אויף צוריקוועגס, טראָ־גנדיק אויף זיין רוקן דעם שווערלייביקן געטלעכן מאַן. אַ לייכטקייט האָט באַהערשט דעם נביא. די שווערע שטיינער פון זיין האַרץ זענען מיט אַ מאָל אַראָפּגעפאַלן. ער האָט געזען פאַר זיך זיין וועג אַ קלאָרן און ריכטיקן. מיט פייער און בלוט וועט דערהויבן ווערן דער נאָמען פון זיין גאָט. פון הייליקן געצעלט פון הויז פון כוהן וועט זיך דאָס רעכטפאַרטיקע פייער אָנהייבן, וועט אויפגיין אויף די שלאַכט־פעלדער פון די פלישתים, און דעמאָלט וועט גאָטס גערעכטיקייט אויפגיין מיט דער מאַכטיקייט פון זון־אויפגאַנג און וועט אָנפילן אַלעמענס הערצער מיט הכנעה און חרטה און

וועט זיי באַקערן צו זייער פּאַרכטיקן גאָט, וואָס ער, דער נביא, דער זעער, טראָגט אין זיין מויל זיין לעבעדיק וואָרט...

אין דער זעלבער נאַכט איז מיכל, די טאָכטער פון כוהן אלעזר, געלעגן אויף איר געלעגער און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל דערזען די פּיין און פּייער־פּלאַם, וואָס דערוואַרט איר דעם מאָרגנדיקן טאָג. איר פֿאָטער, דער כוהן, איז ווי אַ ווילדער פויגל געזעסן אויפן באַרג, הינטער געצעלט, אַ פֿאַרטרונקענער אין צער און אין פינצטערניש פון דער נאַכט. די נאַכט איז געלעגן אַ פינצטערע און שטערנ־לאָזע. נישט קיין דרום־ און נישט קיין צפון־ווינט האָט אין דער דאָזיקער נאַכט געבלאָזן. אַלץ איז געווען פאַרשטיקט אין שווייגעניש. אפילו קיין איין פויגל האָט זיך נישט איבערגעוועקט אין די שיטערע צווייגן פון די ביימער. עס האָט געאָטעמט מיט שטאַרבן. מיט טויט.

אין דער דאָזיקער נאכט האָט זיך געשלייכט אַ שאָטן צום געצעלט פון כוהן. די פינצטערניש האָט אַרומגענומען דידאָזיקע געשטאַלט אויף נישט צו דערקענען. אַ פאַרטייעטער אין דער פינצטערער שוויגעניש פון אַרום איז דער אמורי רומח, מיט צעעפנטע נאָזלעכער ווי ביי אַ חיה, וואָס גרייט זיך צום שפרונג, אַרומגעגאַנגען אַרום געצעלט, און פאַרשוווּנדן אין אים ווי אַ שווערער פינצטערער שאָטן. און איידער די בלאַסע לבנה איז אויפ־געגאַנגען אין הימל־געוועלב, האָט דער אמורי רומח, דער ווילדער מיט די אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן און פלאַכער ברייטער נאָז פון אַ וואַלד־מענטש, אַוועקגעטראָגן אין זיינע מעכטיקע אָרעמס די פאַרחלשטע מיכל און אַנ־געקומען מיט איר אין טיפן באַרג־שפּאַלט אין איינעם פון די בערג פון יהודה. ער האָט זי פאַרכטיק אַוועקגעלייגט אויף דער טרוקענער ערד און זיך אַראָפּגעלאָזט נעבן איר אויף די קני. און דעמאָלט האָט ער אָפּגעריכט נעבן איר פאַרשטאַרטן גוף זיין געצנדינערישע תפילה פון די אמוריים:

— זיי געלויבט, דו הייליקע, וואָס דו ביסט אַריין אין בונד מיט דעם פרוכטבאַרסטן פון אונדזערע געטער און טראָגסט אין דיין בויך די פרוכט פון זיין גענאָד. זיי געלויבט, הייליקע, ריינע בתולה...

דערנאָך איז אויפגעגאַנגען די זון.

ד.

אויפן פלאַכן דאַך פון הויז ליגט דער נביא אויפן געלעגער פון ווייכן געוואַנד און האַלט זיין בליק אָפן אַנטקעגן דעם בלויען הימל, וואָס הענגט ווי אַ רויך־באַדעקנס איבערן באַרג. עס איז פאַרנאַכט און די ערשטע קילע ווינטן, וואָס קומען אָן פון די בערג, קילן אָפּ די אָנגעברענטע חמימה, וואָס האָט פאַרשלאָפט מענטש און פלאַנץ אין משך פון לאַנגן זומערדיקן טאָג. דער נביא טרינקט די קילע לופט ווי אַ דורשטיקער, וואָס דערלאַנגט מיט זיינע ליפּן צום דערקוויקנדיקן קוואַל.

די מלחמה מיט די פלישתים און איר סוף האָט אים נישט איבערראַשט און נישט צעבראָכן. ער, דער זעער, האָט עס פאָרויסגעזען מיט דער גאַנצער קלאָרקייט. געטראָפן איז געוואָרן דאָס פאָלק ישראל פון דער שווערער האַנט פון די פלישתים און די צאָל פון די בני ישראל וואָס זענען געפאַלן לאָזט זיך אויסרעכענען אין די שווערע טויזנטער. גרויס איז די צאָל פון די געפאַלענע און נישט קליין איז אויך די צאָל, וואָס בלאַנקען אַרום אין די בערג, ווערן פאַרברענט פון דער היץ און פאַלן אַריין אין די ציין פון די הונגעריקע חיות. דער גרויזאַמער מאַכטיקער גאָט האָט פאַרלאָרן זיין לאַנגן אָטעמצוג פון רחמים און אין זיין גרימצאָרן באַשטראָפט זיין פאָלק פאַר זיינע זינד.

אַ מלך ווילן זיי. די פאַרנאַרטע! אַ מלך פון פלייש און בלוט ווילן זיי, אַנשטאָט דעם מלך איבער אַלע מלכים, וואָס באַפעלט דעם טאָג און ער קומט אויף, זאָגט צו דער זון און זי לייכט, שרייט אָן אויף די שטורמווינטן און זיי ווערן אַנטשוויגן. מיט זיין אויסגעשטרעקטן אָרעם האָט ער זיין פאָלק אַרויסגעפירט פון מצרים, פון הויז פון זייער קנעכטשאַפט, און זיי געבראַכט אין אַ לאַנד פון מילך און האָניק. איצט האָבן זיי געלייקנט אין זיין מאַכטיקייט און ווילן מאַכן קיניגן איבער זיך אַ מלך, מיט די אַרומיקע געצנדינערישע פעלקער צוגלייך. פאַרגעסן האָבן זיי אין גאָט פון ישראל, און זיין וואָרט, וואָס קומט דורכן מויל פון זיין נביא האָבן זיי נישט גע־כאַפּערט. איצט האָבן זיי באַקומען זייער שטראָף.

ער ליגט אויף זיין געלעגער און די מחשבות נעמען אים אַרום אין

אַ נעפּל. ער וויל דערהערן גאָטס וואָרט, וואָס קומט צו אים מיט נאָענטקייט און מילדקייט, ווי דאָס ברומען פון אַ טויב. אָבער די הימלען, וואָס ווערן וואָס אַ מאָל טונקעלער און טונקעלער, זענען פאַרשלאָסן, און אין האַרץ פון דעם זעער הערשט אַ טויטע שטילקייט, וואָס דערמאָנט אין דעם טאָל פון טויט. צי איז גאָטס וואָרט פאַרשלאָסן אויף אייביק אויך פאַר אים, דעם נביא, דעם זעער און דינער פון גאָט.

ער הייבט זיך אויף פון זיין געלעגער, שפּאַרט אָן זיינע ברייט־צעוואַק־סענע עלנבויגנס אין זיינע קני און פאַרזינקט זיין שווער־באַוואָקסענעם קאָפּ אין זיינע דלאָניעס. אַרום איז שטיל. מען הערט נישט אַפילו דעם האַרצ־רייסנדיקן געשריי פון נאַכט־פייגל, וואָס שרייט אויס זיין הונגער און דורשט נאָכן ברענענדיקן טאָג. זיי זענען דאָ נישטאָ מער, די פייגל. זיי געפינען זיך אין מלחמה־טאָל ביי דער רייכער איבערגעזעטיקטער סעודה, וואָס זיי פּראַוועט איבער די קערפּערס פון די געפאַלענע, און טיילן זייער שפּייז מיט דער ווילדער פעלד־חיה. געפלאָגט איז געוואָרן ישראל פון זיינע שונאים צוליב די זינד קעגן פאַרכטיקן גאָט.

און אפשר האָט ער נישט ריכטיק אויפגענומען גאָטס שטים, וואָס האָט גערופן אין אים און פון אים אַרויסגעשריגן, ווען ער האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם פאָלק, וואָס האָט געוואָלט אַ מלך? אָט נידערט זיין אַלטער קאָפּ מיט אָנמאַכטיקייט צו זיין ברוסט, ווי לאַנג נאָך וועט ער קענען פירן און משפטן דאָס פאָלק, און וועמען וועט ער לאָזן נאָך זיך, כדי אים איבערצוענטפערן אין די הענט די שליחות, וואָס גאָט האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן? אפילו זיינע צוויי זין גייען נישט אין זיינע וועגן און קערן זיך אָפּ פון פּנים פון גאָט. צי דאַרף ער לאָזן די קינדער פון ישראל, ווי שאָף אָן אַ פּאַסטעך?

אָן אַנגסט באַפאַלט דעם מיט אַ מאָל אַלט־געוואָרענעם זעער. ער דערשרעקט זיך: אפילו די אָנקומענדיקע נאַכט האָט ער נישט דערזען אין אָנקומען, ער, דער זעער, וואָס האָט געזען אַלץ, וואָס פאַר פרעמדע איז פאַרבאָרגן. צי האָט אים דער צאָרנדיקער גאָט געשלאָגן מיט בלינדקייט?

ער דערהערט טריט. אייליקע, ווי דאָס שפּרינגען איבער שפּיציקע שטיינער. פאַר אים שטייט ר׳מח, דער ווילדער אמורי, אַ באַוואָקסענער מיט קופּער־האָר ביז איבער די לענדן. ער וואָיעט מיט אַ חיה׳ש געוואָי:

— געטלעכער מאַן! באַפריי מיך פון דעם פּחד, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען! העלף מיר, דעם אומווירדיקן!

דער נביא קוקט אויפן ווילדן אמורי און פאַרשטייט נישט זיין געוואַי און זיין געבעט. איז ער געווען אויפן שלאַכט־פעלד און די מורא פון דער מלחמה האָט אים מיט משוגעת געשלאָגן? דער נביא קוקט אויף אים פון אונטער זיינע ברעמען־אַפּויר שאַרף און פאָרשנדיק. ער באַפעלט אים:

— רעד דיינע רייד, זון פון געצנדינערישן פאָלק!

דער אמורי קנוילט זיך אין יסורים. זיינע אויגן ברענען און פון זיי שרייט אַרויס די פאַרכט:

— זי איז געלעגן, די הייליקע, אַ פאַרטאָענע אין זיך, און אירע בליקן האָט זי פאַרשלאָסן פאַר די שטערן אין הימל. און ווען איך בין אויפגעשטאַנען פון מיין קניען האָב איך זי מער נישט געזען. אַ פלינקער גאָט האָט זי אין זיינע ציינער פאַרטראָגן און איז מיט איר אַוועק איבער די רוקנס פון די בערג. דאָרט האָט ער זי איבערגעענטפערט צום פּרוכטבאַרן גאָט, וואָס האָט זי מיט זיין מאַכט באַשלאָפן און דער שטאַרקער גאָט האָט זי פאַר זיין ווייב געמאַכט. איצט רייט זי אין די וואָלקנס און די נאַכט איז פול מיט איר. צי זעסטו נישט איר פאָרכטיקייט אין דעם נאַכטיקן וואָלקן, געטלעכער מאַן?

אַ טיפן עקל דערפילט דער נביא צו דעם ווילדן און צו זיינע לעסטערנדיקע רייד. ער וויל אים פאַרטרייבן פון זיך, נאָר ער בלייבט אַליין פאַרשטאַרט אין פּחד. אויך דאָס איז זיין זינד. פאַרוואָס האָט ער נישט געאיילט צו הייליקן דעם נאָמען פון לעבעדיקן גאָט און ברענגען דעם זעלבן טאָג די זינדיקע צום שייטער? פאַרוואָס האָט ער דערלאָזט די זינדיקע זאָל אַנטרינען פון איר פאַרדינטער שטראָף, דורך וועלכער עס זאָל געשטילט ווערן דער צאָרן פון גאָט? אַ פייער גייט אויף אין זיין האַרץ און אַ כעס באַפאַלט אים. נישט איצט איז די צייט פאַר געבראָכנקייט פון געמיט. דאָס פאָלק, דאָס געפּלאָגטע אין מלחמה וועט מיטן פרימאָרגן שטיין פאַר זיינע פּיס און שרייען צו זיין גאָט, ער מוז דערהערן גאָטס שטים כדי צו ברענגען אַ טרייסט און אַ שטאַרקונג צו זייער גייסט. ער הייבט אויף זיין קאָפּ און רופט אויס צו דעם אמורי:

— דערווייטער זיך פון מיין בליק, דו אומווירדיקער, און שטעל אָפּ דיינע עקלדיקע רייד, ווייל אָט — און איך פאַרברען דיך מיטן אָטעם פון מיין צאָרן!

און ווען דער אמורי האָט זיך פון אים דערווייטערט, מיט די הענט פאַרבראָכן אַרום זיין קאָפּ, האָבן שוין אויפגעשיינט די ערשטע שטראַלן פון דער זון, פון דער ווייטנס האָבן זיך שוין געהערט די אָנקומענדיקע געשרייען פון דער געשלאָגענער מחנה, און עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און אַ גרויסער יאָמער האָט זיך אויסגעגאָסן אונטערן באַרג פון זיין געצעלט. דאָס פאָלק האָט געשריגן צו זיין נביא, און עס איז נישט געווען באַוווסט, צי בעט עס רחמים און טרייסט, אָדער שרייט עס אויס זיין שווערע טענה צו אים, דער זעער, וואָס שטייט צווישן זיי און זייער גאָט און ברענגט נישט פאַר זיי קיין הילף:

— גיב אונדז אַ מלך, נביא, און זאָל ער אַרויסגיין פאָרויס פאַר אונדזע־רע מחנות און זיך שטעלן קעגן אונדזערע פיינט. ווייל גרויס איז די פּלאָג, וואָס האָט אונדז געטראָפן פון האַנט פון די פּלישתים און דאָס פאָלק איז דערנידעריקט און צעטראָטן!

און דעמאָלט איז דאָס האַרץ פונעם זעער אויפגעגאַנגען פול מיט רח־מים. ער האָט געגנידערט צו זיי און האָט צו זיי געזאָגט:

— זאַמלט איין די עדה און גיט איר צו וויסן: אַזוי האָט געזאָגט דער גאָט פון ישראל, טאָן וועל איך טאָן איבער אייך אַ מלך, וואָס וועט פאַר אייך אַרויסגיין און וועט שלאָגן אייערע פיינט. מיטן הייליקן בוימל וועל איך אים טאָן זאַלבן אין נאָמען פון גאָט, און ער, דער געזאַלבטער, וועט זיין פאַר אייך דער ערשטער מאַן פון צווישן ישראל.

אַ פרייד האָט אַרומגענומען דאָס געשלאָגענע פאָלק. זיי זענען געפאַלן צו די פיס פונעם זעער, און די האָפנונג האָט אויפגעלויכטן אין זייערע אויגן. זיי וועלן שוין מער נישט זיין ווי די שאָף, וואָס דער שטורעמווינט צעפלאָשעט זיי און די ווילדע פעלד־חיה פאַרצוקט זיי צווישן אירע ציין. זיי וועלן פון איצט האָבן אַ פאַסטעך, וואָס וועט זיי פיטערן און פאַרהיטן פון געפאַר. זיי וועלן האָבן אַ מלך.

און ווען דאָס פאָלק האָט זיך באַרויקט, און איינציקווייז און מחנותווייז האָבן זיי זיך געקליבן צו זייערע געצעלטן, האָט דער נביא פון זיי פאַרנומען די אויסטערלישע רייד און די פּאַסירונגען אויפן מלחמה־פעלד, די גבורה און די אויבערהאַנט וואָס זיי האָבן באַוויזן, ביז די שעה פון בראָך איז געקומען און דאָס פאָלק איז זיך צעלאָפן אויף אַלע פיר ווינטן.

און דער וואָס האָט געקענט דערציילן האָט דערציילט, און דער נביא האָט געהערט:

— און עס איז געווען, ווען דער כוהן אלעזר איז אָנגעקומען אויפן פעלד צו בענטשן דאָס פאָלק, איז אַ פחד באַפאַלן די פלישתים און זיי האָבן גענומען לויפן צוריק אין די אייגענע פוס־טריט. דעמאָלט האָט זיך אויפ־געשטעלט זייער עלטסטער און האָט צו זיי אויסגערופן: שטאַרקט זיך און זייט ווי מענער. ווייל וואָס וועט מען זאָגן אויף אייך אין די גאַסן פון גת און די געמערק פון אשקלון: געפלאָגט זענט איר געוואָרן פאַר די קינדער פון ישראל און איר וועט קיין תקומה מער נישט האָבן! און ווידער האָבן זיי געפּרוווט שפּאַרן פאָרויס און רייסן זיך צו די מחנות פון לעבעדיקן גאָט, אָבער דער פחד איז פון זיי נישט אָפּגעטראָטן. אָבער דעמאָלט איז געשען אַ מערקווירדיקע זאַך, דער כוהן אלעזר, וואָס איז געווען שטאַרק ווי אַ לייב און פלינק ווי אַ הירש אין זיין לויפן, איז פּלוצלונג שטיין געבליבן און זיין בליק צו די בערג פון יהודה געווענדט. און אין איין אויגנבליק האָט ער זיך געלאָזט לויפן צו די הויכקייטן פונעם באַרג. מיר האָבן אים נאָכגעפאָלגט מיטן בליק און נישט פאַרשטאַנען. דערנאָך האָבן מיר געזען, ווי אַ ווילדע פאַרצוקערישע חיה טראָגט אין אירע ציין אַ גוף פון אַ מענטש, וואָס איז נאַקעט און די האָר זענען ביי אים לאַנג און גרייכן ביז צו דער ערד. דערנאָך האָבן מיר געזען, ווי דער כוהן אלעזר ראַנגלט זיך מיט דער חיה און אַלע דריי ווערן פאַרשוווּנדן אין אָפּגרונט אונטערן באַרג. דער מלחמה־שאַל האָט פאַרהוילן פאַר אונדזער אויער דעם געשריי און דעם געראַנגל פונעם אָפּגרונט. ערשט ווען די שלאַכט האָט זיך איינגעשטילט האָבן מיר געטראָפן אַ ווילד־באַוואָקסענעם מאַן מיט פחד אין זיינע אויגן, און ער האָט אונדז אַן אויסטערלישע דערציילונג דערציילט: אויף די בערג האָט אַ גאָט זיין ווייב אַנטשפּויזט און די פרוכט פון זיין מאַנלעכקייט צו

זיך צוגענומען. מיר האָבן די הערונג פון אונדזערע אויערן נישט געגלויבט, ווייל פּאַרכטיק איז געווען דער מלחמה־שאַל און נאָך פּאַרכטיקער און אייליקער איז געווען אונדזער אַנטרינונג. מיר זענען געלאָפן אין די טאָלן צווישן די בערג־שפּאַלטן און זיך נישט אומגעקוקט צו יענעם אויסטערלישן באַרג, ווו דאָס איז געשען.

דער נביא האָט אויסגעהערט דידאָזיקע רייד און זיין האַרץ האָט גע־וויינט איבער דער אומוויסנקייט פון זיין פאָלק. שווערע טרערן זענען אים גערונגען פון זיינע אויגן און געפאַלן אין זיין געדיכטן באָרד־געוווקס. און געוווסט האָט ער, דער זעער, אַז זיין צייט איז נאָך נישט פאַרביי: ער וועט זאַלבן פאַר זיי אַ מלך, אָבער ער, דער נביא און זעער, וועט אים פירן אין רעכטפאַרטיקן וועג פון איינציקן גאָט, כדי דער מלך זאָל זיך אין גאָט באַהעפטן און פירן אין זיינע וועגן דאָס פאָלק.

אויפצומאָרגנס האָט דער נביא באַפוילן שאַלן אין די שופרות, דאָס פאָלק זאָל זיך צונויפזאַמלען כדי צו הערן דאָס וואָרט, וואָס עס רעדט צו זיי דער לעבעדיקער גאָט פון די הערשאַפטן דורכן מויל פון זיין נביא.

ה.

דעם מלך, וועלכן דער נביא האָט געזאַלבט מיטן הייליקן בוימל און געמאַכט קיניגן איבער די קינדער פון ישראל, האָבן די עברים אויפגענומען מיט גרויס פרייד און באַגייסטערונג. איצט וועלן זיי שוין זיין מיט פעלקער גלייך. עס וועט שוין פון זיי נישט שפּעטן דער פלישתי, דער פאַריסענער יבוסי, וואָס האָט זיך פאַרפאַנצערט און באַפעסטיקט אויפן באַרג יבוס און זיך דאָרט אויפגעבויט זיין פעסטונג. ניין, נישט דער כוהן וועט גיין מיט זיי אין שלאַכט און טראָגן דעם אָרון הברית, וואָס אין געטלעכן צאָרן קען ער נישט זיין קיין שיצער. ווייל דאָס, וואָס דער גאָט פון די אבות, דער רייטער אין דונער און פייערשטורעם האָט איצט אָפגעטאָן מיט זיי, מיט די קעמפנדיקע מחנות פון ישראל, האָט זיי פאַרשאַפט גרויס ווייטיק און נישט ווייניקער צאָרן, ווייל ער האָט זיך נישט צוגעהערט צו זייער געשריי, און איז נישט אָנגעקומען פון ברענענדיקן מדבר קעמפן זייער קאַמף און

פירן זייער מלחמה. ער, דער איש מלחמה, האָט נישט געלוגט פון זיין האַרבעריק פון הינטער דעם וואָלקן אַפּויר און זיי נישט געבראַכט זיין הילף. איצט וועט דער מלך, דער געזאַלבטער פון גאָט, דורך זיין נביא, דעם זעער, פאַרויסגיין פאַר זיי און זיי פירן צו נצחונות. ער, דער מלך, און נישט דער שוואַכער איידעלער כוהן, וואָס איז אַליין פאַרשוווּנדן אויף אַ מיסטעריעזן אופן אין טאָל פון טויט, אין שאול.

און עס איז געווען, ווען די בני ישראל זענען צו זיך געקומען נאָך דער שווערער מפלה אין דער מלחמה מיט די פלישתים, און דער ניי־געזאַלבטער מלך האָט זייער געשריי פאַרנומען און גענומען זאַמלען צו זיך די מחנות, כדי ווידער זיך צו גרייטן אין מלחמה, האָט זיך אין יענער צייט עפּעס אַן אַלטער בלינדער זינגער פון ערגעץ־ווו געפונען, און ער האָט אין די הויפן און געמאַרקן וווּנדערלעך שיינע לידער געזונגען. מיט זיין איינס־טרוניק שפּיל־האָלץ האָט ער זיך צובאַגלייט זיין זינגען, וואָס ער האָט אַליין פאַר זיך פאַרפאַסט. די ווערטער פון ליד זענען געווען ווייטע און נישט באַנעמלעכע. נאָך קיינמאָל האָט מען צווישן די בני ישראל אַזאַ מין געזאַנג נישט געהערט. נישט קיין לויב־געזאַנג פון גבורה איז עס געווען, און אויך נישט קיין פאַרכטיק געזאַנג צום מאַכטיקן גאָט פון ישראל, וואָס רייט אין די וואָלקנס. דאָס ליד איז געווען אַ שטילס, אַ פאַרחלומטס, און ביים אַלטן זינגער איז עס אַרויסגעקומען פון זיין אַנצייניק מויל נאָך מער שטיל און נישט ווייניק אומהיימלעך. און גערעדט האָט זיך אינעם ליד וועגן אַ געהיימען אומבאַקאַנטן גאָט. וואָס האָט גענידערט אין דער פינצטערניש פון אַ נאַכט און זיך באַהאַפטן מיט אַ יונגפרוי אין איר בתולה־שאַפט און האָט פון איר דעם זאַפט פון לעבן אויסגעזויגן. דערנאָך איז דער שטאַרקער מאַנסביילישער גאָט אין די בערג אַנגעקומען, רייטנדיק אויף אַ ווילדן לעמ־פערט, און האָט אין זיינע מעכטיקע אָרעמס די יונגפרוי צו זיך גענומען און זי פאַר זיין ווייב געמאַכט. און ווען אויפצומאָרגנס איז די זון אויפגעגאַנגען, איז געבוירן געוואָרן אַ יונגער מאַכטיקער גאָט, וואָס האָט די בערג פונאַנ־דערגעקוילערט מיט זיין פעסטן אָרעם און צוגענומען די הערשאַפט פון זיין פאָטער, דעם באַצווינגער פון דער יונגער בתולה, זיין מוטער.

און אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס טרוימערישע, אומפאַרשטענדלעך־

פרעמדע ליד, וואָס דער אַנצייניקער אַלטער האָט געזונגען, אַ געקומענער פון דער ווייט, צווישן די מחנות פון ישראל:

אוּן זי, די געבענטשטע האָט אַ גאָט אים געגעבן,
אין אירע גערעדים אים אויסגעבריט,
און אין די וואָלקנס טוט ער איצט שוועבן,
דער מענטש און די חיה פאַר אים פאַלט און קניט.

אין די מחנות פון ישראל האָט דאָסדאָזיקע ליד אַרויסגערופן אַן אומ־היימלעכקייט. געפילט האָבן די עברים, אַז דאָס געזאַנג פונעם אַלטן איז געצנדינערײ און איז קעגן ווילן פון מאַכטיקן גאָט, דעם גאָט פון ישראל. זיי האָבן געפאָרשט דעם אַלטן און דערגאַנגען, אַז ער איז אַן אמורי, אײנער פון די געבליבענע, וואָס זענען נישט פאַרשניטן געוואָרן דורך דער שווערד פון ישראל. יאָ, אויך ער, דער בלינדער אַלטער האָט געהערט וועגן קופּער־רויטן און פלאַך־נאָזיקן מאַן פון זיין שטאָם, וואָס האָט דער טאָכטער פון כוהן צו די בערג אויף זיינע אָרעמס געטראָגן, ווייט פון צאָרנדיקן פייער פון גרויזאַמען יעהאָוואַ. אויך ער ווייסט, אַז אין אירע גערעדים האָט זי געטראָגן די זוימען פון אַ מאַכטיקן גאָט, און אַז דערדאָזיקער גאָט האָט זיין פּרוכט מיטן כוח פון זיין אָרעם אויפגעמאָנט און געשיקט דעם שטאַרקן לעמפּערט ער זאָל זי אים אין זיינע ציינער ברענגען. יאָ, טאַקע וועגן דער־דאָזיקער הייליקער, דער ריינער יונגפרוי, וואָס איז דורך אַ גאָט באַשלאָפן געוואָרן, טאַקע וועגן איר, געלויבט און געאַכפּערט זאָל איר נאָמען זיין, האָט ער פאַרפאַסט דאָסדאָזיקע ליד.

ווען עס איז דערגאַנגען צו די שווערע אַלטע אויערן פונעם זעער די ידיעה וועגן ליד, וואָס דער אַלטער זינגט אין די מחנות, האָט ער באַפוילן מען זאָל אים פאַרטרייבן אין מדבר אַריין, ווייל אומווירדיק זענען געווען די רייד, וואָס דער אַלטער האָט אַרויסגעבראַכט פון זיינע לעפצן. די מחנות פון ישראל דאַרפן זיך איצט רייניקן צו די נייע שלאַכטן, צו וועלכע עס פירט זיי דער מלך און זיין נביא, און טאָרן נישט פאַרנעמען די רייד פון אַ געצנדינער, וואָס פירט אַראָפּ די בני ישראל פון וועג צו זייער אייניציקן לעבעדיקן גאָט.

דער אַלטער איז פאַרטריבן געוואָרן און מען האָט אים מער נישט

געזען, אָבער אַ צייט לאַנג נאָכדעם האָט זיך די שיינע געשיכטע וועגן דער הייליקער יונגפרוי געלאָזט הערן. דערנאָך זענען נייע לידער און נייע לעגענדעס אויפגעקומען, און נישט שטענדיק זענען זיי געווען צו זיך ענלעך. אין איין ליד איז געלויבט געוואָרן דער מאַכטיקער גאָט, דער באַשלעפער פון דער בתולה, און אין צווייטן איז וועגן אים פאַרגעסן געוואָרן און עס איז גערעדט געוואָרן נאָר וועגן דער בתולה, דער געבענטשטער און הייליקער, וואָס האָט אין אירע געדערים און אין איר אומשולדיק לייב אַ גאָט אויסגעטראָגן. און דער דאָזיקער גאָט איז געבוירן געוואָרן נישט פון באַצווינגונג, נאָר פון ליבשאַפט, און דעריבער איז דער געבוירענער גאָט אַ מילדער און אַ גרויסער בעל־רחמנות, וואָס קומט פון די הימלען אין די פאַרטייעטע נעכט און העלפט אַלע אָרעמע און ליידנדיקע. אַ צייט לאַנג נאָך דעם ווי סיחון, דער מלך פון אמורי און עוג דער מלך פון בשן זענען פון דער ערד פאַרשוווּנדן, צוזאַמען מיט זייערע פעלקער, וואָס זענען פאַרשניטן געוואָרן, און די רעשטן זייערע זענען פאַרלוירן געגאַנגען צוויש די נייע שבטים, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט פון וויסטן מדבר יהודה ביז צו די שנייאיקע בערג פון חרמון — האָבן וואַנדערנ־דיקע זינגער און אַלטע איבערן־לאַנדגייענדיקע בעטלער געזונגען לידער און דערציילט ווונדערלעכע זאַכן וועגן דער הייליקער יונגפרוי און דעם שטאַרקן גאָט, וואָס זי האָט געבוירן נאָכן באַשלאָפן ווערן פון געטלעכן גייסט. יונגע און זקנים האָבן דידאָזיקע לידער און דערציילונגען געהערט און א בענקשאַפט איז אין זייערע הערצער פאַרגאַנגען, און זייערע אויגן האָבן זיי געווענדט צום הויכן טונקעלן הימל אין די נעכט, צו די פינקלדיקע שטערן, און האָבן געזוכט די שפורן פון דער הייליקער בתולה און איר זון דעם לייטזעליקן גאָט, וואָס שוועבט צוזאַמען מיט זיין הייליקער מוטער אין די וואָלקנס. פרויען, וואָס זייערע הערצער זענען געווען שווער און זייער מוטערטראַכט פאַרשלאָסן, האָבן אין די נעכט געקניט אין די הויפן, מיט אויגן פאַרהויבן צום הימל, די הייליקע און דערבאַרעמדיקע, וואָס איז דורך דער הייליקייט באַפרוכפּערט געוואָרן, זאָל בענטשן זייערע פאַרשעמטע לייבער און עפענען זייערע פאַרמאַכטע טראַכטן. די ווונדערלעכע געשיכטע מיט דער בתולה האָט אַריבער געשפּאַנט דעם ים־סוף אין דרום און זיך

אויך פֿאַרשפּרייט אין דעם לאַנד פֿון פּרוכפּערדיקן נילוס. און דאָרט, אינעם לאַנד, ווו דער מענטש האָט זיך מיט דער געטלעכער יצירה פֿאַרמאָסטן און געטריבן פֿון זיך די וויסטעניש מיטן כּוח פֿון שאַפֿנדיקן מענטשלעכן גייסט, דאָרט האָט די הייליקע בתולה אַ נאָמען באַקומען, און זי צוזאַמען מיט איר געבענטשטן זון, זענען אַריינגענומען געוואָרן איז קרייז פֿון די נויטוועגדיי־קייטן פֿאַרן מענטש. די געבענטשטע געטין פֿון פּרוכטבאַרקייט איזיס האָט געטראָגן אויף איר אָרעם איר זון, דעם גאָט פֿון ליכט מיטן נאָמען אור, אין פּילצאָליקע טעמפּלען, וואָס די מצרים האָבן פֿאַר איר אויפֿגעבויט און איר געשטאַלט געלאָזט אויסהאַקן פֿון ריינעם ווייסן מאַרמאָר. און לאַנג־לאַנג נאָכדעם, ווי יהודה און ישׂראל זענען שוין אונטער פֿרעמדער הערשאַפֿט געלעגן, און די מלכים פֿון בני ישׂראל און זייערע מלחמות און זיגן זענען בלויז דורך נביאים און זינגער באַזונגען געוואָרן, האָבן אומבאַקאַנטע וואַנ־דערער דערציילט וועגן דער גבֿורה און מאַכטיקייט פֿון דער געבענטשטער איזיס און איר זון, וועמענס געשטאַלט זיי האָבן אַליין געזען אויסגעהאַקט פֿון שטיין אין דער ווייטער שטאָט רומי, וואָס צו איר ציען זיך די פֿעלקער און זי מאַכט זיי אונטערטעניק אונטער אירע פֿיס.

אין איינעם האָבן די לעגנדעס פֿאַרגעסן, אין ברייטפּלייציקן, קופּער־בראָנזיקן אמורי רומח, וואָס האָט אין זיין ליבשאַפֿט צו דער בתולה איר פֿון פֿייער פֿון יעהאָוואַ אָפּגעראַטעוועט און זי, דורך פֿייער פֿון מלחמה אין די בערג געטראָגן. דער נישט באַשוינטער אמת האָט הפּנים נישט ליב זיך צונויפֿטרעפֿן מיט דער באַזונגענער שיינקייט פֿון דער לעגענדע און ווערט דורך איר פֿאַרצערט...

סקיצון

פייגל איבערן

קרעמאַטאָריום

אין יענעם פאַרטאָג איז אין לאַגער געווען שטיל. די לאַגערניקעס האָבן נאָך ענגער צוזאמענגעשרומפן זייערע בייניקע גופים אויף די פּריטשעס און שווער געאָטעמט מיט פאַמעלעכער גסיסה. די געזונטערע צווישן זיי האָבן ווי פאַרגעסן דעם הונגער און פאַרגאַנגען אין אַ שווערן, דערשטיקנדיקן שלאָף, מיט שווערע חלומות. די לופט אין באַראַק איז געווען געדיכט און פאַרנעצט, ווי אַ שווערער מיט שטורעם־אָנגעלאָדענער וואָלקן וואָלט אַרומ־געפּרעסט דעם לאַנגן באַראַק און אים אָנגעפילט מיט פייכטן, קלעפּיקן דאַמף. דאָס איינציק לעמפּל האָט זיך געררויטלט, ווי אַ קראַנק אויג ביי אַ בעטלער, פאַרלאָפן מיט פייכטן, גרין־געלן אייטער. אין דער אַלגעמיינער שוואַרצקייט פון באַראַק האָט דאָס לעמפּל געוואָרפן אַ קראַנקן שיין אויף דער ווייס־געקאַלכטער טיר, וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס קליינע צימערל פון קאַפּאָ.

אינדרויסן איז געלעגן די מיטנזומערדיקע נאַכט אַ מידע, אַ געפאַנגענע אין שטייג פון די עלעקטריזירטע דראָטן פון ריזיקן לאַגער־צוים. די וואַך ביים טויער האָט פויל און זיכער געדרעמלט. און נאָר דאָס ליכט אויבן, אויפן רונדיקן טויער־בויגן, האָט באַלויכטן דעם ביטערן חוזק פון דער ליגנערישער אויפשריפט "אַרבעט מאַכט פריי", וואָס האָט פרעך און מיט קולי קולות אַראָפּגעשריגן פון אויבן, ווי אַ ווילדע באַנאַגלטע מכשפה, וואָס פאַרנאַרט מיט אירע זיסע רייד קליינע קינדער אין וואַלד אַריין און שלינגט זיי דאָרט איַין לעבעדיקערהייט.

אין דער רעכטער זייט פון באַראַק, אויף דער סאַמע לעצטער פריטשע, אַנטקעגן דער ווייס־געקאַלכטער טיר פון קאַפּאָ, האָט זיך עפּעס אַ באַוועג געטאָן. ביינער פון אַ האַנט, אויף וועלכער עס זענען אַמאָל געווען פלייש און כוח, האָבן זיך אַ באַוועג געגעבן, ווי זיי וואָלטן עפּעס געוואָלט אָנכאַפּן אין דער לופט. באַלד איז די האַנט צוריק מאַכטלאָז אַראָפּגעפאַלן, און אין אַ ווייל אַרום האָט זיך דערהערט אַ שוואַך, אָבער רויק קול:

— איר שלאָפט?

די פראַגע האָט גאָר אינגאַנצן ווי קיין פראַגע נישט געקלונגען. אין דעם טאָן איז געווען אי באַשטעטיקונג, אי פאַרדראָס און אפילו פאַרוואָרף. און ווי די פראַגע, אַזוי פשוט און דאָך אַזוי אומפאַשטענדלעך איז אויך געווען דער ענטפער:

— צי איך שלאָף? אני ישנה ולבי ער... אני — דאָס מיינט מען די כנסת ישראל, ולבי ער — דאָס איז דער השם יתברך, וועלכער שלאָפט נישט און זעט אלץ צו...

דידאָזיקע ווערטער זענען געקומען פון אַ מויל אָן איין צאָן. די ווערטער זענען דעריבער אַרויסגעקומען אַביסל ווי פאַרשלונגען, נישט דייטלעך. אָבער דאָך איז אין זיי געווען בטחון און גלויבן. אָפּגעענטפערט — און ווידער געבליבן שטיל, ווי פאַרשטיינערט.

אין משך פון די קאַרגע אָנדערהאַלבן יאָר, וואָס דידאָזיקע צוויי שכנים זענען אין טויטן־לאַגער, זענען זיי שטענדיק געווען צוזאַמען. כמעט שטענדיק צוזאַמען ביי דער אַרבעט און צוזאַמען געלעגן אויף איין פריטשע אין די לאַנגע, פּיינפולע נעכט. אין די ערשטע טעג איז עס זיי ביידן געווען אומ־פאַרשטענדלעך, און אפילו דערווידער. סיי די עלטער און סיי די סביבה און אַרט לעבן פון פריער האָט זיי ביידן מײַלן־ווייט אונטערשיידט און דערווײַטערט איינעם פון אַנדערן. איינער — אַ יונגער בחור פון אַ יאָר זעקסאונצוואָנציק, אַ פּייאיקער טוער פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג ביי זיך אין שטעטל, און דער צווייטער — אַן עלטערער ייד, אַ גמרא־מלמד, מיט אַ פײַערדיקן לומדישן קאָפּ און אַ שטאַרקער ירא־שמים. ביידע זענען געווען אַריינגעטאָן אין זיך, אין זייער באַזונדער וועלט. אין די לאַנגע שווערע טעג פון אַרבעט אין לאַגער, האָט יעדער גענומען זיין חלק פּיין, עס

אײַנגעזאַפּט אין זיך און זיך באַמיט, אַז דער װײטיק זאָל נישט אַרױספּלאַצן אינדרױסן. ערגער איז געװען אין די נעכט. דער יונגער אַרבעטער־טוער מאָטל לײטשעס, װעלכער האָט שױן אין זײן פּריסטער יוגנט פּאַרזוכט עטלעכע מאָל פּױלישע טורמע, איז געלעגן אױף דער האַרטער פּריטשע מיט אַן אָפּן מױל און געגאַרט אַרױסצורעדן אַ װאָרט מיט זײן שכן, דעם גמרא־מלמד ישׂראל־ברוך, און נישט געװוּסט פֿון װאָס אָנצוהײבן. דער אַלטער גרױער ייִד איז געלעגן שטיל. נאָר זײנע אױגן האָבן געברענט מיט אַ קראַנק פֿײַערל. פֿון צײַט צו צײַט האָט ער אַרױסגעלאָזט אַ זיפֿץ, אײנעם פֿון יענע חצות־זיפֿצן, װאָס פֿרומע ייִדן לאָזן אַרױס בײַם באַװײנען דעם גלות־השכינה.

נאָר די דריטע בשותּפֿותדיקע װעלט, די װעלט פֿון אומגעהײרע פּײַן און לײַדן, די װעלט פֿון נאָענטער איבלדיקער הײמישקײט מיטן טױט, האָט פֿאַראײניקט זײערע בײדנס װעלטן אין אײנס, אין אַ װעלט פֿון בשותּפֿותדיקן גורל און אַפֿילו פֿון בשותּפֿותדיקער מחשבֿה. װערטער דורך אײנעם פֿון זײ אַרױסגערעדטע, װעלכע האָבן פֿאַרן צװײטן קײן שום באַדײַטונג נישט געהאַט, האָבן מיט דער צײַט באַקומען אַ ממשות און זײנען איבערגעגאַנגען פֿון אײנעם צום אַנדערן װי פֿון האַרץ צו האַרץ. באַשטענדיקע לאַנגע שמועסן זײנען צװישן זײ געפֿירט געװאָרן, בײַ װעלכע דער לאַנגער אַרבעטס־טאָג איז נאָר געװען אַן איבעררײַס אין זײער לאַנגן געשפּרעך. דידאַזיקע שמועסן האָבן פֿאַר בײדע געמאַכט לײַכטער דאָס איבערטראָגן די יסורים. ביז אין אײנעם אַ טאָג האָבן זײ זיך בײדע דערזען צעשטראַלטע אין ליכט פֿון אײגענעם בליק: זײ האָבן פֿאַרלאָרן די מורא פֿאַרן טױט.

דאָס װײַס־אָפּגעקאַלטכע טיר האָט זיך פֿױל און מיט אַ סקריפּ געעפֿנט און פֿון דאָרט האָט זיך מיט אַ גענעץ אַרױסגעשאַרט דער קאַפּאָ פֿון באַראַק. דער אַלטער ישׂראל־ברוך האָט אַ שמײכל געטאָן אונטער זײנע שיטערע גרױע װאָנסעס. ער האָט אים גוט געקענט, אָט דעמדאָזיקן געזונטן, קורץ־פּיסיקן בחור, מיט די רױטלעכע פּעטע באַקן. אַמאָל זײנער אַ תּלמיד געװען, אַ טאַטנס אַ קינד. זײן פֿאָטערס טראַטוואַס געהילץ פֿלעגן שװימען מיט דער ברײטער װײסל אַזש קײן דאַנציק. פֿון זײן בן יחיד האָט דער רײַכער װאַלד־סוחר געװאָלט מאַכן אַ רבֿ. נאָר דער צעפּיעשטשעטער בן יחיד האָט קײנמאָל

נישט געוואָלט לערנען. און אַ מאוסע טבע האָט ער געהאַט: שטענדיק מיטן קליין פינגערל פון דער רעכטער האַנט זיך קאָלופּעט אין דער נאָז און נישט געהערט וואָס מען רעדט צו אים. אויך איצט שטייט ער ביי דער ווייס־געקאַלכטער טיר און קאָלופּעט זיך די נאָז. אַ מאָדנער פּאַרשוין! דער רבי טוט אַ לייכטן באַוועג מיטן קאָפּ צו זיין שכן:

— מאָטל, וואָס זאָגסטו צו אים?

מאָטל ענטפערט נישט גערן: עפּעס איז ער מיר היינט צו פרי אויפ־געשטאַנען. מסתמא עפּעס נייעס...

די נייעס האָט נישט געקענט זיין קיין גוטע. בכלל איז נישט גוט אין לאַגער קיין נייעס.ביידע זענען געבליבן שטיל. דער קאַפּאָ האָט זיך אַרויס־געשאַרט ווי בגנבה פון באַראַק, זיך געזוימט ערגעץ אַ לענגערע ווײַלע און דערנאָך, מיט אַ געמאַכטן קוראַזש געקומען צוריק אין באַראַק און מיט נישט קיין געוויינלעכן אימהדיקן געשריי אָנגעהויבן דעם אַלאַרם צום אויפשטיין.

...די סעלעקציע איז פאָרגעקומען רואיק, כמעט אָן איין געשריי און קלאַפּ מצד דעם בלאָק־פירער און זיין יידישן העלפער, דעם קורץ־פּיסיקן קאַפּאָ. די אָפּגעטיילטע ריי צום קרעמאַטאָריום איז געשטאַנען רואיק, מיט גלייכגילטיקע, אויסגעלאָשענע אויגן און פאַרקלעמטע ציין. פון גרויען פאַרטאָג האָט זיך גענומען אויסשיילן די זון, צוערשט מיט אַ ראָזלעכן פּאַס אויף מזרח, דערנאָך מיט אַ האַלב־רונדער רויט־אָנגעגליטער קויל. דער בלאָק־פירער האָט, נאָכן ענדיקן די קורצע סעלעקציע, אַ ווונק געטאָן צום קאַפּאָ, ווי מען ווינקט צו אַ דרעסירטן הונט, און ביידע האָבן זיך אָפּגעטראָגן אין דער ריכטונג צום גאַראַזש. באַלד האָט זיך פון דאָרט דערהערט אַ גערויש פון מאָטאָרן מיט אַ פאַרשטומטן סווישטש און אַ רעפעטירן פון געווער, וואָס האָט אין דער אַלגעמיינער שטילקייט אָפּגעקלונגען, ווי דאָס קנאַקן פון פערדישע ציין. און איידער די זון האָט נאָך באַוויזן אַרויסצוגיין פון איר הימל־בעט ביים האָריזאָנט, האָבן שוין עטלעכע לאַסט־אויטאָמאָבילן געמאַכט דעם קורצן, איין־קילאָמעטערדיקן וועג צו דער קרעמאַטאָריע.

עפּעס וואָס איז אין דער גאַז־קאַמער געווען נישט אין אָרדענונג. צי דער מלאך המות איז געווען מיד פון דעם נעכטיקן טאָג פול מיט קרבנות, און

איצט קאָן ער פון מידקייט נישט אויפשטיין צו דער ארבעט, און אפשר האָט גאָר פארפעלט דאָס ביסל גאז, דער לעצטער געשאנק פארן אריינגיין אין אויוון. די טירן האָבן זיך נישט געעפנט אַזוי שנעל און די אָפּגעלאָדענע פון די אויטאָס גלייכגילטיקע אויגן האָבן ווי אין שרעק גענומען פינטלען, ווי סע טוט אמאָל אַ מענטש, ווען מען נאַרט אָפּ און מען גיט אים נישט דאָס, וואָס מען האָט אים פייערלעך צוגעזאָגט. דעמלט האָט זיך מאָטל לייטשעס אָנגערופן צום רבין:

— אָט איז דער סוף...

דער רבי האָט אַ הויב געטאָן מיט אַ ברעם און האָט אַ קליינע ווײַלע נישט געענטפערט. באַלד האָט ער אומפאַרשטענדלעך גענומען שמייכלען. דער מוח האָט ביי אים איצט געאַרבעט זייער קלאָר און עפּעס א מאָדנע פריידיקייט האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין געזיכט. מיט איינמאָל האָט ער דורכגעלעבט די גאנצע צייט פון זיין אין לאגער און אויף דער גיך געמאַכט ביי זיך דעם חשבון, אז ער איז פאַרט אַרויס דער זיגער. און ווי אַמאָל, בעת ער האָט אָנגעווענדעט זיין גאַנצן כוח פון הסברה ביי אַ שווערער סוגיא, האָט ער איצט געגעבן צו פאַרשטיין דעם אַרבעטער־יונג:

— פאַרשטייסט, מאָטל, דאָס איז נישט קיין פראסטע זאַך. איך בין געקומען צו דער מסקנא, אַז די רוצחים זענען זייער שוואכע ברואים. דער־מאָנסט זיך זייער שרייען, זייער גוואַלדעוועןַ? אַזוי שרייט אַ מענטש אַ שוואַכער, א פחדן, וואָס האָט מורא פאַר זיך אליין אָדער דער, וועלכער איז אראָפּ פון זינען. עס איז נישט קיין קול ענות גבורה, ס׳איז סתם א קול ענות, ווי ביי דעם עגל, ווען די מענטשן האָבן פאַרלאָרן זייער צלם און נישט געוווּסט ווו זיי געפינען זיך. דאָס זענען מאָדנע, שוואכע ברואים, ווי מיינסטו מאָטל?

— יאָ רבי, דאָס זענען ווירקלעך גרויסע פחדנים. אין זייער שרעק זענען זיי אריינגעפאַלן אין אַ משוגעת. ס׳איז אָבער אַ גרויסע שאנד, רבי, וואָס זיי זענען געבליבן נישט געצוימט אין זייער משוגעת, ווי מען פירט זיך מיט אַ משוגענעם ווען ער ווערט ווילד.

דערווייל האָט זיך די טיר פון קאמער ברייט צעעפנט און דער קורץ־פיסיקער קאפּאָ מיט נאָך אייניקע זיינס גלייכן האָבן גענומען טרייבן די

אָנגעפּוישטע מאסע ביינער אינווייניק אין קאמער אריין. דעמלט האָט דער רבי מיט אַ ציטערדיקער שטים, האַלב שעפּטשענדיק אַ זאָג געטאָן צו זיין יונגן שכן:

— קינד מיינס, זאָג מיט מיר שמע ישראל...

— ס׳ האָט נישט קיין זין, רבי, דער הימל איז טויב.

אין דעם העלן פרימאָרגן זענען פון ערגעץ־ווו אָנגעפלויגן אַ מחנה שוואַרצע פייגל. דער אלטער רבי האָט פאַרהויבן זיין בליק צום הימל און געשעפּטשעט הייס:

— כי עוף השמים יוליך את הקול... זאָג עס נישט, קינד מיינס. איך ווייס נישט אויף זיכער, צי די דאָזיקע פייגל וועלן דערלאַנגען צום כסא הכבוד. אָבער פייגל קומען דאָרט ווו עס איז דאָ אַ ישוב. לאָמיר זיי מיטגעבן אונדזער לעצטן געשריי. זיי וועלן עס דערטראָגן אונטער יעדן דאַך, ווו עס קלאַפּט אַ מענטשלעך האַרץ. דער מענטש וועט פאַרציטערט ווערן און וועט זיך זען באוואָרענען קעגן דער פינצטערער משוגעת וואָס פאַרצערט אַ וועלט. מיר, גייענדיקע צום טויט, זענען שולדיק די לעבעדיקע אונדזער לעצטן געשריי, וועלכער דאַרף זיי שטאַרקן און דערהאַלטן ביים לעבן...

די מחנה פייגל האָט רונדיק געקרייזט אַרום דעם טאָל פון די טויטע. דער ריח פון געברענטן פלייש האָט זיי געררייצט, קרייזנדיק אין אַ קרומען רונד האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן קראָ אין כאָר, פול מיט אומגעדולד און הנאה. פּלוצלונג זענען זיי אין שרעק אַנטשוויגן געוואָרן. אַ שאַרפער דראָ־ענדיקער אויסגעשריי האָט זיך אַ הויב געטאָן צום הימל און האָט דורכ־געשניטן זייער קרייז. אַזאַ אויסגעשריי האָבן די דאָזיקע פייגל אויף זייער לאַנגן לעבנס־וועג נאָך נישט געהערט. אין זייער לאַנג לעבן זענען זיי בייגעווען אויף פאַרשידענע סעודות פון מענטשלעכע לייבער. זיי געדענקען נאָך דעם טעם פון אינקוויזיציע־פלייש און האָבן בייגעווינט ביים פּלאַם פון מיידל פון אָרלעאַנס. נאָר אַזוינס ווי איצט האָבן זיי נאָך נישט געהערט. אין שרעק זענען זיי זיך צעלאָפן איבער אלע פיר עקן וועלט און צעטראָגן די גרויסע וואָרנונג פון אלטן גמרא־מלמד און יונגן רעוואָלוציאָנער — שמע ישראל!

לבירה*

צום אַנדענק פון ד״ר יוסף אבן־אודם

צוערשט האָט אַ טויטע בלאסקייט באדעקט זיין פּול, קיילעכדיק געזיכט. דערנאָך האָט די אונטערשטע ליפּ געגומען קאָנוואולסיוו ציטערן און די אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַ בלוי־פּיאָלעטן גסיסה־גלאנץ. אין געציילטע סעקונדעס איז געשען דער סקאנדאל: מיט שטאַר־געוואָרענע פינגער האָט ער אריינגעקלאמערט אין ברוינעם אנטבלויזטן אָרעם פון דער יונגער קראַנקן־שוועסטער און איידער דער ווייסער שגעון־שוים האָט באַוויזן צו פאַר־שטשעמען דאָס לשון אין זיין מויל, האָט ער אויסגעכריפּעט ווי אַ צאָרנדיקער גוסס:

— אוועק דו שמוציקע אלטע צויג!

דערנאָך איז ער ריטמיש אָפּגעשוומען אין דער גליענדיקער שיף פון עפּילעפּסיע.

די יונגע ספרדישע קראַנקן־שוועסטער איז נישט געווען קיין אַלטע צויג. אירע פולע ליפּן זענען שטענדיק געווען אַן אָפענע טיר פארן ליכטיקן שמייכל. דעם דאָזיקן שמייכל האָבן געטרונקען, סיי די קראנקע און סיי דער נייער, נאָרוואָס געקומענער אויסטערלישער דאָקטאָר. צי האָט דער אָנגע־

---

* לבירה — סעלעקציע (ד״ר אבן־אודם).

קומענער עפּילעפּסיע־שוים אויף זיינע ציטערדיקע ליפּן פאַרלאָשן איר שמייכל?

די שוועסטער האָט נישט געוויינט. זי האָט צוגעמאַכט די טיר פון אויפנעם־צימער און די נייגעריקע און איבערגעשראָקענע זענען געבליבן שטיין פאַר אַ צוגעמאַכטן, ווייסן סוד. הינטער דער פאַרמאַכטער טיר האָט מיט לעצטע ציטערן אָפּגעצאַפּלט די שוימיקע קאָנוולסיע. ערשט דעמאָלט האָט דער דאָקטאָר מיד צוגעמאַכט זיינע אויגן.

זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, די יונגע שוועסטער, וואָס איז געשען מיט איר דאָקטאָר, וואָס איז נישט לאַנג צוריק אָנגעקומען ארבעטן אין שפּיטאָל. א מאָדנע קאָנצענטרירטע רואיקייט האָט געשלאָגן פון דאָזיקן מיטליאָריקן מאַן. אַ רואיקייט, וואָס געשראָקן. זיין הויכער, דארער גוף איז געווען געבויגן, ווי דער קאָפּ וואָלט אין זיין איבערגעוויכט אים געצויגן צו דער ערד. אנטקעגן דער דאַרקייט פון קערפּער האָט מיט קולי קולות געשריגן זיין פּול, קיילעכדיק געזיכט, פאַרקאָנסערווירט אין בלוילעכער בלאַסקייט און באַוואָקסן מיט געדיכטן מאַכיקן באַוווקס. די האַרבינטן אין די אויערן־לעכער האָבן געפינצטערט ביי זיינע שלאַבערדיקע אויערן־לעפּלעך מיטן ריח פון חיה און וואַלד.

נישט לייכט איז איר, דער יונגער שוועסטער, געווען מיט אַט דעם פרעמדן דאָקטאָר. זיינע רייד זענען געווען קאַרגע און אָפּגעהאַקטע. עס איז געווען אַ שפּליטער פון אַ ווייטן דייטשיש לשון און נישט ענלעך צו דעם. ניין, די יונגע שוועסטער האָט זיין לשון נישט פאַרשטאַנען.

ווען ער האָט געעפנט זיינע אויגן, איז אין צימער קיינער נישט געווען. האָט ער פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזן פון הילצערן בעטל זיינע אומגעלומפּערט־גרויסע פיס און געבליבן שטיין אין מיטן קליינעם צימער ווי אַ טרוקענער בוים נאָך אַ שטורעם־אָפּפלוס. די שוועסטער האָט זיך שנעל באַוויזן:

— דאָקטאָר, אפשר וועט איר נאָך אָפּרוען?

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט קאַלטן בלוי. געשוויגן פינצטער און האַרט. דערנאָך האָט ער געמורמלט ווי אַ תפילה:

— זאָגט נישט מער דאָס דאָזיקע וואָרט... איך קאָן נישט...

די אונטערשטע ליפּ האָט ביי אים ווידער געגומען צוקן און די שוועס־טער האָט נישט געזוכט קיין באַשייד אויף זיינע רייד:

— לייגט זיך צו, דאָקטאָר, איר דאַרפט רו.

איצט איז ער געווען רואיק. דער קאַלטער שטאָל פון זיינע אויגן איז פאַרשווונדן. געלאָסן האָט ער אויפגעהויבן זיין ווייסן כאַלאַט פון הילצערנעם טאַפּטשאַן, אים זאָרגפעלטיק אויפגעהאָנגען אין שאַנק און מיט דעמבענע טריט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. און אַזוי, מיט שווערע טריט איז ער אַוועק ווייט, ווייט צו זיך.

...ער קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיטן העלן פלאַם, וואָס פאַלט אים פאַסמעסווייז אין די אויגן. ער גלעט אים שטערן־אַרויף און לייענט זיין פאָרטראַג פאַר די פּראָפעסאָרן פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. די רואיקע האַלענדער באַוועגן זיך אויף די שטולן — זייער העכסטער אויסדרוק פון התפעלות. ״דער סוד פון מענטשלעכן זיין ליגט אין די בלוט־געפעסן, אין זיין צירקולאַציע״ דער יונגער פּראָפעסאָר וואַן־דען אַנטדעקט דעם סוד וואָס ריזלט אין די מענטשלעכע אַרטעריעס און שפּילט זיך מיטן בלאָנדן גאָלד פון זיין קאָפּ.

דעם סוד פון די בלוט־געפעסן האָט ער אַנטדעקט. אָבער אינאַ איז געבליבן אויסער דער קראַפט פון זיין דערקענטעניש. שטראַליקע זונען האָבן אויסגעליכטיקט איר געשטאַלט און זיין ליבע צו איר האָט איבערגעשטראַלט אַלע פאָרמולעס. האָט ער זיך געפלאָכטן אין אירע אָרעמס ווי אין שטראַלן און געטרונקען איר ליבע ווי וויין. זי האָט געקושט ״איר פּראָפעסאָר״ אין בלוי פון זיינע אויגן, אין זון פון זיין קאָפּ און געלאַכט:

—איז די קונסט אויך אַן עלעמענט, אַן אריינגעפּאַסטער אין ״דיינע בלוט־געפעסן״?

דעמאָלט האָט ער איר דערציילט פון זיין ברודער. אין פוילישן וואַרשע ווערט ווי אַ תפילה געשעפּטשעט דער נאָמען פון מאָלער וואַנדינסקי. האַרבס־טיקע פוילישע בלומען לעבן ווידער אויף זייער פאַרלאָרענעם פרילינג אונ־טער זיין פּענדזל. און נאָך יעדער פרייד פון בלומען־צעבליאונג באַפאַלט דעם קינסטלער אַ טרויער אויף דערטרונקען צו ווערן אין אים. דעמאָלט שוימט ער אויף זיין קערפּער מיטן רויש פון וויין און הערט זיך צו צום

הייסן קאַמף אין זיין בלוט. ווער ווייסט ווער ס'וועט פאַרטרינקען ווערען?

אינאַ ווערט ערנסט. זאָל די ליבע בלייבן דער שטאַרקער וויין און פאַר־טרינקען די חושים. נאָך הייסער קושט זי דעם בלוי פון זיינע אויגן און די זון אויף זיין קאָפּ. ״איר פּראָפּעסאָר״ איז געדעכט: דער קאַמף פון די בלוט־געפעסן איז דווערנדיק.

די זון אויפן קאָפּ איז אויסגעלאָשן. נאַקעטער שאַרבן לייכט מיט בלאָסן טויט אונטער בלויען אַבאַזשור. דער דאָקטאָר פון אוישוויץ רעדט ווי אַ קאָלעגע:

— עס איז געווענדעט אין אייך, וואָן־דען. אייער אַרבעט איבער די בלוט־געפעסן אינטערעסירט דעם רייך. איר קאָנט לעבן און אַרבעטן. מיר וועלן אייך צושטעלן מאָדעלן אויף פּראַקטיק.

פּרויען־ברוסטן זינגען מער נישט קיין שירה און מוטער־לייב איז נישט קיין בעכער וויין. פּראָפּעסאָר וואָן־דען אַרבעט איבער טויטע קערפּערס און ציילט אין זיי די שעהן פון זיין לעבן. די דיאַגנאָזן שליסט דער לאַגער־דאָקטאָר אין אייזערנער קאַסע.

ביז איינמאָל האָט די זון אין אוישוויץ אויסגעשפּיצט איר ליכט מיט שאַרף פון מעסערס. איבעראַשטע ביז טיפן שוויגן שטייען די מענטש פון טראַנספּאָרט און דער לאַגער־דאָקטאָר שפּילט זיך מיט דער רוט אין זיין האַנט. דער פּראָפּעסאָר וואָן־דען קוקט אויף דער שווייגנדיקער מאַסע און טראַכט: וואָס געשעעט איצט אין דעם בלוט פון אָט דעם טויזנט־קעפּיקן לעבן? מיטאַמאָל פילט ער ווי זיין אייגן בלוט טוט אַ פּלייץ פון זיינע אָדערן און מישט זיך צונויף מיט אָט דעם ים. ער קראַמפּט זיינע אויסגעדאַרטע אָרעמס איבער אַ גוף און פליסטערט: — וולאַדעק... וולאדעק.

דער דאָקטאָר פון אוישוויץ קוקט שטרענג און אויפמערקזאַם. באַלד באַפעלט ער דעם פּראָפּעסאָר:

— שטיין בלייבן, רואיק, באַלד קומט פאַר די סעלעקציע!

— זאָל ער גיין, דער ברודער, לינקס צום טויט — האָט דער פּראָפּעסאָר מתפלל געווען אַ שטומע תפילה. דאָרט וועט ער אויפגעלעזט ווערן און פאַרמיידן די פּיין.

נאָר דער לאַגער־דאָקטאָר האָט שוין געשמייכלט:

— אַ ברודער, זייער גוט. זאָל אַ ברודער גיין צו אַ ברודער...

אין יענעם מיט מעסערס צעשניטענעם טאָג האָט זיך די סעלעקציע פאַרענדיקט זייער גיך. דער מאָלער וואַנדינסקי האָט געיאָמערט ווי אַ קינד אין די אויסגעדאַרטע אָרעמס פון פּראָפעסאָר וואַן־דען.

...ער וויל אַוועק צו דער נייער וועלט און שטענדיק קומט ער צוריק צו זיך. וואָס האָט זי געוואָלט פון אים, די יונגע ספּרדישע שוועסטער? פאַרוואָס האָט זי אים מיט איר איינציק וואָרט צוריק פאַרטריבן אַזוי ווייט, צוריק צו זיך?

דער אשמדאי איז אַראָפּגעקומען אויף דער ערד און פאַראייניקט אַ ברודער מיט אַ ברודער. פאַראייניקט אויף קיינמאָל זיך נישט צו זען. די פאַרשונג איבער די בלוט־געפעסן איז שוין געלעגן אַ פאַרשלאָסענע אין אייזערנער קאַסע. די צווילינג־ברידער, פּראָפעסאָר וואַן־דען און וולאַדעק וואַנדינסקי זענען צונויפגעהאָפטן געוואָרן, רוקן צו רוקן און זייערע בלוטן האָבן געמאַכט דעם בשותפותדיקן אומקרייז. איבער דער שטייג פון צונויפ־געהאָפטענעם צווילינג האָט געוואַכט אַ געלע מויד מיט לאַנגע הילצערנע ציין. זי האָט געוואַכט און געדעמפּיקט מיט געלן שמייכל. ביז עס איז געקומען די צייט און זי האָט געמאָלדן ערנסט, דינסטלעך:

— די אָבסערוואַציע איז געענדיקט, היינט קומט פאַר די סעלעקציע.

ער האָט נישט געזען, דער פּראָפעסאָר וואַן־דען, זיין פּעט אָנגעגאָסן געזיכט, ער האָט אויך נישט געזען דעם דאַר־געוואָרענעם פויגל־פּנים פון זיין ברודער. וואָס קאָן שוין אויפשוידערן, נאָכן איינציקן וואָרט פון דער געלער מויד מיט די הילצערנע ציין? דער ווייטער רויך האָט אַוועקגעטראָגן דאָס געדעכעניש פון זיין ברודער, דעם מאָלער. אים איז געבליבן די פּעטע איבערגעיוירנקייט אין געזיכט און די וווּנד אין געבויגענעם רוקן.

יעדער פינצעט האָט געבריט מיט פייער און יעדעס אַרויסגערעדטע וואָרט האָט געקלונגען מיט דער פוילקייט פון דער געלער מויד. די זון אין אייגן לאַנד איז אַ געטרייע און דאָס לשון אַן אייגענער, אַ נישט ענלעכער צו יענעם גרויליקן קלאַנג. ער זיצט ביי זיין פריינט, דעם העברעאישן שפּראַך־פאָרשער און דערציילט אים אַ קינדערישע מעשה:

— איר פאַרשטייט? זי האָט מיר געוואָלט פאַרלייכטערן. פאַר דער

טיר איז געשטאַנען אַ ריי מיט קראַנקע, האָט זי מיט פרייד מיר געמאָלדן:
איך בין אַרויס אויף אַ מינוט, כ׳האָב געמאַכט צווישן זיי אַ סעלעקציע...
פונוואַנען קומט צו דעם ספרדישן מיידל אָט דאָס פאַרשאָלטענע וואָרט?...

דער העברעאישער שפּראַך־פאָרשער האָט גיך־גיך געשאָקלט מיטן קאָפּ. אין זיינע דיקע אויגן־גלעזער האָבן אויפגעלויכטן קליינע טייכלעך. די שווערע בייכיקע ביכער און די באַשריבענע בויגנס פאַפּיר האָבן גענומען טאַנצן אויף זיין טיש און יונגע ווערטער און באַגריפן האָבן, ווי פייגל, אָנגעפלאַטערט אין שויב. ער האָט אויסגעשריגן, ווי פאַר אים וואָלט, אין קליינעם צימער, נישט געזעסן קיין איינציקער מענטש, נאָר אַ פאָלק אַ גאַנצס, וועלכן מען דאַרף, מיט איין איינציק וואָרט ברענגען דערלייזונג:

— אויס סעלעקציע! נישטאָ מער דאָס וואָרט. מיר וועלן זאָגן לבירה, אַ ניי באַפּרייט וואָרט.

ווען דער פּראָפעסאָר וואַן־דען האָט געשפּאַנט מיט זיינע גרויסע אומ־געלומפּערטע טריט, האָט אויף זיין פּנים געברענט אַ רויטער זון־אונטער־גאַנג. דער פּראָפעסאָר האָט געשמייכלט אין פּנים פון דער אונטערגייענדיקער זון און איינגעחזרט ווי אַ חדריינגל: לבירה, לבירה... און געדאַכט האָט זיך אים, אַז מיט אָט דעם איינציקן וואָרט איז ער בכוח צוריק־צוגיין צו דער ספרדישער קראַנקן־שוועסטער, זיך לאָזן אָנטאָן פון איר זיין ווייסן כאַלאַט און טרינקען פון אירע צעעפנטע ליפּן דעם שמייכל פון אירע ווייסע ציין.

די בלאָנדע רות

...און רות האָט געזאָגט: שטיי נישט צו צו מיר דיך צו פאַרלאָזן און אָפּקערן פון דיר. ווייל ווו דו וועסט גיין וועל איך אויך גיין, און ווו דו וועסט נעכטיקן וועל איך אויך נעכטיקן, דיין פאָלק איז מיין פאָלק און דיין גאָט איז מיין גאָט...

זי איז געווען בלאָנד, רייצנדיק און פרעמד. זי האָט נישט געקענט זיין רות. ער האָט געקענט זיין בועז פון בית־לחם, אויב ער וואָלט עס געקענט.

מיט שמאָלע צעשפּילטע פינגער האָט זי אים געוויקלט אַ פאהלע וואָס איז אים אַפּויר פון אונטערן טוכענעם קאַשקעטל, ווי אַן אָנדולירט דאַמען־לאָקל פון דער נעץ, און געלאַכט:

— צו וואָס דאַרפסטו עס לאָזן וואַקסן! אָט־דאָס־אָ און אַלע זאָלן שפּעטן אויס דיר פּייסאַטי?

דעמאָלט האָט ער איר דערציילט די וווּנדערשיינע געשיכטע פון רות.

עס האָבן נישט אויפגעשמעקט פאַר איר קיין אָנגעגליטע ווייצן־פעלדער און דער ריח פון ווייכן ווייסן ברויט, געטונקענעם אין עסיק־ווייַן. אויך די שניטערס האָבן מיט געזאַנג און געלעכטער זיך נישט געלאָזט נאָך איר אין נאַקעטן פעלד, זי צו כאַפּן אַ באָרוועסע און קושן זי אין איר מילך־ווייסן נאַקן. זי איז קוים דרייצן יאָר אַלט געווען און איר טאַטע איז געווען אַ שוסטער אין שטעטל.

און ער איז געווען אין איר עלטער. איר שכן און פון אַ ווייטער, פרעמ־

דער וועלט. ער איז געווען ריין פון מצוות און עבירות. זיין טאַטע, דער געוועזענער דאָרפס־ייד און איצטיקער טאַנדעט־שניידער האָט אים קיינמאָל נישט געגלייבט און נישט געשטראָפט. אפילו איצט, ווען דער דרייצן־יאָריקער איז שוין געווען אַ ישיבה־בחורל און געקומען אויף יום־טוב אַהיים, האָט ער אים נישט געלויבט און באַוואונדערט. ביים מאָלצייט־עסן האָט דער טאַטע צו אים זיס געשוויגן, ווי עס קאָן שווייגן אַ מענטש וואָס האָט געטרונקען פון דער בלויער שטילקייט פון דאָרפישן טייך. אין שטעטל אויפן מאַרק האָט זיך דער טאַטע פאַרלוירן ווי אַ שמעטערלינג וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט פון זונענפעלד. ווי האָט ער געקאָנט צום דאָזיקן פעלד פירן זיין זון?

דעמאָלט טאַקע, אין יומטובדיקן בין־הזמנים, האָט ער זי צום ערשטן מאָל נענטער דערזען און געמיינט, אַז זי איז רות.

אַביסל צו הויך אין זי געווען פאַר אירע דרייצן יאָר, אָבער נישט גענוג הויך זי זאָל זיין העכער פון אים. זי האָט אים געקענט קוקן אין די אויגן און איר דינער האַלדז זאָל זיך נישט דאַרפן אָנשפּאַנען. און געקוקט האָט זי אים אין די אויגן און נישט באַנומען זייער גלאַנציקן טונקל: פאַרוואָס זענען די אויגן ביי איר אָפן־בלוי און ביי אים נישט?

דעמאָלט האָט זי צו אים דאָס ערשטע מאָל געלאַכט

אויך ער האָט געלאַכט. ער האָט צוגענומען פון אירע הענט די אַרבעט, וואָס איר טאַטע האָט געשיקט אָפּטראָגן. און ווען ער האָט דערביי אָנגערירט אירע פינגער, האָט ער געמיינט, אַז ער שטייט דאָ מיט זיין שוועסטער שיינדעלע. דערפאַר טאַקע האָט ער צו איר געזאָגט אין איר אָפן געזיכט:

— ווילסט אַביסל זיצן הינטערן הויז, אויפן בערגל? איך האָב שיינע געשיכטעס צו דערציילן.

ער האָט איר דערציילט די שיינע געשיכטע פון רות. זי האָט נישט געגלויבט אַז מען קען זאָגן "דיין גאָט איז מיין גאָט". ווי קען עס זיין? דער קאָשטשאָל שטייט דאָך אינמיטן מאַרק און די יידן שלייכן זיך אין שול־געסל? אָבער ער האָט איר קינדעריש גוט אָנגענומען פאַר דער האַנט און זיי האָבן זיך געלאָזט פון בערגל־אַראָפּ צום שטייענדיקן טייכל, וואַרפן אַהינצו פליענדיקע שטיינדלעך. זי האָט וועגן דער ווייטקייט פון די געטער פאַר־געסן.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל ווען איר אָטעם האָט געוואַרעמט אויף זיין געזיכט.

2

אַ שווערער וואַרשעווער הימל פון געדיכטן בליי. עס ליגט אַ געפאַלענער דער פוילישער אויפשטאַנד. די דייטשן שווייגן שווער: זיגער — נישט זיכערע אין זיג.

זיינע אויגן זענען טונקל־ברוין. ער זעט נישט, נישט דעם הימל, נישט דעם העלם. דער ייד אין געפאַלענעם פוילישן אויפשטאַנד זעט דעם אָפּגרונט, די שווייגנדיק טויטע רו נאָך דער לאַנגער שטורמישער גסיסה. מיטאַמאָל אַ שטים:

— אָט דער איז דאָך אַ ייד! ער האָט דאָך געבראַכט דאָס אומגליק אויף אונדזער פאָלק!

ווער קאָן שרייען אַזוי נידעריק־געפאַלן? זע און זע: בלויע אָפענע אויגן ווי קאָרן־בלומען, געבליבענע נאָכן שניט. קאָן אַזאַ קלאָרער בלוי זיין אַזוי טונקל?

ער הויבט אויף דעם קאָפּ און דערזעט זי. איר האַלדז איז מילך־ווייס ווי געווען, נאָר פולער און ווייניקער באַוועגלעך. דער סוד פון ברוסטן־אויפשפּראָץ איז אויס סוד געוואָרן: ער שפּאַרט אַרויס פון אויפשניט פון קלייד מיט העלער גיריקייט און רייץ. אויך די האָר האָבן דערגרייכט זייערס: נישט דער שלייף אַרום שמאָלן צאָפּ, נאָר אַ גאָלדערנע קרוין אַרום שטערן, ווי אַ באַשטעטיקונג פון דעם איצט, וואָס געוועלטיקט. נאָר דאָס מויל, דאָס קליינע מויל מיט די זינלעכע ליפּן זענען די זעלבע. זיי באַוועגן זיך מיט נישט מענטשלעכן באַוועג:

— ער איז דאָך אַ ייד! נעמט אים!

און ווען זיי האָבן אים גענומען, האָט זי באַוויזן אַריינצוקוקן אין זיינע אויגן. און אַן אומרו איז זי באַפאַלן. געפילט האָט זי אַז מען לעשט אויס דעם בלוי פון אירע אויגן, די טריבע ליכט פון טאָג און דעם ציטער פון

איר צעבליטער ברוסט. האָט זי זיך געוואָרפן וועלפיש צו פאַרטיידיקן איר וועלפישן פאַנג:

— אַ טעות! דאָס איז מיין ברודער, מיין לייבלעכער ברודער. איך שווער ביים קרייץ אויף מיין ברוסט. מיין ברודער איז ער...

ער האָט נישט געקוקט, נישט אויף איר, נישט אויפן קליינעם קרייץ וואָס זי האָט אַפּוירגעכאַפּט פון איר צווישן־ברוסט. ער האָט נאָר געזען אַ פינצטערע שווערע נאַכט וואָס טריפט מיט גיפט איבער די ברעגן. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און נישט געפילט וואָס עס ווערט מיט אים געטאָן.

3

זי האָט זיך געוויקלט אַרום זיין האַלדז און געפליסטערט הייס: פאַר מיר, נאָר פאַר מיר ביסטו לעבנגעבליבן. דעם נומער אויף דיין אָרעם וועל איך מיט מיינע קושן אויסבריען, טייערער מיינער, ליכטיקער!

און ווען ער האָט געשוויגן און אַריינגעשוויגן טיף אין די ווייטע יאָרן פון טויט, האָט זי אים דערמאָנט:

— געדענקסט די שיינע געשיכטע פון רות? איך בין דיין רות!

מיטן גאַנצן טונקעלן טרויער פון זיינע אויגן האָט ער געענטפערט, רעדנדיק ערגעץ אין דער ווייט:

— ניין, רות קען נישט רעדן צו שטאָלערנע העלמען אין טאָג פון יאָמער. רות קען נאָר געזאַנגען צווישן זאַנגען־פעלדער אין בית־לחם.

און ער איז אַוועק צו יענע זוניקע פעלדער און זיך באַפרייט פון זיין פיין.

ער האָט געזוכט און געפונען די פרייד פון זומערדיקן שייער. ער האָט פאַרגעסן און מער נישט געדענקט דעם בלאָנדן קאָפּ פון יענער, וואָס האָט געוואָלט זיין רות און נישט געקענט.

דער חלום

כ׳זיץ אויפן ווייכן שטול און טרינק דעם גוטן ווײַן פון מײַן אייביקן חלום: אנטקעגן מיר, אויף דער סאָפע, זיצט עמיליא, די וווּנדערבארע, די שיינע, די געליבטע, מיט בלויע אויגן ווי דער כנרת.

— עמיליא — זאָג איך צו איר — זיי געבענטשט מיט אלע ברכות פון דער ערד און מיט די שענסטע טויען פון הימל, פאַר דעם חסד וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיר. דו האָסט מיר געבראַכט אויף דיינע הענט דעם שענסטן חלום מיינעם, דעם חלום פון בלויע אויגן.

עמיליאס אויגן זענען טאַקע בלוי. און נישט בלויז ווייל איך האָב זי ליב. קליינע זונען פון גליק פינקלען אין זיי ווען זי רעדט:

— מאָדנע ווי דער טרוים פון אַ מענטש מוז דאָך ווען עס איז פאַר־ווירקלעכט ווערן. וואָס וואָלט געווען ווען איך קום נישט צו דיר? וואָס וואָלט געווען ווען דו באַקענסט מיך נישט?

— עס האָט נישט געקאָנט אַזוי זיין — זאָג איך — אפילו אונדזערע אַלטע ספרים ווייסן וועגן דעם. איך האָב דיך געמוזט טרעפן, עמיליא, איך האָב דיך געמוזט ליב באַקומען. ווייל... ווייל דו האָסט הימל־בלויע אויגן, אַזעלכע וועגן וועלכע איך האָב געחלומט, לידער געזונגען און נישט זוכה געווען זיי צו געפינען. איך האָב נישט געקענט שטאַרבן אָן דעם, איך האָב נישט געקענט לעבן אָן דעם: אָן דיינע בלויע אויגן, עמיליא.

— אָט דאָס איז, ווײַזט אויס, גליק — זאָגט עמיליא פארחלומט — דאָס

געפינען וואָס מען האָט נישט געהאַט, דאָס דערגרייכן וואָס איז אַ לעבן־לאַנג געווען אומדערגרייכבאַר. אויך איך האָב אין מיין לעבן געזוכט דעם, צו וועמען מיינע בלויע אויגן קאָנען זינגען זייער געזאַנג.

מײַנע הענט האָבן אויפגעלויכטן ווי שטראַלן. איך האָב געגלעט איר קאָפּ, וואָס האָט געשמעקט מיט רו פון אַ טויב און דער קאַרגער זילבער פון אירע האָר האָט געלויכטן מיטן מאָרגנשטערן. אַ וואַרעמקייט האָט זיך צעגאָסן איבער מיינע גלידער.

מיט גרויס רחמים האָט זי געפרעגט, און מיר האָט זיך געדאַכט אז איך זע טרערן־פינקל אין אירע בלויע אויגן:

— וויאַזוי האָסטו אָפּגעלעבט אַ לעבן מיט אַ חלום וועגן בלויע אויגן?

האָב איך צוריק גענידערט אויף מיין שטול און איר גענומען דערציילן מיין חלום. די הענט מיינע האָבן זיך אויסגעלאָשן, אַ טרוקענע קילקייט האָט זיך אויף מיין ליפּן־בראַנד אָפּגעזעצט. האָב איך אַ שלוק געטאָן פון ווין וואָס אין בעכער און געזאָגט:

— מײַן טײַערע, די געשיכטע איז אַן אומעטיקע און מען דאַרף זי נישט דערציילן. אָט זעסטו ווי מיינע הענט האָבן זייער שײַן פארלאָשן אינמיטן זייער אויפבלי. לאָמיר טרינקען די שיין פון דײַנע בלויע אויגן און שווײַגן.

— טײַערער — האָט עמיליא געזאָגט ערנסט און שטיל — איך האָב דיך היינט דערקענט און דו ביסט מיר נאָענט און טײַער געוואָרן. עס דערגייט מיר צום האַרץ דער חלום דיינער און איך וויל אים וויסן. ווייל אַלץ וועל איך אָנגרייטן פאַר דיר צו לינדערן דײַן ווייטיק וועגן דײַן חלום, וואָס איז ביז איצט נישט פארווירקלעכט געוואָרן. גלויב עס מיר, איינציקער מיינער.

— יאָ — האָב איך געזאָגט — איך וועל דיר דערציילן. דאָס איז געווען ווען איך בין נאָך יונג געווען און מיינע האָר זענען געווען געדיכט און שוואַרץ. און אַ געשמאַקער קאָכיקער ווײַן איז געווען דאָס בלוט, וואָס האָט געריזלט אין מיינע אָדערן. דעמלט האָב איך אָנגעהויבן טרוימען וועגן בלויע אויגן. אָבער אירע אויגן זענען געווען שוואַרץ ווי די נאַכט אויפן פאָן פון מילכווייסע טייכלעך.

ווען נאָך די פייערדיקע דונער־אויפרייסן האָט די ערד, אַ באַרוטע מיט זיסן ווייטיק אָפּגעקרעכצט, האָב איך צוגעמאַכט די אויגן און פאַרטריבן

דעם דערלאַנגטן חסד פון מיין האַרץ. איך האָב געשאָלטן דעם טונקל פון דער נאַכט און געיאָמערט נאָכן חלום פון בלויע אויגן, וואָס זענען נישט געקומען.

— טייערער מיינער — זאָגט עמיליא — נעם מיך אַרום, טרינק זיך אָן מיטן ווייַן וואָס אין מיר און דעם בלוי פון מיינע אויגן, צו וועלכן דו האָסט אַ לעבן־לאַנג געבענקט.

איך האָב זי געפירט אין שלאָף־צימער. אבער אויסגעלאָשענע דונערן פלאקערן נישט מער אין פעלד־שייערן...

— איך האָב זיך דערמאָנט — האָט געזאָגט עמיליא — אין אַ ליד, וואָס איך האָב אַמאָל געלייענט ביי אַ דיכטער, כ׳געדענק נישט וועלכן, אַז אַ חלום טאָר זיך צופיל נישט פאַרזאמען, ווייל אַ חלום קאָן אויך שטארבן.

- ווייַזט אויס אַזוי — האָב איך געענטפערט, כאָטש געוווסט האָב איך, אַז אַ חלום מוז אייביק זיין שיין.

ווי קליינע זונען האָבן געלויכטן עמיליאס בלויע אויגן, ווען זי האָט צוגעגרייט דעם סאלאט און אים מיט איילבירט־בוימל באשפריצט. אין דער קליינער קיך האָט אויפגעשמעקט מיט ליכטיקן פעלד אין פרישן גרין. איך האָב געגעסן דעם סאַלאַט און געקוקט אין עמיליאס בלויע אויגן און דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געפילט. ווו איך קיי מיין חלום מיט די ציין. ווי אַ מויז וואָס צעגריזשעט אין דער נאכט די לידער פון אַ פּאָעט. איך האָב געוואָלט וויינען, נאָר עמיליא האָט געלאכט:

— טייַערער מיינער — האָט זי געלאכט — זע ווי גליקלעך מיר זענען, מיר עסן צוזאַמען און דו קוקסט אין דיין אייביקן חלום, מיינע בלויע אויגן, וואָס וועלן פון היינט אָן זיין בלוי נאָר פאַר דיר, מיין טייערער.

די מויז האָט אויפגעהערט גריזשען די לידער פון פּאָעט, ווייל איך האָב אויפגעהערט עסן דעם געמיזע־סאַלאַט און געוואָלט שטארבן.

ראָזשינקעס־וויין

1

ביים טרינקען דעם קלאָרן, דורכזיכטיקן וואַסער, צעגייען זיך אין דיינע גלידער די ברכות פון לייטזעליקן, זיסן גאָט.

דאָס גליק האָט מיך געבראַכט אין מיין היים. אַלץ איז דאָ אנדערש ווי דאָרט, אין מיין געבוירן־אָרט. די זון אין שרון איז אַ גליענדיק־היימישע, ווי זי וואָלט צו נידעריק געהאָנגען אין הימל־טעלער. דער חמסין טרעפט צו מיר ווי צו אַ היימישער טיר און דער ים־ווינט זינגט אויס זיין מעכטיק געזאַנג, ווי איך וואָלט געווען זיינס אַ קינד פון געבוירן און ער רופט מיך צוריק אהיים.

און דאָך שטייט פאַר מיינע אויגן יענץ ערב־יום־טובדיק בילד פון אַ ווייטער קינדער־פאַרגאַנגענהייט. דאָס בילד דערשיינט מיט קלאָרער ווייטיק־לעכער שאַרפקייט, ווי אַ שאַרפער אורטייל איבער אַ באַגער, וואָס וועט שוין נישט דערפילט ווערן. עס איז זיכער קאָמיש, ווען איך האַלט מיינע ברייטע הענט אַרום מיין קאָפּ און זויג איין אין זיך דעם נייעם צער פון אנטוישונג און פיין.

די גוטע מאַמע גרייט צו אין גרויסער גלעזערנער פלאַש ראָזשינקעס־וויין. דורכזיכטיק און קלאָר גיסט זיך דאָס וואַסער אין גלאָז אריין און שיינט מיט גרינלעך־פיאָלעטן שיין אין שטראַל פון דער זון. דאָס יינגל, בערעלע,

שטייט דערנעבן און אין זיינע אויגן פאַלט דער שימערירנדיקער אָפּגלאַנץ פון דער קרישטאָל־ריינער פליסיקייט. ס'איז גוט זיך צוצוקוקן צו דער קלאָרער רואיקייט פון וואַסער .ווערסט מיט דעם באַהאַפטן מיט דער רו וואָס גייט אויף אין דיר. שפּעטער האָט די גוטע זיעס מאַמע געשמייכלט פאַרשעמט, ווען דער ראַזשינקע־ווײַן האָט זיך נישט באַקומען און, נאָך דער קלאָרער, דערקוויקנדיקער וואַסער איז געוואָרן קויטיק און מוטנע און האָט פאַרלוירן די ריינע דורכזיכטיקייט פון פליסנדיקן קוואַל.

ווער האָט מיר דערמאָנט דאָס פאַרגאַנגענע ?

איך בין אין מיין היים. די פענצטער פון מיין ארבעטס־שטוב גייען אַרויס צום ים. עס איז, ווייזט אויס, קאַמיש צו זען, ווי דער עטוואָס צו הויכער, ברייט־צעוואַקסענער מאַן דב גרין צייכנט קלענערע און גרעסערע פּאַסיקלעך אויף אַ גלייך־צוגעשניטענעם פּאַפּיר. אָבער אלע ווייסן, אַז אין די ווינקלען פון מענטשלעכן מוח באַהעפטן זיך די שאַרפע צייכענונגען און פאַרוואַנדלען זיך אין הייזער־ווױינונגען פאַר מיין יונגער היים.

ווען איך האָב געענטפערט אויף איר קלאַפּ אין מיין טיר, האָט דער ים א טראָג געטאָן אין צימער דעם שאַרפן ריח פון נאַסן זאַלץ. איך האָב אויפגעהויבן מיין בליק פון פולפּיט און אַ זאָג געטאָן:

— אַריין!

זי איז אריינגעקומען נישט אליין. דער קלינגענדיקער פרייער עברית פון איר באַגלייטערין האָט שאַרף אונטערגעשטראָכן איר שמייכלענדיק שווייגן. דאָס שווייגן פון אן עלנטער ערשט־געקומענער. אונטערן פענצטער האָט גערוישט דער ים מיט זיין טעגלעכן גערויש פון איבערמאַכט. די רייד פון איר באַגלייטערין האָבן מיר אויסגעוויזן צו זיין איבעריק: זיכער איז מיר נויטיק צוהילף אן ארכיטעקט. זי קאָן אָנהייבן ארבעטן אפילו שוין, פון איצט, פון באַלד.

איך האָב געקוקט אין אירע אויגן און געזען פאַרשעמט־ארויסרופערישע שטיפערישקייט. דער באַהאַלטענער שמייכל אַרום קליינעם מויל איז געווען היימיש־באַקאַנט, ווי זי, די קליינע יונגע פרוי, וואָלט געווען א צוריק־געקומענע, אַ נאָענטער פריינט וואָס קומט צוריק נאָך אַ קורצער שטורמישער צעשיידונג.

2

זי זיצט אַנטקעגן אָפענעם פענצטער, די זון שפּילט אין אירע ברוינע האָר און אירע אויגן טרינקען די בלויקייט פון ים. און מיטאָמאָל:

— האָט איר ליב בעטהאָווען?

ס'איז פּשוט נישט מוחל צו זיין מיין נישט באַהאַוונטקייט אין מוזיק. אין געדעכעניש פלאָנטערן זיך רעשטלעך חסידישע ניגונים פון טאַטנס הויז און נישט געזונגענע מעלאָדיעס פון צעזונגענע גלידער. דער מענטש איז נאָך אַלץ פאַר מיר דער גרעסטער ליב־געזאַנג. קאָן זיין אַז מיין ליבע צו מיין אַרבעט האָט איר שורש אין די לעבעדיקע מענטשן, וועלכן וועלן וווינען אין די הייזער. זאָג איך פאַרשעמט:

— קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן דעם.

אויף דעם האָט זי געענטפערט, מיטן בליק געווענדעט צום דיל, ווי זי וואָלט גערעדט צו איר גורל:

— ער האָט אויך נישט געהאַט קיין צייט צו דעם, צו מיר. דערפאַר זענען מיר זיך צעגאַנגען.

ערשט נעכטן איז איר קורצע ביאָגראַפיע אַראָפּ פאַר מיר פון אירע ליפּן: אַ סטודענטיש צימער און אַ מיידלשע ליבע אין אים. ביז יענעם געוויסן טאָג האָט זי אים ליב געהאַט, דערנאָך האָט זי געזאָגט: נעם דיינע זאַכן און ניי.

איך וויל זיין נאָענט צו איר, פילן איר אָטעם אויף מיינע הענט. שטיי איך אויף און לאָז זיך גיין צום אָפענעם פענצטער ווו זי זיצט. וואָס מער מיין צו הויכער, צעוואַקסענער גוף דערנענטערט זיך צו איר, אַלץ ווערט זי קלענער. ביז איך בלייב שטיין נעבן איר זע איך בלויז איר קליינעם ברוינעם קאָפּ, אין אָנגעצונדענעם אין דער שקיעה.

איך פרוּוו זי דערמונטערן:

— אייער לעבן איז נאָך פאָרויס. די נייקייט פון דער היים וועט אייך באַגייסטערן. און גוט איז וואָס ער איז אַוועק. ס'וועט קומען אַ בעסערער, אַ נענטערער.

איך פיל אַז אין דעם נענטערן מיין איך זיך. נישט אומזיסט ציטערט

ביי מיר אַ וויע. נאָר איך רעד ווי וועגן אַן אומבאַוווּסטן וואָס דאַרף קומען פון אַ ווייטן וועג. :

— איר זייט ווערט — זאָג איך — אַ בעסערן. אַייערע אויגן זענען ווי דער גוטער האָניק וואָס באַזיסט און פאַרשיכורט.

איך האָב נישט געפילט איר בליק אויף זיך. איך האָב אין דעם מאָמענט צוגעמאַכט מיינע אויגן און זיך צוגעהערט צום ריזלען פון מיין בלוט.

די קרומע און זיגזאַגישע שטריכן זענען געוואַקסן אויף איר בויגן פּאַפּיר. איבערן לאַנד האָבן עס געניטע מענטשן געוויקלט אין די הענט און פון דעם זענען געוואַקסן וועגט און דעכער, אונטער וועלכע מענטשן האָבן געפונען זייער שווער גליק. מיט נייגער פון אַ קינד האָט זי געעפנט דעם קאָנווערט פון איר חודשלעכן געהאַלט און געדאַנקט פאַר דעם ווי פאַר אַ קאָמפּלימענט. עס זענען אויף איר פאַרשווונדן די איינציקע קליידער פון איר לאַנד מיט קליינע מעגלעכקייטן, און איר ברוינער גוף האָט אַרויס־געשמעקט פון געבלימטן קלייד ווי דער גוטער שאָקאָלאַד. דעמאָלט האָט זי מיר דערציילט.

— ער וויל מיך נעמען צו זיך, אין יענעם ווייטן רייכן לאַנד. און איך... איך האָב אים ליב.

איך האָב מיט מיין גרויסן, אומגעלומפּערטן גוף נישט געוווּסט ווי צו טרעפן צו איר האַרץ. האָב איך געבענטשט אויפן קול איר גליקלעכע באַשערטקייט און געשמייכלט אַנטקעגן איר גליקלעכן, פרייען שמייכל, וואָס איז געווען קינדיש פריי און ווייבלעך אומפאַרשעמט. אין די נעכט האָב איך זי געזען געגעבן צו מיין געלעגער. איר שמייכל איז פאַרשווונדן פון איר געזיכט און איך, וואָס האָב געזען אין איר שמייכל דעם גאָלדענעם אָפּגעלאַנץ פון דער זון, האָב מאָדנע הנאה געהאַט פון איר פאַרמשפּטן אָנשמייכלענדיקן געגעבן צו מיין בעט. אינדערפרי איז דער קאָשמאַר פאַרשווונדן און איך האָב געאיילט, פריער ווי שטענדיק, אין מיין ביוראָ אַריין, טרינקען מיין זיסן פּיין.

ווי אַ שטיל ווינטל וואָס זאָגט אָן דאָס בייטן זיך פון וועטער און ברענגט לסוף מיט זיך אַ שטורעם, אַזוי שטיל איז פאַרשווונדן דער גוטער און געליבטער פון ווייטן, רייכן לאַנד. אויף זיין אָרט איז געקומען אַ טייערער, אַ געליבטער, וואָס וויל פון גאָרנישט וויסן, נאָר ליב האָבן, ליב האָבן אָן

אַ ברעג. דאָס אומגעריכטע גליק האָט אַרויסגעזונגען דורך אירע ווייסע ציין:

— אדון גרין, איך בין גליקלעך! ווען איר קענט אים! דאָס איז מיין אידעאַל, די זון פון מיין לעבן.

איך האָב געשמייכלט צו איר גליק. נאָר די געזאַלצנקייט פון ים־ווינט האָט זיך מיר געלייגט אויף דער צונג. איך האָב נישט געוווּסט, פאַרוואָס די הענט מיינע ציען זיך צום ברייטן פענצטער, אַראָפּוּצולאָזן דעם שווערן שטאָר און פאַרגראָבן דאָס געזיכט מיינס אין חושך. נאָר זי האָט אָנגעכאַפּט מיינע אויסגעשטרעקטע הענט און העפלעך געמורמלט:

— אַדאַנק אדון גרין, אַדאַנק פאַר אייער מיטגעפיל.

אין יענער נאַכט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איך האָב ליב די דאָזיקע קליינע, צעשפּילטע פרוי.

3

דער וועג צו דער געליבטערס צימער לאָזט זיך נישט אויסמעסטן. אמאָל איז ער פריידיק און קורץ און אמאָל איז ער דער לאנגער וועג פון פיין. עס ווענדט זיך אין די שטערן וואָס באַגלייטן דיך און זייער ליכט וואָס זיי פאַרשפּרייטן אַרום זיך. איך בין געגאַנגען מיט איר און געפילט, ווי די שטערן דערציילן איינער דעם אנדערן מיין סוד. זי איז געשטאַנען ביים שפּיגל, געקעמט אירע לופטיקע ברוינע האָר און אַריבערגערעדט צו מיר דורכן נאַקן:

— ס'איז זייער נאַריש וואָס ער איז אַוועק פון מיר.

דער שאַרפער שיין פון טואלעטלאָמפּ איז געפאַלן אויף אירע האָר און זי אָנגעצונדן אין אַ פלאַם. איך האָב געוואָלט אויסשרייען: היט זיך פאַרן פייער, וועסט פאַרברענט ווערן! נאָר אָנשטאָט דעם האָב איך אומגעלומפּערט אַרויסגעקרעכצט:

— וויערא, איך האָב אייך, איך האָב דיך ליב...

זי האָט אויסגעדרייט צו מיר דעם קאָפּ און מיך אָנגעקוקט פאַרשעריש און מיט חדוש. דערנאָך האָט זי שטיל און צעפרידן אַ שמייכל געטאָן. אַזוי האָט געשמייכלט דער גוטער גאָט, ווען ער האָט מיט צופרידנקייט אָנגעקוקט

דעם ערשטן מענטש, זיין באַשאַף. באַלד האָט זיך איך שמייכל אויסגעלאָשן און אויף דעם אָרט איז געקומען אַ לייכטע פאַרזאָרגטקייט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און געזאָגט:

— מיר מוזן זיך צואיילן, מיר קאָנען נאָך פאַרשפּעטיקן דעם קאָנצערט.

איך האָב זיך אויפגעשטעלט און געוואָלט באַווייזן מיט דעם אַז איך בין גרייט, נאָר זי האָט מיך נישט געלאָזט טראַכטן:

— טו זיך אויס, שנעלער, מיר קאָנען נאָך פאַרשפּעטיקן...

און ווען די פינצטערע כוואַליע האָט פאַרפלייצט מיינע אויגן, האָט זי מיך געמונטערט:

— זאָגסט דאָך, אַז דו האָסט מיך ליב, איז מאך עס שנעלער, מירן נישט באַווייזן...

אויף מיינע ווייטע יונגט־טעג האָבן זיך אָנגעהויפּט בערג מיט יאָרן. דער צו־הויך צעוואַקסענער שווערער דב גרין קאָן נישט דערכאַפּן מער דעם דינעם קלאַנג פון אַ פאַרגאַנגענער מוזיק. נאָר דאָך איז מיר אויפגעקומען דאָס בילד פון נישט אויפגעגאַנגענעם ראָזשינקעס־ווײַן אין דעם ערב־יום־טובדיקן פלאַש און דעם מוטנעם וואַסער וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אים. ווען דו טרינקסט דעם קלאָרן, קוואַליקן וואַסער, פילסטו ווי דיינע גלידער ווערן אָנגעגאָסן מיט דער לייטזעליקייט פון גוטן גאָט. ווען דאָס קלאָרע וואַסער פאַרלירט זיין אור־ריינקייט און פאַרב, וויינט ביי דיר דאָס האַרץ און קאָן נישט געפינען קיין טרייסט.

איך האָב צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר און די שפּיץ פינגער פון מיינע הענט האָבן געפילט, ווי וויערא קעמט זאָרגפעלטיק ביים שפּיגל אירע צעגליטע ברוינע האָר...

פליגל־פלאַטער

זאָלסט זיך קיינמאָל נישט איילן פאַרלעשן דעם טאָג.

איך זיץ אויף דער טעראַסע און בינד־אויף די לעצטע שטראַלן פון דער זון. ס׳איז מיין אייגענע זון און זי האַלט ביים פאַרגיין. ווען דו ביסט מיד און דיינע האָר זענען וואָלקן־גראָ, מוז די זון מאַכן נאַכט און נידערן אויפן געלעגער מיט פאַרשעמטן טראַכט, דאָס געוועזענע וויינט־אויף אין איר מיטן רויטן שקיעה־באַנג.

דאַרף פונקט איצט אָנפליען אַ פלאַטערל, מיט זיידענע בלוי־סאַמעטענע און שטראַל־ליכטיקע פליגל. כ׳בין איבעראַשט: אַ זיידענער פליגל־פלאַטער ביים פאַרגיין פון טאָג! נאָר כ׳קאָן מיין איבעראַשונג פאַר קיינעם נישט דערציילן. שווערע טרערן פאַלן מיר פון די אויגן און ביים זון־פאַרגאַנג זענען זיי נישט שיין. נאָר דעם פליגל־פלאַטער לאָז איך נישט אַרויס פון אויג. ווען די נאַכט וועט איבערציען איבער מיין פנים איר רו, וועט דער פיאָלעטער פליגל־פלאַטער צודעקן מיינע אויגן מיט שפּליטערס טאָג.

אינדערפרי בין איך אויפגעשטאַנען מיט מיין יונגן זונס שמייכל אויף די ליפּן. איך האָב זיך געזעצט אויף מיין שוסטער־בענקעלע, גרייט אויפ־צוזינגען ״העמערל, העמערל קלאַפּ״. ווי לאַנג שוין נישט געזונגען קיין ליד? פאַבריקן זינגען נישט. און איך לייג נאָר זוילן אויף שווערע זיפּזיפ־שיך. פונוואַנען פלוצלינג דאָס געזאַנג צווישן גרויע פינגער?

מיט איר האָט געטראָפן אַ קליינִיקייט. פונקט פאַר דער פרעמיערע

האָט זיך איר אָפּגעבראָכן אַ קנאפּל פון גילדערנעם שיכעלע. וואָס איז זי שולדיק, אַז גרויע פינגער ציטערן אויף אונטערן ליכט פון אַ שטראַל?

דאָס גאָלדן שיכעלע אויף איר פוס צעשיינט זיך מיט דער ראָזער העלקייט פון איר הויט. ביים סוף פון געזאַנג־אויפגאַנג וועל איך דערגיין צו איר געזיכט, דורך איר העלן זאַנגען־גוף און שמאָלן וואַרעמען האלדז. אַ שוסטער האָט זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן: אויך די מלאכים זעען די זון נאָר פון יענער זייט גאָלדענעם גלי. און פון ווען אָן לויכטן בלויע אויגן און ווייצענע צעפּ פאַר אַ שוסטער, אין דעמער פון טאָג? איר פוס בליט אויף אין מיין שויס — אַ זאַפטיקער צווייג. מיינע גרויע פינגער ציען זיך דורך אים צום בוים, אויף וועמענס קרוין עס לויכט דער חלום פון אַלע פאַרגאַנגענע טעג.

מיין יונגער זון איז נישט צופרידן: כ׳האָב געבאַרגט ביי אים זיין שמייכל און גיב אים נישט צוריק. ער רעדט קלוג צום אַלטן טאַטן:

— פון ווען־אָן לויפט עס אַן אַלטער שוסטער אַלע נאַכט אין טעאַטער אריין?

ווי קאָן איך נישט גיין? אויף דער בינע פלאַטערן־אויף בלויע שטראַלן אין גאָלדערנע שיכעלעך. פון די שמאָלע וואַרעמע פינגער ביז אַרויף צום בוים־קרוין, אין געפלעכט פון העלן ווייץ אויף איר קאָפּ, ציט זיך מיין שוסטערישער ניגון מיט דער גאַנצער בענקשאַפט פון באַריר. ווי קאָן איך דערלעבן דעם סוף פון די טעג אָן דעם פליגל־פלאַטער, וואָס איז צו מיר געקומען ביים פאַרלעשן זיך פון טאָג?

ווי אַ זיידענער פאָדעם בין איך אַרומגעוויקלט אַרום איר גוף. איך גלעט אירע רונדע פיס און קלעטער אַרויף מיטן גראַ פון מיינע פינגער ביז צו איר העלן קרוין. און זי טאַנצט אונטערן ראָזן ליכט אויף דער בינע פון אַ ווייטן שוואַנען־לעבן. מיר איז גוט וואָס קיינער הערט נישט ווי מיינע הענט זינגען־אויס אויף איר גוף זייער שטראַלן־געזאַנג. מען וואָלט דאָך געלאַכט, ווען מען וואָלט דערזען צוויי שוסטערישע הענט, פּלוצלינג — צעשטראַלטע.

טיילמאָל פאַלט מיר איין: לאָמיר אוועקלייגן דאָס שוסטעריי און ווערן אַ בינע־ברעט אונטער איר גאָלדן שיכעלע. עס וועט זיין ליכטיק צו שטאַרבן

אונטער אירע פיס. עס וועט זיך מאַכן, זי וועט אַמאָל, אין טאַנץ, פאַרלירן איר גאָלדן שיכעלע, וועל איך ווידער האַלטן די צעבליטע צווייג פון איר גוף אין מיין שויס, און אַרויפבענקען צו איר געזיכט, צו די קאָרנבלומען אין די אויגן און ווייץ־געפלעכט אויפן קאָפּ. דערנאָך וועל איך אריין אינעם ווייַן פון איר בלוט און אויף אייביק אנטרינען פון דער פינצטערער נאַכט. וואָס זאָגסטו דערצו, מיין יונגער זון?

ער לאַכט, מיין יונגער זון: אָפּגעשלאָפן אַ לעבן, זיך אויפגעכאַפּט אין סאַמע גרוי, פאַרווילט זיך אים חלומען, דעם אלטן נאַר. ער וועט נאָך אָוועקוואַרפן דעם שוסטער־האַמער אויך, איר׳ט זען, און מיר אלע וועלן נאָך בלייבן אָן ברויט. געפונען אַ צייט זיך דערמאָנען אין נעכטיקע טעג.

נעכטן האָבן ווידער מיינע הענט אויפגענומען דעם פיאָלעטן־פליגל־פלאַטער. איך בין געזעסן אויף מיין שוסטער־בענקעלע, מיטן העמערל אין דער האַנט, און אָפּגעוואַרט מיטן קלאַפּ אין דער זויל, ביז כ׳וועל דערחלומען דעם שטראַל וועגן איר. האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר און זי האָט געגעבן אַ פלאַטער אַריין, גלייך פון דער זון אַרויס:

— שוין ווידער אַ מעשה מיט אַ קנאַפּל! איר האָט נאָך געדולד צו מיר, ר׳ ייד?

— איך האָב אייך נעכטן געזען אויפגיין צו דער זון — האָט עמעצער גערעדט פאַר מיר אנטקעגן די קאָרנבלומען אין אירע אויגן — איך וועל עס נישט פאַרגעסן.

זי האָט אויפגעשיינט מיט ווייסע פערל אויף פורפור־שנור:

— דאָס פעלט אייך אויס צו אייער שוסטערישער מלאכה?

— איך בין שוין נישט קיין שוסטער — האָט עמעצער איר אָפּגעענטפערט — איך בין שוין אַ בינעברעט אונטער צעבליטע צווייגן, אויף וועלכע עס גייט אויף אין טאַנץ דיין וואַרעמער, שמאָלער גוף.

— איר ווילט שטאַרבן? האָט זי זיך דערשראָקן — ווי קאָן אַ שוסטער אָפּטאָן אַזאַ זאַך? זי איז אַוועק און האָט מיר געלאָזט די ליכטיקע צווייגן פון איר גוף. איך האָב געגלעט אירע רונדע פיס, די איידעלע פידל — איר שמאָלן גוף, און זיך אָנגעטרונקען מיטן בלויען ווייַן פון אירע אויגן. מיין יונגן זון איז נישט געפעלן מיין שמייכל, מיט וועלכן כ׳גיי אַרום איבער

דער וועלט. אַ ייִד אין די יאָרן — באַקלאָגט ער זיך — און שמייכלט גאָר אויף דער עלטער. און אַצינד דער פליגל־פלאַטער, צו וועלכן ער שרעקט זיינע הענט... מלאכים זעען די זון פון איר קאַלטער, טונקעלער זייט. נישט געשטראָפט זאָל מען ווערן. אַזאַ איינער האָט היינט אַריינגעשיקט צו מיר איר מאַן, דעם אומעטיקן מאַן פון מיין פליגל־פלאַטער־חלום:

— מיין ווייב האָט פאַריכט ביי אייך קנאפל, זי איז אייך שולדיק געבליבן אַ צענערפונט.

— ווי שפעט איז? — האָב איך גענומען שטאַמלען — כ׳מיין, ס׳איז נאָך טאָג אין דרויסן, צי ס׳איז שוין נאַכט?

— זי איז אַוועק — האָט דער אומעטיקער מאַן זיך גערעדט זיינס — זיך אַוועקגעשלעפּט איבער דער וועלט מיט עפּעס אַ צעוואַקסענעם יונג, זוכן גליקן. אייך איז גוט, איר זייט אַ שוסטער און טראַכט נישט פון אַזעלכע זאַכן.

איך האָב געפילט ווי איך וויקל זיך אַראָפּ, ווי אַ זיידענער שנור, פון איר גוף, און איר ווייטער פליגל־פלאַטער פאַרגייט הינטער אַ גראַניטענעם באַרג. אַמאָל־אַמאָל, ווען איך האָב זיך געהאַט גענומען פאַר מיין שוסטער־העמערל, בין איך אויך געווען אַ ברייט־צעוואַקסענער יונג. וואָס איז דאָ דער וווּנדער, וואָס אַזאַ ברייט־צעוואַקסענער יונג איז איצט מיין יונגער זון?...

אַ געוויינלעכע פּאַסירונג

איר אָפּשטאַם איז געווען מער־ווייניק באַקאַנט. אויף וויפל ער קאָן בכלל זיין באַקאַנט ביי באַשעפעניש פון איר מין. ווער איר טאַטע איז געווען, האָט מען, פאַרשטייט זיך, נישט געוווּסט גענוי. דאַקעגן האָט מען גוט געקענט איר מאַמען. צוגלייך מיט נאָך זעקס ברידער און שוועסטער, איז זי, די זיבעטע, געבוירן געוואָרן אין איינעם אַ פאַרטאָג אין אַ ווינקל פון שטאַל. פאַרן ברענגען דאָס ביסל קליינוואַרג אויף דער ליכטיקער וועלט, האָט די מאַמע מיט די ציין צונויפגעשלעפּט עטלעכע אַלטע זעק פון די ווינקלען פון שטאַל, עס אויפגעשפּרייט אויף דער ערד און אויף דעם אָפּגעלעגן, מיט שטומען פאַרשטשעמעטן ווייטיק, געגלאָצט מיט די טונקעלע פייכטע אויגן און אַ שיטערער גאַווער איז איר גערונען פון מויל. ערשט פאַרטאָג איז די שטאַל פול געוואָרן מיטן שאַרפן געפּישטש פון די לעבעדיקע נפשות, וועלכע די מאַמע האָט זיך גענומען אַרומוואַשן מיטן הייסן גאַווער פון איר פלינקער צונג.

ווער פירט דען אַ חשבון פון אַזעלכע ברואים? זיי פּרוכפּערן זיך און מערן זיך, צעשפּרייטן זיך איבער דער וועלט, ווערן גערודפט, געפּלאָגט און גייען דערנאָך אַוועק פון דער וועלט שאַ שטיל, אַ סך שטילער ווי ס׳וואָלט זיך געפּאַסט פאַר זייער נישט־שטילן לעבן.

דעריבער קאָנען מיר טאַקע נישט דערציילן די לעבנס־געשיכטעס פון אַלע זיבן געבוירענע, אָבער פון איר, פון דער זיבעטער, דער יינגסטער קאָנען מיר שוין דערציילן אַלץ, וואָס מיר ווייסן, און מיר וועלן וואַר־שיינלעך נאָך ויסן ווייטער.

ווען מען האָט עס געבראַכט אין הויף אַריין, איז עס געווען נאָך גאָר אַ פּיצלס. דאָס בייכל איז געווען רונדיק און פול מיט דער מאַמעס הייסער מילך אין די געדערים. די אייגלעך האָבן זיך נאָר וואָס געהאָט באַפרייט פון זייער פאַרקלעפּעניש און האָבן באַוויזן פאַר דער וועלט עפּעס אַ מין פון ברוינע מאַנדלען מיט אַ קליינעם סימן פון טונקעלע ווייסלען ביי די ראַנדן. מיטן אייביק־הונגעריקן מויל האָט עס כסדר געזוכט דעו מאַמעס ברוסט. נישט געפינענדיק עס האָט עס ווייטער, מיט עקשנות געזוכט ביז עס האָט זיך איבערצייגט, אַז סע איז אומזיסט דאָס זוכן און דאָס וויינען. שנעל האָט עס שלום געמאַכט מיט דער לאַגע, אַז עס מוז אַריבערגיין אויף חסד־ברויט, וואָס צופעליקע האָבן עס צופעליק אונטערגעטראָגן. מילך איז מילך, וואַסער איז וואַסער, מיט דער צייט אַ ווייך מאַרך־ביינדל פון אַ יונגן עוף, אַלץ איז געוואָרן דאָס באַגערטע שפּייז פאַר דעם שטענדיק זשעדנעם, שטענדיק הונגעריקן נפש.

און זי איז זיך דערוויל אין איר טבע געוואָקסן. די צונג האָט זיך פון זיך אַליין אויסגעלערנט באַלעקן די האַנט פון דעם, וואָס האָט איר עסן געגעבן. אין בלוט האָט זיך די שטומע, פון זיך אַליין געקומענע, אונטערטעניקע געטריישאַפט צום באַלעבאָס באַוויזן.

ביז אין איינעם אַ טאָג איז די ענדערונג געקומען.

עפּעס האָט די הויט אויפן קערפּער אַ ציטער געגעבן און די שלאַנקע פיס זענען ווי צו דער ערד צוגעוואָקסן. עפּעס פון אונטער דער פעל האָט אַ שטויס געגעבן און האָט ביי איר די שמאָלע נאָזלעכער צעעפנט און אויף אין דער הויך די אויערן אויפגעשטעלט. עפּעס אַ מאָדנער הונגער האָט אונטערן האַרץ איר גענומען נאָגען. אָבער נישט יענער הונגער, וועלכער ווערט געשטילט ביים האַרטנאַקיקן קייען אַ ביין. זי האָט זיך דערשראָקן און אַ דערשראָקענע גענומען לויפן. צומערשט אין אַ האַלב־קרייז, כלומרשט דעם אייגענעם שאָטן צו דעריאָגן. דערנאָך שנעלער און פאַרביסענער, ביז

דער הויף איז פֿאַר די אויגן קלײן געוואָרן און פֿון די אויגן פֿאַרשוווּנדן. און ביז די גאַס די פֿרײַע, האָט איר ווילדן אַרומלויפֿעניש אויפֿגענומען.

און אַזוי לויפֿנדיק און אַזוי יאָגנדיק איז זי פּלוצלונג שטיין געבליבן. און שטײנבלײַבנדיק האָט זי פֿאַר זיך אײנעם אירס גלײַכן דערזען, און דערזעענדיק אים האָט זי אַן אומבאַוווּסטע שרעק דערפֿילט, און פֿון גרויס שרעקעניש אויפֿן אָרט געבליבן און רירן פֿון אָרט זיך נישט געקאָנט. פֿון אירע צעשראָקענע, ברייט צעעפֿנטע אויגן האָבן פֿונקען געשפּריצט און אָנגעצונדן ביי יענעם די זעלבע פֿײַערן איך די אויגן. אַ ווײַלע זענען זיי אַזוי געשטאַנען, ווי די שרעק וואָלט זיי צום אָרט צוגעבונדן. דערנאָך האָט זי אויף צוריק און אויף אונטערוויילעכטס אַפּלויפֿן גענומען, כּדי ווידער בלײַבן שטיין אין שרעק און שטוינונג.

פּלוצלונג, אומגעריכט האָט זיך אַלץ פֿאַרן בליק אַ דריי געגעבן. די הייסע בליקן האָבן דאָס בלוט געצונדן און איינער קעגן אַנדערן, און איינער אויפֿן אַנדערן האָבן שפּרינגען און טאַנצן גענומען. פֿון מויל האָט גענומען אַ הייסער אָטעם שלאָגן און אין די פּיס האָט גענומען אומלויפֿן אַ ציטער פֿון אָנגעגליטער גלוסטעניש. אין ווילדן שגעון האָט זי דאָס מויל צעעפֿנט און אירע רייסצײנער אַנטפּלעקט. די דינע פּיס האָבן זי פֿון אָרט געטראָגן, צו כאַפּן שנעל און פֿלינק דאָס, וואָס זי האָט אין גרויס גלוסטעניש באַקומען געוואָלט. און נישט באַקומענדיק און נישט דערפֿילנדיק דעם פֿלאַם, וואָס זאָל איר פֿײַער לעשן, איז איר דאָס שפּילעניש און דאָס טאַנ־צעניש דערצאָרנדיק געוואָרן. און אין צאָרן אין גרויסן, און אין ווילדעניש אין גרויסער, האָט זי אירע בלאַנקע צײנער אין יענעמס, אין געטראָפֿענעמס האַלדז אַרײַנגעלאָזט, און שנעל אין גרויס פּחד אַוועקגעלאָפֿן.

אַ גאַנצע נאַכט נאָכדעם איז זי וואַך געלעגן און אײַנשלאָפֿן נישט געקאָנט. די אויגן צום שטיק זילבער פֿאַרהויבן און געיאָמערט מיט יענעם יאָמער, וועלכער ציט זיך ווי אַ דינער אויסגעצויגענער געוויין אויף אַ גרויס אומגליק. דער גאַנצער גוף האָט איר וויי געטאָן, ווי נישט זי דעם געטראָפֿענעם, נאָר יענער גאָר וואָלט איר לייב מיט די רייס צײנער געביסן.

קײנער פֿון דעם הויף, און פֿון אַנדערע הויפֿן, און קײנער אין דער וועלט, איז נישט געקומען צו באַשײדן איר דעם סוד פֿון דערדאָזיקער,

אומגעריכטער טרעפעניש. בלויז זי אַליין האָט געפילט, אַז עס איז שוין נישט דאָס וואָס געווען. און אַז מיטן טאָג צוגלייך וועט זי מוזן ווידער לויפן פונעם הויף און זוכן און געפינען דאָס פאַרבאָרגענע, וואָס מאָנט פון אונטער דער הויט אַרויס, און וואָס די טרעפעניש די היינטיקע איז בלויז אַן אָנהויב דערפון...

אָבער ווען דער טאָג איז צוגעפאַלן און דער הויף איז פון גערודער און פאָרעניש פול געוואָרן, איז זי אַ מידע געלעגן און פון אָרט רירן זיך נישט געקאָנט. דאָס עסן דאָס דערלאַנגטע איז געבליבן נישט גערירט. און די אויגן אירע האָבן זיך צו זקנישן דרימל געקלעפּט. און פון בויך פון רונדן האָבן זיך שטילע, אָטעמדיקע דורך דער נאָז, זיפצן געריסן.

פלוצלונג האָט זי שאַרף אויף אַרויף די אויערן אויפגעשטעלט. נעבן איר זענען צוויי פון איר מין געשטאַנען און די נאָזלעכער קעגן איר געשפרייט און די פייכטע צונגען האָבן אויף די בלאַנקע ציינער געציטערט. זי האָט זיך אויף די מידע פיס געשטעלט און דעם מידן קאָפּ פון זיי אָפּ־געקערט. דאָס נעכטיקע האָט איר מיט גלייכגילט און ווידערווילן אָנגעפילט. די געקומענע צוויי האָבן איר אַרומשמעקן גענומען, ווי זיי וואָלטן דער־קענען געוואָלט, צי דאָס איז זי טאַקע, וואָס זיי, די געקומענע האָבן געזוכט. הכנעהדיק און שוין גאָרנישט דערוואַרטנטיק, האָט זי דעם רוקן אָנגעבויגן, ווען איינער פון די צוויי האָט אויף איר זיין פוס פאַרהויבן און איר עטוואָס צו דער ערד דער פייכטער צוגעדריקט. נאָר ווען אין דעם מאָמענט דעם געוויסן, ווען דער געקומענער האָט זיך צו זיין ווונטש דעם מאַנצבילשן דערשלאָגן, און אין איר דעם פלאָם דעם הייסן געצונדן, איז פון איר די מידקייט אַנטרונען, און דאָס צעשפּילטע בלוט האָט איר די אויגן פאַרשטעלט און זי האָט שוין מער גאָרנישט געזען...

און ווען זי האָט זיך מיט הנאה מיט גאַנצער צו דער זעט אָנגעטרונקען, און ווען אין די איברים אין אירע האָט זיך די זיסע מידקייט פון נאָך גענוס צעגאָסן, האָט זי דעם לייכטן קאָפּ אין דער זייט אָנגעדרייט, האָט זי דעם צווייטן, דעם געקומענעם דערזען, און אין אים, דעם נעכטיקן, פון איר ערשטער טרעפעניש דערקענט. און אַ צאָרן האָט זיך אין איר אָנגעצונדן. מיט אַנטבלויזטע ציינער האָט זי זיך צו יענעם, דעם שטייענדיקן אַ לאָז

געטאָן און פאַר אומזיסטער אויפרעגעניש און נישט געשטילטן פאַרלאַנג מיט רציחה באַצאָלט. מיט ווילדער הנאה אים דעם האַלדז דורכגעביסן ביז יענער איז אין אָנמאַכט געבליבן.

און ווען פון אים, דעם נעכטיקן, האָט דאָס לעצט ביסל בלוט אָפּ־געשטראָמט, און די פיס זיינע האָבן דעם לעצטן ציטער געגעבן, איז זי מיט איר איצטיקן ביי זיין קערפּער דעם טויטן געשטאַנען, און זיך געטריי געטיילט, חלק כחלק, מיט יענעמס, דעם טויטנס בלוט...

אויף דער עלטער

ווען זיי האָבן זיך באַקענט, האָבן זיי שוין ביידע געהאַט איבערגעשפּאַנט די שוועל פון זייער צעשפּילטער יוגנט. יעדער פון זיי האָט געטראָגן אויף זיין רוקן זיין פאַרגאַנגען לעבן. דער גורל איז געקומען און האָט זיי צונויפגעפירט אויפן דעמפיקן חושך פון אַ פינצטערער נאַכט.

ער — ווען די לבנה ראַנגלט זיך צווישן אָנגעפּוישטע, שווערע וואָלקנס, האַלט ער זיין אומעטיקן, האַלב־פאַרלאָשענעם בליק פאַרהויבן און קוקט זיך טעמפּ צו צו אָט דער עקשנות־שפּיל פון דער לבנה, וואָס וויל נישט פאַרגיין. זיינע מידע אויגן מאַכן זיך צו. עס ווילט זיך אים אַ יאָמער־טון מיטן אַלטן, פאַרגעסענעם יאָמער. נאָר ער קאָן נישט. אָנשטאָט דעם באַקומט זיך עפּעס אַ הויכער געגעניץ פון אַ זקן, וואָס פאַרשליסט נאָך מער זיינע אויגן און שווערט אַראָפּ זיין קאָפּ נידעריק צו דער ערד. אַ זיסער חלשות־דרימל באַפאַלט אים און אין דרימל נעמט ער זיך דערמאָנען זאַכן, וואָס לייגן זיך נישט אויפן שכל. ער בלייבט שוין אַזוי אין דרימל ביז די זון גייט אויף. דעמלט דערזעט ער אַ וועלט פול מיט טועניש, מיט ליכטיקייטן און שפּילערייען. קומט אָן אויף אים אַ שוואַכער רצון פון דערהאַלטן דאָס לעבן. עסט ער עפּעס וואָס ס׳קומט אים אונטער און לעבט אָפּ דעם וואכן טאָג מיט אַ פון־דער־זייט־זיך־האַלטן און קאַנטיקן זשמורען די אויגן קעגן דער פרעמדער זון.

זי — ביי איר האָבן זיך נאָך אויפגעהיט קליינע שיריים פון אָפּגעלעב־

טער יוגנט. אויך זי קוקט מיט מאַטער פאַרבענקטקייט קעגן לבנה־שפּיל. נאָר ביי איר צעעפענען זיך דערביי פאַרשעריש און מיט פאַרדאַכט די נאָז־פליגל און אַ קאַלטער ציטער גייט דורך אונטער דער הויט. דער אומרו לאָזט איר נישט איינשטיין אויף אַן אָרט און טרייבט זי אַרום, — מיט אויגן פאַריסענע — צו דער בלייכער, פאַרטונקלטער שיין. ביז אַ ווייטיק פון אַלטקייט קאָרטשעט זי צונויף און זי בלייבט ליגן אַ מידע, מיט אַן אָפענעם שלאָף, ווי אַ מויל פון אַ זקן אַן ציין. אָבער ווען די זון שיינט אויף מיינט זי, אַז זי איז אויפגעשטאַנען תחיית המתים.

צוויי הינט.

זיי זענען געקומען פון צוויי ווייטע, פרעמדע לענדער. יעדער מיט זיין שטייפן, שטרענגן באַלעבאָס, מיטן פרעמדן, מעשענעם בלעכל אויפן האַלדז און פרעמדן, פאַרדעכטיקן אָנשמעקן דעם פלוצלונג־אַנדערשדיקן קלימאַט. די באַלעבאטים זענען זיך צעפאָרן אין גרויסע, לופטיקע לימוזינעס און זיי, האָבן מיט חידוש אַרויסגעשטעקט ציין־און־צונג אין פענצטער צום אָנגעגליטן דרויסן.ביידן האָבן די באַלעבאַטים געגלעט איבער דער זיידענער פעל און די אויגן האָבן זיך ביי ביידע געקלעפט פון זיסן, הינטישן תענוג.

דערנאָך זענען אַוועק יאָרן פון קייטלדיקער אָפּגעהיטנקייט און פאַמעלעכן, ענגן שפּאַציר פון הונט און מענטש. זומער האָט זייער געשווירענע פעל געציטערט אין מאָרגן־שפּאַציר; ווינטער — אין טיפן, וואַרעמען זיפּץ ביים ברענענדיקן אויוון. אַמאָל פלעגט טרעפן, אַז די שטייפע באַלעבאַטים פלעגן זיך דערמאָנען אַן עפּעס. פלעגן זיי אָנטון שיינע קליידער און זיך לאָזן צו ווייט־ווינענדיקע, פון זעלבן ווייטן לאַנד געקומענע, באַקאַנטע. דעמלט האָבן זיי געגלעט זייערע הינט מיט אַ באַזונדערער צערטלעכקייט, ווי זיי וואָלטן וועלן איינשטילן אין זיי אַ הייסן אומגעדולד. אין קיל־ווערנדיקן פאַרנאַכט איז די מאַשין געפלויגן איבערן שאָסיי. די באַלעבאַטים האָבן געשמעקט מיט פערפום און וויזיט, די הינט האָבן געהאַלטן די שפּיציקע קעפּ אין אָפענעם פענצטער און געשניטן די לופט מיט הייסער, רויטער צונג. אין די געקומענע הייזער האָבן די באַלעבאטים העפלעך געטרונקען פון יאַפּאַנישע טעפלעך. פאַמעלעך געקייט ברוינעם קוכן און

זיי, די הינט, זענען פריי ארומגעלאָפן אין גערוימען, באַגראָזטן הויף. דאָרט האָבן זיי געטראָפן זייערס גלייכן, אויך אַזוינע אָפּגעהיטענע, אַרומגעשוי־רענע, און צו דער איצטיקער געלעגנהייט אָפּגעלאָזענע פון דער קייט. אַ לענגערע ווייל האָבן זיי זיך פאַרשעריש, מיט אויפגעוואַכטער הנאה באַשמעקט, זיך פאַרגאַנגען אין אַ פאַמעלעכן, פאַרטייעטן אַרומדרייען און תיכף זיך געלאָזט אין אַ רונדן הפקר־געוואָרענעם געלויף. אַלץ איז דאָ געווען ניי: דער הויף, די עטלעכע בעלי־חיים, וואָס רייצן דעם געביל און — די צייט איז געלאָפן אין קאָכיקער שיכרות. די באַלעבאַטים האָבן שוין אָפּגעדאַנקט פאַר דער קאַווע, געענדיקט אויסדריקן טויט־שמייכלענדיקע אנטציקונג פאַרן געשמאַקפול־איינגעאָרדנטן סאַלאָן און שוין פליט די מאַשין, מיטן זעלבן וועג, אויף צוריק. מיט זייטיקע, מענטשלעך־פאַרשעריקע בליקן, האָבן זיי געקוקט אויף זייערע הינט, געוואָלט ביי זיי דערגיין דעם סוד פון זייער באַקומענער פרייד. נאָר קיין באַקומענע פרייד איז נישט געווען. אַ הייסער ציטער — נאָך מער בריענדיק, ווי פריער — האָט געברענט די פעל און אַ שניידנדיקער טרויער האָט געגלאַנצט אין די ווינקלען פון די בלוט־פאַרלאָפענע אויגן. נאָך אַזאַ באַזוך, האָבן זיי לאַנג און דין געוואָיעט אין דער נאַכט.

*

זיי האָבן זיך צופעליק געטראָפן אויף אַ ווייט, וויסט פעלד. בייביידן איז שוין געווען ווייט די געדעכעניש פון אָפּגעהיטענער היימישקייט. ביידע זענען איצט היימלאָז־פריי, מיט פעל־פאַרוואָקסנקייט און גאַווער פון הונ־געריקער צונג. זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט געקענט, נאָר תיכף דערפילט זייער געמיינזאַמקייט. זיי האָבן זיך געזעצט איינער קעגן אַנדערן און גענומען קוקן אויף זיך מיט דער באַרעכנטקייט פון אַ סוחרישער יורדיש־קייט: פון וואָס הייבט מען אָן?

עס איז געווען אַ האַרבסטיקער פאַרנאַכט. די לבנה האָט זיך געראַנגלט דורך געדיכטע, שווערע וואָלקן־שטיקער. עס האָט געשמעקט מיט ווייטן, פייכטן וואַלד און פאַרפלייצטע פעלדער. זיי האָבן אָפּגעקערט זייערע בליקן

פון זיך און שווייגנדיקע גענומען קוקן צו דער שוואַכער, בלייכער לבנה. אים איז איינגעפאַלן, אַז צום בעסטן וואָלט געווען אַ רוף טון, פון סאַמע האַרץ אַרויס, מיט הייסן, וועלפישן יאָמער; אָנצינדן אין זיין נייער באַקאַנטער דעם פלאַם פון בענקשאַפט נאָך וועלפישקייט און וואַלד. און ביידע, באַנייטע, וועלן זיך דעמלט אַ לאָז טון מיט אימפּעט צום מקור פון פאַרגאַנגענער יוגנט. ער האָט געעפנט ברייט דאָס מויל און — די אַראָפּהענגענדיקע צונג האָט פאַרשטיקט דעם יאָמער אין אַ זקנישן, קרעכצנדיקן געגעץ.

זי האָט אויפגעהויבן צו אים דעם קאָפּ פול מיט מיטלייד, זיך צו אים דערנענטערט און, אויסדרייענדיק זיך צו אים מיט די הינטערשטע פיס, זיך אָנגעלענט אָן אים ווי אַמאָל, ווען זי איז געשטאַנען, אַ צעפּיעשטשעטע, ביי די פיס פון איר באַלעבאָס. אַ ווייטער ווידערקול פון אַ שוין לאַנג פאַרגעסענעם פאַרלאַנג האָט זיך אין אים דערוועקט. ער איז אויפגעשטאַנען אויף זיינע פיס און גענומען הינטיש־זכריש אַרומשמעקן איר גוף, איר האַלדז, איר נאַכלעסיק אַראָפּגעלאָזענעם עק. זי איז געשטאַנען אַ רואיקע און געוואַרט אויף אַ ווייטן, הינטישן נס. נאָר דער נס איז נישט געקומען. אַ מידער, מיט אַראָפּגעלאָזטן, יאָושדיקן עק, האָט ער זיך געלייגט צו אירע פיס און פאַרגראָבן דאָס פּנים אין דער פייכטער, מיט בלאסן שיין באַגאָסענער ערד.

זיי זענען געלעגן איינער נעבן אַנדערן שווייגנדיקע, מיט אויסגעצויגענע קעפּ אויף דער פייכטער ערד. פון די וואַרעמע בייכער האָבן זיך אויסגעדעמפּט שטומע הינטישע זיפצן, וועלכע זענען אין ערגעץ נישט דערגאַנגען אין דער דאָזיקער האַרבסטיקער פייכטער נאכט, מיט קראַנקער, זיך ראַנגלענדיקער לבנה אין שויבער פון טונקעלע כמאַרעס.

אַ סך אַזעלכע נעכט זענען געווען, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן אויפן ווייטן, וויסטן פעלד. אין שטומע בויך־זיפצן זענען זיי אָפּגעלעגן די נאַכט. און די קוים־אויפוואַכנדיקע גֿעדעכעניש פון פאַרלאַנג זענען אין די טעמפּע זיפצן פאַרלאָשן געוואָרן.

ביסלעכווייז זענען אויך פאַרשוווּנדן די קראַנקע חלומות וועגן אַ ווייטן וואַלד און וועלפישער יונגער פרייקייט. זיי זענען געלעגן אין די נעכט, מיט

די קעפּ פאַרגראָבענע אין פייכטן פעלד און די נאָענטקייט פון פעל האָט זיי געוואַרעמט. ווי אַן אַלטע, שווערע איבערדעק די קראַנקע פיס פון אַ זקנה. דער אונטערגאַנג פון דער זון האָט זיי דערמאָנט אין פעלד, אין זייערע טרעפענישן. אין די שווערע, ווינטערדיקע טעג, האָבן זיי אָנגעשטרענגט זייער גאַנץ געביין נאָכן אָרעמען, צופעליקן ביסן און אין די נעכט האָבן זיי צוזאַמען געזוכט אין פייכט פעלד די זיסע רו.

עס איז אָנגעקומען דער פרילינג. פון לאַנגן ווינטערדיקן געראַנגל מיט די וואָלקנס, איז די שוואַכע לבנה ארויס מיט נצחון. איצט איז זי געשטאַנען אין הויכן הימל אַ ריינע און אַ פולע. זיי האָבן געקוקט אויף דעם שאַרף־אויסגעשניטענעם ליכט און אַ שטעכעדיקער, נישט גוטער אומרו איז זיי באַפאַלן. זיי האָבן גענורעט די קעפּ אין דער ערד, אָבער די ערד איז געווען טרוקן און אָנגעגליט. זי האָט אָנגעגאָסן זייערע גלידער מיט שטעכיקן ווייטיק. זיי האָבן געוואָלט זיך באַהאַלטן פון ברייטן, אָפענעם הימל, פון פרייען, שאַרפן ליכט און נישט געקאָנט. צו איר איז דער פלוצלונגדיקער ווייטיק דערגאַנגען שניידנדיקער און טיפער. זי האָט זיך אַ שטעל געטון אויף אירע פיס און מיט גערייצטער אומרואיקייט גענומען אַרומקרייזן אַרום אים. אין קעגנזאַץ צו דער היץ, וואָס האָט געשלאָגן פון אונטער איר פעל, האָט זי דערפילט אַ ווייטיקלעך־שאַרפע קעלט אין די ציין. זי מוז דערפילן אין אירע ציין עפּעס וואַרעם־ברענענדיקס, ווען נישט וועט זי פאַרצערט ווערן פון גליוועך.

און אַזוי — קרייזנדיק מיט אַן אָפן מויל, — האָט זי מיט אירע ציין אָנגעכאַפּט פאַר זיין פעל. ער איז אַ צעשראָקענער אויפגעשפּרונגען און — אָנגעשטעקט פון איר אומרו, — זיך געלאָזט מיט איר אין אַ ווילדן געלויף. זיי זענען געלאָפן און זיך צוזאַמענגעשטויסן, זיך צוזאַמענגעשטויסן און געלאָפן, ביז זיי זענען געבליבן שטיין קעגנאַנאַדער מיט אויס־געשטרעקטע צונגען און בלאַנקנדיקע ציין. ער האָט דערפילט זיין בלוט אונטער דער ברענענדיקער הויט און אַ שאַרפן, פאַרשיכורנדיקן ווייטיק אין די קני. מיט געפונענער פלוצלונגדיקער פרייד איז ער אויף איר אַרויפ־געשפרונגען מיט דערוואַכטער לוסט.

אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט, ביז ער האָט דערפילט, ווי די אַלטקייט

האָט אים געפֿאַנגען אין איר גליווער. אין בלייכן שיין פֿון אָפּנעם לבנה־ליכט איז זיין קערפּער געשפּרונגען און געפֿאַלן פֿון איר גוף, געשפּרונגען און געפֿאַלן, ביז ער איז געבליבן ליגן אַ מידער אויף דער ערד — אַ גרויער, שוואַרצער פֿלעק אויפֿן בלאַס־ליכטיקן פֿעלד. פֿון זיין מויל האָט גערונען קאַלטער גאַוער.

ער האָט דערפֿילט אַ שנאה צו איר. דאָס האָט זי אים אָנגעצונדן זיין זקיניש בליט, כדי ער זאָל נאָך טיפֿער נידערן אין שניידנדיקן גליווער. ווען ער האָט כוח אויפֿצושטיין, וואָלט ער דעם לעצטן שפּרונג געטון און איר דעם האַלדז איבערגעביסן. אָבער ער ליגט אָן כוחות און נאָר זיין פֿאַרמאַ־טערטער בויך לאָזט אַרויס פֿון זיך קורץ־אָפּגעהאַקטע, פֿאַרמאַטערטע זיפֿצן.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים פֿאַמעלעך, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, פֿאַר־הויבן נעבן אים אַ פֿוס און אָפּגעטון איר געוויינלעכן, הינטישן געברויך. דערנאָך איז זי אַוועק פֿון אים ווייט, זיך געלייגט מיטן רוקן צום לבנה־ליכט, צום דערשלאָפֿן די רעשט נאַכט.

דאָס טייבעלע...

אין שפּיטאָל־צימער איז טונקל און קלעפּיק־וואַרעם. דער טויט לאַכט שטיל פון די אויסגעטראַכטע מעשיות וועגן מורא און באַנג פאַר פאַרגיין. ער קומט פּאַמעלעך און רואיק, נישט איבעראַשנדיק. די יונגע שוועסטער שוועבט פאַרביי מיט שטילן ווינט פון דרויסנדיקער וועלט. זי שטערט נישט די רו פון ערב־טויט.

איך ליג אויפן בעטל אין דער דאָזיקער געבענטשטער נאַכט, אָן שום נייגער צו דעם וואָס וועט צו מיר קומען און צו מיינע פיר שכנים אין צימער. באַלד וועלן מיר פאַרוואַנדלט ווערן אין מלאכים, וואָס שוועבן צום לעצטן מאָל איבער דער ערד און קוקן זיך צו, ווי זייער איבערבלייב ווערט פאַרהוילן אונטער דער שיכט פון מענטשלעכן אויג. באַלד נאָכדעם וועלן מיר ווידער ווערן יונג און אויפגיין אין זאַרגלאָזן געזאַנג. דער דאָקטאָר איז גוט צו אונדז. ער פאַרגעסט נישט די דאָזע מאָרפיום פאַר יעדן פון אונדז. ווי לייכט זענען די חלומות וואָס קומען אָן וויי.

גוט וואָס די שוועסטער זיצט אין איר שוועסטער־חדר און לייענט אַ ראָמאַן. אָנצייניקע שמייכלען פון שטאַרבנדיקע זענען נישט שיין. און אין ראָמאַן פליען גילדערנע פאַוועס און טראָגן ליבע־בריוו. די געבענטשטע נאַכט טיילט פונאַנדער צווישן רואיקן נישט־ווערן און יונגן ציטערדיקן אומרו. לאָמיר נישט טראַכטן וועגן טאָג־אויפשפּראָץ, וועגן ערשטן זונ־שטראַל, וואָס וועט פאַלן אויפן צוקאָפּנס, אויב ער וועט קומען .ער וועט

שטערן די נישט־דערוואַרטונג, די רו. לאָמיר נישט טראַכטן וועגן אים.

נישט טראַכטן. סתם אַן אומזיסטע זאָרג. די בלוט־געוועבן זענען אָפּגעקילט און דערגייען נישט צום מוח. ווי קען מען טראַכטן? עס איז פשוט די גנאָדיקע רו וואָס וויל נישט געשטערט ווערן. נישט מער. איך ליג אויף מיין בעטל אומבאַוועגלעך און מיין אויג, דאָס איינציקע, איז אָנגעשטעלט אויפן נעגאַטיוו פון סופיט. אויפן נעגאַטיוו, ווייל קיין פּאָזיטיוו איז שוין נישטאָ.

מיין איינציק אויג! פון ווען האָט עס אַ מענטש, אַפילו אַ שטאַרבנ־דיקער, בלויז איין אויג? איך האָב. עס איז אַ מעשה דערביי. זייער אַ שיינע מעשה, און אפשר אַ טרויעריקע אויך, ווען איך בין נישט דאָ און טרינק מיין רו, וואָלט איך זי אפשר אייך דערציילט. נאָר דעמאָלט וואָלט איך געהאַט מיינע צוויי אויגן און די מעשה וואָלט גאָר אינגאַנצן נישט געווען. ווייל עס איז דאָך אַ באַוווסטע זאַך, אַז ווען אַ מענטש טרינקט דערפרישנדיקן קוואַל־וואַסער, איז ער דעמאָלט יונג און דערציילט נישט קיין מעשיות. נאָר מסתמא וועט אָט די שיינע געשיכטע, די טרויעריקע, נישט פאַרלוירן גיין. דער דאָקטאָר וועט זי אַריינשרייבן אין מיין מעדיציני־שער קאַרטאָטעקע. עס איז אינטערעסאַנט. ווייל די גאַנצע רו וואָס איך געניס איצט, און די מאָרפיום־דאָזעס וואָס איך באַקום, אין נאָר צוליב דער שיינער מעשה, צוליב וועלכער איך בין געבליבן מיט איין אויג, אַ שטאַרס, אַן אַלץ־זעעוודיקס, אַ גאָרנישט־זעעוודיקס, אַן אויג צום זען דעם נעגאַטיוו.

די שוועסטער איז דאָ און דער ערשטער זון־שטראַל אויפן קישן איז דאָ. פאַלש איז געווען די מורא פאַר געשטערטער רו. דער זונשטראַל איז פון גאָלד, דער שוועסטערס קאָפּ איז פון גאָלד — און דאָך איז שטיל. דער דאָקטאָר רעדט נישט צו די קראַנקע, די קראַנקע רעדן נישט צום דאָקטאָר, קיינער פאַרלאַנגט גאָרנישט. אַלע אונדזערע אברים זענען פאַרדעקט, נישטאָ מער וואָס אויסצוגעפינען. דער דאָקטאָר ווינקט מער ווי ער רעדט, צו דער שוועסטער:

— אָט דעם, דעם איין־אויגיקן, אין איזאָלאַציע־צימער.

ווי שטיל דאָרט וועט זיין! עס פּאַסט זיך אַזאַ שטילקייט פאַרן איבער־גאַנג צו ווערן אַ שוועבנדיקער מלאך. די אויסלייזונג קומט גיך און שיין.

די שוועסטער לייגט איר האַנט אויפן ניקלנעם אָנשפּאַר פון מיין בעט און אָט שטעלן זיך די רעדלעך פון בעט מיטן פּנים צו דער טיר. נאָר פּלוצלונג קלאַפּט ווער אין פענצטער. די שוועסטער שמייכלט דערשראָקן צום דאָק־טאָר :

אַ טויב! אַ טויב פּיקט מיטן שנאָבל אין פענצטער!

איך וויל זאָגן אַז די טויב איז דאָ מער נישט נויטיק. זי האָט שוין אירס אָפּגעטאָן. אָבער די שוועסטער איז יונג און בעט זיך ביים דאָקטאָר:

— לאָמיר זי אַריינלאָזן, יעדער מענטש האָט רעכט צו באַגעגענען זיין טויב, איידער ער ווערט אַ שוועבנדיקער מלאך.

איך רעד נישט און שריי נישט. מיר איז אַ שאָד די שטילקייט. די טויב וועט זיצן ביים ראַנד פון בעט, אַ ביסל ווייט פון מיר. און צווישן אונדז ביידן וועט זיצן די שוועסטער און מיך באַשירעמען. מיין איינציק אויג וועט ווייטער זען בלויז דעם נעגאַטיוו, אויך פון דער טויב. מיין איינציק אויג וועל איך ווייטער האַלטן אָפן, און דערציילן מיין געשיכטע מיט דער טויב, אַ געשיכטע וואָס איז אי טרויעריק אי שיין.

✶

איך בין יונג. נאָך דער שטורעם וואָס האָט ביימער מיטן וואָרצל אויסגעריסן, האָט אויך אויסגעפּליקט די וואָרצלען פון די האָר אויף מיין קאָפּ. פייגל ווערן טרויעריק נאָכן אַרומקרייזן אַרום אַ שטורעם־פעלד. דער מענטש איז פאַרמשפּט פאַרצוזעצן דאָס געזאַנג פון גאָט אויף דער ערד.

און דעמאָלט האָב איך באַגעגנט די טויב.

וווּ איז איר טויבן־היים, ווען אַלע היימען זענען צעשטורעמט? און חוץ דעם איז זי גאָרנישט קיין טויב פון קיין טויבן־שלאַק, נאָר אַ ווילדע טויב, אַ טונקל־ברוינע, אַן איינפאַרביקע, מיט פאַרשפּיצטע פליגל און שנאָבל. זי עסט נישט קיין קערנער פון מענטשלעכע הענט און וואָרקעט נישט מילד אין מענטשלעכן שויס. אַ טויב מיט טונקעלן שטאָל אין בליק.

און די קערנער פון נאָכן־שטורעם זענען נאָך נישט קיין פאַרזייטע, און פאַלן נאָך נישט פון פולן זאַק אויף די זייטן פון וועג. מיט וואָס וועט

די איינזאַמע טויב דערהאַלטן איר לעבן אין אָט דער צעשטורעמטער וועלט? מיט אומצוטרוי און זייטן־שריט האָט זי זיך דערנענטערט צו די געוואָרפענע קערנער, זיך אָנגעפּיקט מיט זיי צו דער זעט, האַלטנדיק איר שטאָלענעם בליק צו מיר מיט אומרו און פאַרדאַכט. מענטשן האָבן נישט פאַרשטאַנען מיין אָפּגעבן זיך מיט דער ווילדער, איינקאָליריקער, פאַרהונגערטער טויב, וואָס קאָן קיינמאָל נישט ווערן היימיש און וואָרקען אין דיין שויס, מיט דער בלוי־גרויער ווייכקייט און טויבן־געבורום וואָס דערוואַרעמט דיין האַרץ מיט האָפענונגען. איך האָב צוגעוואָרפן אָט דער ווילדער טויב מיינע קערנער, און זי האָט אָנגעהויבן צוקומען נענטער און נענטער, ביז דער פאַרדאַכט איז ביי איר פאַרשוווּנדן און זי האָט זיך געזעצט אויף מיין אַקסל.

ווייט און שווער דערמאָנענדיק איז די פאַרגאַנגענע צייט. דער ווינט איז דעמאָלט געווען אַ טרייבנדיקער, אַן אומרואיקער, האָט דיך נישט געלאָזט זיך באַטראַכטן אין דיין אייגענעם שפּיגל. און די טויב איז געזעסן אויף מיין אַקסל און מיך דערמאָנט מיין חוב, אַז איך בין נישט מער אַליין, און אַז קערנער מוזן געקליבן ווערן פאַר איר טויבן־געברויך. אין די טעג האָט זי, אַן אויף־מיין־אַקסל־זיצנדיקע, געשטאָכן אין מיין נאַקן מיט איר שאַרפן שפּיציקן פליגל און מיך דערמאָנט אין דעם עול וואָס זיצט אויף מיר און איך מוז אים טראָגן. ווייל שווער איז צו אַנטלויפן פון זיך, און נאָך שווערער איז צו פאַרגעסן די אומבאַהאָלפנקייט פון אַ טויב, וועמענס עול דו האָסט גענומען אויף זיך. מענטשן האָבן געשפּאָט פון טויבישן אומ־געציפער וואָס האָט זיך אויף מיין אַקסל אָפּגעזעצט, פון דעם נאַקעט אויף מיין שאַרבן, וואָס די טויב האָט מילד פון אים די לעצטע האָר־וואָרצלען אויסגעפּליקט. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, די מענטשן, פאַרוואָס דאַרף געשענקט ווערן מילדקייט פאַר ווילדקייט. זיי זענען נאָך אַלץ געווען אין קרייז פון שטורעם און נישט באַרעכנט די באַדייטונג פון פליכט.

דערנאָך איז געקומען די נאַכט. די טויב איז געווען זאַט און איז געווען אין געמיט מיך צו באַטראַכטן און דערזען. און געזען האָט זי, אַז איך בין יונג, און אַז צוויי אויגן האָב איך, וואָס אין זיי זיצט די בענקשאַפט צו דער זון. האָט זי זיך צעלאַכט, די טויב, און איר געלעכטער איז געווען

שפּילעוודיק און אַנשטעקנדיק. אויך איך האָב מיטגעלאַכט. און די טויב האָט געוואָרקעט קלוג:

— די אויגן ביי אַ מענטש קוקן גלייך פאָרויס, זיי קאָנען פאַרפירן ווער ווייסט צו וואָס פאַראַ פאַרהוילענע געפאַרן. צו וואָס דאַרפסטו צוויי אויגן? מיך, דיין טויב, קאָנסטו זען בלויז מיט איין אויג, און דאָס איז דאָך גענוג...

און מיטן זעלבן געלעכטער האָט זי, מילד, ווי אין אַ שפּילעריי, מיך גענומען פּיקן דאָס רעכטע אויג.

ביז אין פריען פאַרטאָג איז אָנגעגאַנגען די דאָזיקע שפּילעריי. איך האָב געלאַכט און זי האָט געלאַכט. און ווען זי האָט אויפגעהערט לאַכן, און איר שנאָבל האָט שוין געפּיקט אין מיין אויג ערנסט און פאַרביסן, האָב איך נאָך אַלץ געלאַכט. ווייל טויבן טראָגן דאָך בלויז שפּילערייען און נישט קיין געפאַרן. אינדערפרי האָב איך אין שפּיגל געזען אַ קליינעם רויטלעכן פּונקט אַרום אויגן־לעדל, וואָס וועט זיכער אין אַ שעה־צוויי אַרום פאַרגיין.

מיין טויב איז געווען אומשולדיק. זי האָט נישט געקענט די רייצנדיקע געשיכטעס פון פּרינצן, וואָס ווערן געהאַלטן אין געשלאָסענע פּאַלאַצן, געפאַנגען דורך פאַרכישופטע בייזע בת־מלכהס. זי האָט נאָר געוווסט, אַז צוויי אויגן קאָנען פאַרפירן אויף צווייערליי וועגן, און זי האָט געוואָלט נאָר איין וועג, דעם וועג פון מיר צו איר. דאָס פּיקן אין מיין רעכטן אויג איז שוין שפּעטער פאַרגעקומען אָן שנאה און אויך אָן שפּילעריי. דאָס איז געווען אַ מייסטערווערק, באַרעכנט אויף נוצלעכקייט און דערפאָלג.

דאָקטוירים און אַנדערע וויסנדיקע מענטשן פאַרשטייען זיך אויף דער געפאַר פון אָנצינדונגען אין די דינע בלוט־אַרטעריעס. איך האָב פאַרבונדן דאָס געשוואָלענע אויג מיט אַ טוך און ווייטער געגאַנגען צו מיין קערנער־פאַרזיי אין פעלד. ווייל אַ פיער בין איך געווען און געוווסט האָב איך, אַז דאָס פעלד וועט טרויערן און טויבן וועלן וויינען פון הונגער, ווען איך וועל דאָס פעלד פאַרלאָזן. אָבער דער דאָקטאָר האָט מיך אויפן טיש געלייגט, צו זיינע קאָלעגן לאַטייניש געמורמלט, און נאָך אַ לאַנגן שווערן שלאָף,

אָן חלומות, בין איך אויפגעקומען אַן איין־אויגיקער, אַ זעער פון בלויז אַ האַלבע זון. מיין טויב איז געווען צופרידן:

— איצט זעסטו בלויז מיך, איצט ביסטו מיינער, מיינער...

אַ סך טעג ליג איך שוין דאָ, אויף מיין שפּיטאָל־בעט. ווען איך האָב געבעטן אויף זיך דעם טויט, האָט דער דאָקטאָר געשטילט מיינע ווייטיקן און געלאַכט: אַזעלכע ווי דו שטאַרבן נאָך נישט, צו פרי. און ווען איך האָב געבענקט צו מיין פעלד, צו מיין לעבן, איז דער דאָקטאָר געווען אומעטיק און שטרענג. ער האָט געוווסט, אַז די אַרטריעס צו מיין מוח זענען שוין צעשטערט, איך האָב געוווסט בלויז פון מיין אויג וואָס איז שוין מער נישטאָ, און געטראַכט וועגן זיך, דעם איין־אויגיקן וואָס וועט נאָך לעבן.

איצט איז שטיל. שטיל. די שוועסטער האַלט איר האַנט אויפן ניקל־ראַנד פון מיין בעט. ד רעדלעך פון בעט שטייען שוין מיטן פּנים צו דער טיר. באַלד וועל איך זיין אין איזאָלאַציע־צימער, און פון דאָרט וועל איך אויפגיין ווי אַ מלאך אין הימל. די טויב זיצט אויפן ראַנד פון מיין בעט און קוקט אויף מיר מיט טונקל־גרויען שטאָל. איך וועל צו קיינעם נישט געהערן, נאָר צו איר. פריער — דער געקומענער צו איר, איצט, דער וואָס גייט פון איר אַוועק...

זאָל נאָר זיין שטיל, שטיל. מלאכים גייען אויף צום הימל נאָר אין שטילקייט.

אין וועג צום אַלטן מאָן

נאָכדעם ווי מיט יאיר גרשוני האָט געטראָפֿן די אויסטערלישע פּאַסירונג, האָט ער, מעשה יונגערמאַן אויפֿגעהויבן אַ האַנט און געגעבן אַ קורצן, דינעם סווישטש, אָפּגעשטעלט אַ טאַקסי, און זיך געהייסן אָפּפֿירן צום ביורא פֿון זיין נייער באַקאַנטער סימא דאָרינא, די נייע עולה פֿון יענץ גרויסן לאַנד, ווו עס האָט איר געדויערט אַ גאַנץ לעבן, כדי זיך צו דערוויסן, אַז זי איז אַ יידיש קינד און איר לייבלעכער פֿעטער ראובן דאָרין, איז פּראָפֿעסאָר אויפֿן אוניווערסיטעט אין דער אייביקער שטאָט.

און געשען איז עס אַזוי.

ווען יאיר גרשוני איז אינדערפֿרי אַראָפּ אויף דער גאַס און זיך געלאָזט צום צייטונגס־קיאָסק, האָט ער פּלוצלונג דערזען, ווי די גאַנצע גאַס איז אויפֿגעבליט אין העל־בלויע און העל־רויטע בלומען, און אינדערלופֿט פֿליען אַרום קליינע, גילדערנע פֿייגל און זינגען שירה. די מענטשן אויף דער גאַס זענען פֿאַרבייגעגאַנגען צעשמייכלטע און רואיקע, ערשט נאָרוואָס אַרויסגעקומענע פֿון אַ וועלט לויטער גליק. יאיר גרשוני האָט זיך תּכף דערמאָנט אין זיין נעכטיקער באַקאַנטשאַפֿט מיט סימא דאָרינא, די יונגע שיינע פֿרוי, מיט די טיף־שוואַרצע אויגן און אָוואַל געזיכט פֿון טונקעלן איידעלן בראָנז. אין דעם אויפֿבלי פֿון די בלומען האָט ער געזען דאָס ליכט פֿון אירע ברייטע לאַכנדיקע ציין און איר וויגנדיקן טראָט ווי דאָס געזאַנג פֿון די פֿייגל. ערשט נעכטן האָט ער זי באַקענט, גאַנץ צופֿעליק, און איצט ציט זי אים צו זיך, מיט אירע אַלע גלידער, ווי די דורשטיקע ערד, וואָס ציט צו זיך דעם רעגן־

טראָפּן און זאַפּט אים אין זיך איין. יאיר האָט זיך געלאָזט צום ראָג גאַס, צו דער טאַקסי־סטאַנציע. און דאָ האָט אים אַן אַלטער מאַן, אין טונקעלע קליידער, מיט אַ פּונלאַנג נישט צעקעמטער באָרד, אָנגענומען פאַרן אָרעם און צו אים געפּליסטערט:

— גייט נישט צו איר, אדון גרשוני, איר וועט איר פאַרשאַפן אומזיסטע ליידן. —

— פאַרוואָס מוז איך טראַכטן בלויז פון איר? — האָט יאיר דער־ווידערט. און ווו בין איך אַליין? פאַר מיר מוז שוין דער גענוס זיין פאַרבאָטן אויף אייביק?

— דאָס האָב איך נישט געזאָגט — ענטפערט דער אַלטער רואיק. נאָר שטענדיק קומט שוין אַזוי אַרויס — מיר קויפן אונדזער ביסל גליק פאַרן פּרייז פון יענעמס ליידן. און קיינמאָל קימערט אונדז נישט דאָס פאַרברעך מער ווי די מורא פאַר דער שטראָף.

— איז וואָס ווילסטו, אַלטער? — האָט יאיר זיך שוין גענומען בייזערן, ווילסט מיך נישט לאָזן גיין צו איר?

— דו וועסט דאָך גיין צו איר, דו מוזט דאָך גיין — האָט דער אַלטער ווי באַדויערט און אָפּגעלאָזט דעם אָרעם פון יאיר גרשוני, נאָר כ׳וויל דיר גרינגער מאַכן דיין וועג, באַזייטיקן, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, פון וועג דאָס געוויסן. דעמלט ביסטו פריי.

— איז וואָס דאַרף איך טאָן, אַלטער?

— אַ קלייניקייט. דאַרפסט מיך נאָר באַזייטיקן פון דיין וועג. איך בין אַלט און שטיי לייכט אויף מיינע פיס. דער לייכטסטער שטויס דיינער, אפילו מיט אַ פינגער, וועט מיך וואַרפן אונטער די רעדער פון דיין אויטאָ. דעמלט וועסטו זיין פריי.

יאיר האָט געשמייכלט. ער מוז זיין גערעכט, דער אַלטער, דער פּלוצלונג דערשינענער אין דער צעלויכטענער גאַס, אָט דער אויסטערלישער זקן, אַ געקומענער פון אַ ווייטן יאָרהונדערט. ער האָט אַ לייכטן שטויס געגעבן דעם אַלטן אין ברוסט, בלויז מיט אַ פינגער, און יענער איז פאַרשוווּנדן, ווי עס פאַרשווינדט דער רויך אין ווינט. ערשט דעמלט איז ער איינגעשטיגן אין טאַקסי און זיך געהייסן אָפּפירן צו יענעם ביוראָ, ווו עס געפינט זיך

די שטילע, מיט רו באַצויבערטע סימאַ דאָרינאַ, די פֿרוי, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן נישט געוווּסט, אַז זי האָט אַ לייבלעכן פּעטער אין שטיינערנעם סימבאָל פֿון יידישער אייביקייט. ערשט איצט, צו אירע דרייסיק יאָר האָט זי זיך עס דערוווּסט.

ער האָט זי געטראָפֿן ביים אַרויסגאַנג. זי האָט צו אים געשמייכלט מיט אירע טונקעלע אויגן פֿון ווייכן סאַמעט. ער האָט זי אָנגענומען ביי אָן אָרעם און ביידע זענען אַוועק מיט אַ ריטמישן טראָט איבערן טראָטואַר.

— סאַראַ מאָדנער טאָג היינט איז! — האָט יאיר געזאָגט. שוין לאַנג האָב איך נישט געהערט, די פֿייגל זינגען אינמיטן העלן טאָג.

— ס׳איז גוט ווען פֿייגל זינגען — האָט סימאַ געענטפֿערט, און געבליקט צו אים אָפֿן און פֿריי. דאָרט וווּ עס איז נישטאָ קיין פֿייער און רויך, דאָרט זינגען פֿייגל.

יאיר האָט געוואָלט דערציילן פֿאַר דערדאָזיקער פֿרוי אַ סך זאַכן פֿון זיין לעבן, כדי צו דערנענטערן זי צו זיך. ער האָט אָבער נישט געוווּסט פֿון וואָס אָנצוהייבן. ער איז אַ הי־געבוירענער, דורכגעברענט אין אַלע מלחמות און דורכגעזוניקט אין אַלע פֿעלדער פֿון לאַנד. זאָל ער איר דערציילן, אַז ער לאָזט זיך איצט אין דער ברייטער וועלט, ווייל עס איז אים פּלוצלונג ענג געוואָרן אין דער קעל? צי וועט זי עס פֿאַרשטיין? ער האָט זיך צעלאַכט:

— עס איז זייער שווער אָנצוקומען צו אייך, גברת דאָרינאַ, שטעלט אייך פֿאָר, אַז כדי אָנצוקומען צו אייך האָב איך געמוזט פֿריער דערמאָרדן עפּעס אַ זקן, אַ נודניק מיט אַ צעפּאַטלטער באָרד.

— אַ געראָטענער וויץ — האָט דאָרינאַ קוים געשמייכלט, אַזעלכע וויצן ווערן געבוירן נאָך אָפּטע מלחמות און פֿאַרלאָרענע פֿריידן. איר וועט מיך באַגלייטן אַ היים, אדון גרשוני?

זיי זענען געגאַנגען און געשוויגן, כאָטש יאיר האָט געפּרווּט אין געדאַנק אָנקניפּן אַ געשפּרעך. אָבער מער ווי אַ שפּליטער פֿון אַ געדאַנק איז נישט אַרויסגעקומען פֿון דעם. ביים אָנקומען צו איר וווינונג האָט ער זיך אַליין געשטעלט די פֿראַגע: וואָס וויל ער פֿון דערדאָזיקער שטילער פֿרוי? זי האָט אויפֿגעשלאָסן די טיר און אַם געלאָזט גיין נאָך זיך, ווי אַ באַקאַנטן, וואָס קומט אויף אַ ווייל און וועט באַלד אַוועקגיין. ער איז געבליבן אַליין אין

צימער און זי איז פאַרשוווּנדן אין אַ זייטיקן חדר. ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט אַ קרומער זון־שטראַל זיך געשפּילט אין אירע פּעך־שוואַרצע האָר און באַלויכטן מיט גאָלד דעם מילך־ווייסן האַלדז, אַרויסגעהויבענעם פונעם אויפשניט פון איר שטוב־ראָק. אַ שווייגנדיקע האָט זי צעשטעלט צוויי טעפּעלעך קאַווע אויפן נידעריקן טישל. יאיר איז געווען אומרויִק און אין זיין אומרו גערעדט אָפּגעהאַקטע רייד:

— עס איז זייער מאָדנע, וואָס איך האָב אייך באַקענט, גבֿרת דאָרינאַ, איר, אַזאַ שטילע, אַזאַ צוריקגעהאַלטענע.

— איר דאַרפט נישט מאַכן קיין טעות, אדון גרשוני. נישטאָ קיין שטילע און צוריקגעהאַלטענע מענטשן. יעדער מענטש ענטפערט, אויף זיין שטייגער, אויפן רוף, וואָס דערגייט צו אים. ווי לאַנג איז ווי איר האָט נישט געהערט דידאָזיקע שטים, אדון גרשוני?

ער האָט געלאַכט נערוועז:

— פאַרשידענע קולות האָב איך געהערט. ווייזט אויס, אַז טאַקע צוליב דעם האָב איך נישט געהערט דידאָזיקע שטים, וועגן וועלכע איך רעדט. אין גדנע האָבן מיר געטראָגן די ביקס און געזונגען: "אונדז אַרום דער שטורעם ברומט". די מיידלעך האָבן עס נאָכגעזונגען מיט צעקרימטע ליפּן פון ווייטיק, צוליב די מאָזאָליעס אויף די פיס וואָס האָבן געפייניקט. דערנאָך זענען שוין געקומען די מלחמות. און אין מלחמות שטאַרבט די ערשטע — די ליבע.

ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל. זיינע שפּיץ פינגער האָבן באַרירט איר ווייסן האַלדז. איינער נעבן צווייטן זענען זיי געזעסן אויף דער ווייכער סאָפע און זי האָט געבליקט צו אים מילד און וואַרעם.

— ערשט נישט לאַנג איז מיר איינגעפאַלן אַ מאָדנער געדאַנק, אדון גרשוני. איינער פון די נאַרישסטע געדאַנקען וואָס קענען קיינמאָל נישט מקוים ווערן.

— דערציילט, סימאַ דאָרינאַ, דערציילט.

— מאַלע וואָס אַ נאַרישן קאָפּ קען איינפאַלן — האָט זי געשמייכלט פאַרשעמט. איר זייט מיד, אדון גרשוני, אַלע זייט איר מיד. צו אָפּטע יום־כפור'ס זענען דאָ פאַרגעקומען. איז מיר איינגעפאַלן — אפשר גייט איר

אַביסל אין אורלויב, איר, דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָס לעבט אין פֿייערן און דונערן, און אַנדערע יידן זאָלן אייך אַביסל פֿאַרבייטן. ווו זענען זיי, אַדון גרשוני, די אַנדערע מיליאָנען יידן?

ער האָט נישט געהערט אירע רייד. ווי אַ קינד האָט ער זיך געטוליעט צו איר ברוסט און איינגעזויגן אַלע שאַרפֿע פֿאַרשכורנדיקע אַראָמאַטן. זי האָט אים געגלעט די שיטער־וואַרנדיקע האָר אויפֿן קאָפּ און געשוויגן. ער האָט געפּליסטערט:

— סימאַ דאַרינאַ, סימאַ...

און פֿון דער העלער הויט האָט אויף אים פּלוצלונג אַ פּלייץ געטאָן איר בלענדיק ליכט. זי איז געשטאַנען פֿאַר אים אַן אַנטבלויזטע, מיט אָפֿענע ריינע בליקן ווי אַ בוים אין בליונג. אַ ווייל איז ער געבליבן פֿאַרבליפֿט און צעטומלט. אירע קליינע שטייפֿע ברוסטן האָבן געאָטעמט מיט פֿאַרטייעטן פֿייער. ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און מיט איר געני־דערט אויף דער ווייכער סאָפֿע און פֿאַרדעקט איר שמאָלן גוף מיט דער מאַסיוויקייט פֿון זיין ברייט־צעוואַקסענעם קערפּער. וועןביידע זענען אויפֿ־געקומען פֿון זייער ווייטער רייזע, איז שוין די זון געהאַט פֿאַרשוווּנדן פֿון הינטערן פֿענצטער און אַ געדיכטע פֿינצטערניש האָט זיך אָנגערוקט אויף די ווענט פֿון צימער. זי האָט געפּליסטערט:

— איך וויל דיר שענקען אַ מתנה. אַ קליין חנודיק נעגערל אויס פֿאַרצעליי. עס וועט דיך היטן און באַשירעמען.

נאָר ער איז שוין געווען וויט פֿונדאַנען. צווישן איין שלוק קאַווע און צווייטן האָט ער איר דערציילט וועגן ווייטע לענדער, וווּהין ער וועט זיך לאָזן. איצט האָט ער גערעדט גיך און פֿריי, ווי אַ נישט־געניטער שכור ווען דער בראַנפֿן בינדט אויף די צונג. זי איז געזעסן קעגנאיבער אים און געשמייכלט. און ער האָט נישט געזען די ביטערניש פֿון איר שמייכל און האָט ווייטער גערעדט:

— מיר איז שוין דערעסן, אָט דאָס אַלץ, איר פֿאַרשטייט סימאַ? דערעסן. זאָלן אַנדערע פֿאַרזוכן דעם טעם.

זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט פֿון דער סאָפֿע אַ שטאָלצע און אַ שווייגנ־

דיקע. פאמעלעך איז זי צוגעגאנגען צו דער טיר פון וואנע־צימער, זיך אַ ווייל פארטראכט, און לסוף זיך אויסגעדרייט צו אים און געזאָגט:

— איך דאַרף אייך עפּ׳ס זאָגן, אדון גרשוני. עפּעס נויטיקס. וואַרט צו א ווײלע, גייט נישט אוועק.

זי איז פארשוווּנדן הינטער דער טיר. פון דאָרט האָט זיך תכף געהערט דאָס אָנגענעמע גערויש פון וואסערשטראָם און אַ געדעמפט אָפּגעהאקטער קרעכץ פון אַ מענטש וואָס קאָרטשעט זיך אין ווייטיק. פון באָד־צימער איז סימא דאָרינא ארויסגעקומען אַ רואיקע, ווייטע און פרעמדע, מיט אַ קאַלטן, טויטן שמייכל אויף די ליפּן. ווידער זענען זיי געזעסן און געטרונקען קאווע. דאָרינא האָט גערעדט ווי אַ לערער צו אַ פארזינדיקטן שילער:

— איך בין אייך אַלץ מוחל, אדון גרשוני. איר מעגט אויך גיין אהיים און נעמען אַ וואנע. אָבער צוּוואָס האָט איר דערמאָרדעט דעם אלטן מאן אויפן וועג צו מיר?

— ער האָט מיר געשטערט. ער האָט זיך אליין געשטערט. — האָט גרשוני זיך גענומען הייס פארענטפערן. ער האָט געזאָגט, אַז איידער איך גיי צו דיר מוז איך אים דערמאָרדן. און איך האָב שטארק געוואָלט צו דיר. און כ׳בין אזוי מיד און מיין צייט גייט פארביי, און ווארטן קען איך נישט...

— וויסטו ווייניקסטנס וועמען דו האָסט דערמאָרדעט?

— צי איז עס וויכטיק? אַ געשטאלט פון אַ פארגאנגענע צייט. אַ נישט־דאָזיקער, אַ נישט היינטיקער.

— מיר האָבן היינט געלערנט געשיכטע — האָט זי אים איבערגעהאקט. און דאָרט האָב איך געזוכט די געשטאלט פון אלטן מאן, וועמען דו האָסט דערמאָרדעט. איז עס נישט א.ד. גאָרדאָן?

ער איז געזעסן און געשוויגן און נישט געפילט, ווי עס קומען אים אָן טרערן אין די אויגן. זי האָט גערעדט ווי נישט צו אים, נאָר סתם אַזוי, אין חלל פון צימער:

— שטענדיק געשעט עס אזוי. אמאָל דערמאָרדן מיר דעם מאן, וואָס האָט פארשריבן זיין לערע מיטן אקער־אייזן איבערן פעלד, אמאָל איז עס דער מאן פון "פארברעכן און שטראָף". און שטענדיק, נאָך אזא מאָרד,

לאָזן מיר זיך אויפֿן וועג פֿון לייכטער זינד. ווייל אינדערעמתן האָבן מיר קיינעם נישט דערמאָרדעט, אויסער אונדזער געוויסן.

זי האָט געקוקט אויף אים אָן האַס און מיט מיטלייד. זי האָט געזען די טרערן וואָס רינען פֿון זיינע אויגן און האָט אים נישט געגלויבט, אַז ער האָט דערמאָרדעט דעם אַלטן מאַן. אויף ציטערדיקע הענט האָט זי אים צוגעטראָגן איר מתנה — דאָס קליינע נעגערל אויס פּאָרצעליי. איצט האָבן אויך אין אירע אויגן געפֿינקלט טרערן:

— פֿיר עס נישט אין דער ווייט — האָט זי געזאָגט. עס וועט שטאַרבן פֿון בענקשאַפֿט. און דאָ וועט עס לעבן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג דו וועסט לעבן אויף דער ערד.

זי האָט אַרומגענומען זיין קאָפּ און אים צוגעדריקט צו איר ברוסט. איצט איז ער געווען רואיק און זיינע הענט האָבן נישט געציטערט, בעת ער האָט איינגעשלאָסן אין זיינע אָרעמס איר שמאָלן גוף, דעם אויפֿגעבליטן ווי אַ בוים אין פֿרילינג. ער האָט געזען דעם מאַנדלבוים אין ראָזן צוויט און זיין האַרץ איז אויפֿגעגאַנגען מיט היימישע בענקשאַפֿטן. ער האָט שוין מער נישט געוויינט.

שפּעטער זענען זיי אַרויס שפּאַצירן אויף די גאַסן פֿון שטאָט. אין די שמאָלע פֿענצטער פֿון די קלויסטער־טורעמס האָט נאָך שעמערירט די אונטער־גייענדיקע זון. אָבער אויף די גאַסן האָט שוין געלויכטן דאָס נעאָן־ליכט און מענטשן האָבן שפּאַצירט מיט אָפֿענעם געלעכטער אויף די ליפּן. אויך סימאַ דאַרינאַ האָט געלאַכט, גלייך אין פּנים אַריין פֿון יאיר גרשוני:

— האָסט מיך אָפּגענאַרט, טייערער, האָסט אים נישט דערמאָרדעט, דעם אַלטן מאַן. ער לעבט!

— ווו איז ער? — האָט יאיר אויסגערופֿן. ווו איז ער? לאָמיר בעטן ביי אים מחילה.

— זעסט דאָ די מענטשן אַרום אונדז? ער איז דאָ צווישן זיי — האָט סימאַ געשמייכלט.

אַ ייִנגעלע פֿון אַ יאָר צען איז זיי אַנגעקומען אַנטקעגן. סימאַ דאַרינאַ האָט אים צוגערופֿן מיט מאַמישער צערטלעכקייט אין שטים:

— קום אַהער, אַלטער מאַן, קום מיט אונדז שפּאַצירן.

דאָס יינגעלע האָט זיך צעלאַכט פון דער נייער עולה וואָס קען נישט קיין עברית און וואָס זאָגט אויף א יינגעלע — זקן. אויך סימא דאָרינא און יאיר גרשוני האָבן געלאַכט. ארום זיי האָט גערוישט לעבהאפט די גאס, אַ באלויכטענע מיט טויזנטער ליכטער.

3020